STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07822

YIDISH-PRESE IN RUMENYE

Volf Tambur

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואָלף טאמבור

יידיש־פּרעסע אין רומעניע

הילע: א. פאַך

וואָלף טאמבור

יידיש-פּרעסע אין רומעניע

(בייטראָג צו א מאָנאָגראפיע)

הונדערט יאָר (1877—1977) זינטן
דערשיינען אין בוקארעשט
פונעם ערשטן יידישן טאָגבלאט
אין דער וועלט

פארלאג קריטעריאָן,
בוקארעשט 1977

געווידמעט,

מיין ווייטן שכן
און נאָענטן פריינד:
מאיר מארקאָוויטש

אין באנד:

אריינפיר ... 7

— יידן אין רומעניע ... 11

ערשטער טייל 1855—1877 ... 19

— פון אלף ... 21

צווייטער טייל 1877—1918 ... 45

רומעניע אומאָפּהענגיק ... 47

דריטער טייל 1918—1944 ... 163

— פאראייניקט גרויס-רומעניע ... 165

פערטער טייל 1944—1977 ... 275

— נאָכן מבול ... 277

— ביז תּאָוו ... 308

אָפּרופן ...

אליעזר וויזל: וואָלף טאמ:ור, מיין בן עיר ... 316

זוכצעטל לויטן אלף-בית ...

— פובליקאציעס ... 322

— נעמען ... 326

— טאָגצייטונגען ... 334

— מערשפּראכיקע פובליקאציעס ... 335

— פובליקאציעס לויט די שטעט ... 337

— פאָטאָס ... 341

אינהאלט — ... 342

קורות העתים

יאסי מאנטאג 27 פעבער 1856

יאסי דען 23 פעבער 1856

[illegible]

[illegible]

יש מתעשר ואין כל׳

[illegible]

אריינפיר

דאָס בוך איז צוגעגרייט געוואָרן צום הונדערט-יאָריקן יובל זינט דערשיינען אין בוקארעשט פונעם ערשטן יידישן טאָגבלאט אין דער וועלט.

דעם דאָקומענטארן מאַטעריאַל האָב איך צוגעגרייט מיט פיל יאָרן פריער, ווייל דער ענין פון דער יידישער פרעסע אין רומעניע האָט אויך מיך אינטערעסירט, גלייך מיט אנדערע פאָרשער, וועלכע האָבן מיט מי, ביי פארשידענע געלעגנהייטן, זיך אָפּגעגעבן מיטן פארצייכענען די יידיש-פובליקאציעס, וואָס זענען דערשינען אין רומעניע, אָנהייבנדיק מיט ש״ס-ראָמאַן אין די „פילאָלאָגישע שריפטן" פון ייוואָ, דריטער באנד, ווילנע 1929, ביז נאָטאַן מארק, אין זיין בוך „יידיש-ליטעראַטור פון איר אָנהייב ביז 1968".

אין וויפל איך האָב געקאָנט האָב איך צוגעלייגט א האַנט, אז אין דער העברעאישער אויסגאַבע פון נאָטאַן מארקס בוך, אין יאָר 1974, זאָל די צאָל פון די צייטונגען און פעריאָדישע אויסגאַבעס וואַקסן, פאַר וואָס דער מחבר האָט מיר געדאַנקט אין זיין הוספה, וואָס ער האָט שפּעטער צוגעגעבן צו יענער אויסגאַבע.

אָבער אויך דאָרט זענען פאַראַן אייניקע בלויזן. למשל, אַלע האָבן פאַרצייכנט, אז אין בוקארעשט איז דערשינען א פובליקאציע „דער פּאָליטיקער". אזוי פיל און נישט מער. דאָס, און נאָך אזעלכע פאַלן, האָבן מיך באַוואויגן, אז איך זאָל זיך נעמען מיט מער פלייס צו דער אַרבעט, כדי אויפצוקלערן אזעלכע מין פרעג-צייכנס. איך האָב זיך געטראַכט, אז אויב איך וועל עס נישט טאָן איצט, נאָך דער פיזישער און מאָראַלישער שואה, וועט עס שוין קיין אנדערער, אויך ווען ער וועט

וועלן, נישט קאָנען טאָן. אים וועלן פעלן די דאָזיקע מעגלעכקייטן, וואָס מיט מערער אָנשטרענגונגען האָב איך זיי נאָך יאָ.

אָבער, ווייל איך אויפקלערן וועגן נאָטאַן נאַרקס „באַמערקונגען און דערגענצונגען" פון דערמאָנטן בוך, זייט 163: „20), ,דער פּאָליטי-קער' געפינט זיך אין דער רומענישער נאַציאָנאַל-ביבליאָטעק, ווילנדיק זען דאָס בלאַט האָט מיר די ביבליאָטעקאַרין געזאָגט, אַז דאָס בלאַט איז אויף דער ליסטע פון ,פאַרבאָטענע'".

אויך איצט זענען די מין פּובליקאַציעס, יקר-המציאותן, נישט צוגענגלעך, נישט צוליב אַנדערע טעמים, נאָר צוליב דעם, וואָס סע זענען פאַראַן איינצלנע בלעטלעך, צו מאָל בלויז שיריים פון פּובליקאַציעס, וואָס מע האַלט זיי ווי אַן אוצר. והא ראייה, אַז סע זענען פאַראַן צו עטלעכע נומערן פון צייטונגען, וואָס זענען דערשינען במשך פון יאָרן. ביי פיל פון זיי זענען די בלעטלעך צעריסענע, דאָס פּאַפּיר איז פאַרדאַרט און סע קרישלט זיך.

איך האָב געהאַט אַ באַזונדער מזל, וואָס דער דירעקטאָר פון דער ביבליאָטעק (נישט פון דער נאַציאָנאַל-ביבליאָטעק, נאָר דער רומענישער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע) איז מיינער אַ בן-עיר, אַ מאַראַמורעשער, הגם נישט קיין ייד, האָט ער געהאַט פאַרשטענדעניש פאַר דער וויכטיקייט פון מיין אַרבעט און האָט מיר דערלויבט צו נישטערן צווישן די „פאַרבאָטענע" פּובליקאַציעס, כדי אַרויסצופישן די יידישע יקר-המציאותן.

האָב איך אַ שיין ביסל גענישטערט אין דער דאָזיקער ביבליאָטעק און אויסגעפונען, אַז „דער פּאָליטיקער" איז דערשינען אין בוקאַרעשט ווי אַ טאָגצייטונג, אין דער זעלביקער צייט מיטן „יודישער טעלעגראַף". הייסט עס, אַז נישט נאָר איין טאָגצייטונג, נאָר אפילו צוויי האָבן די בכורה אין דער יידישער פּרעסע, וואָס זענען דערשינען אין בוקאַרעשט צוריק מיט הונדערט יאָר.

האָב איך דאָס פאַרעפנטלעכט אין דער בוקאַרעשטער צווייוועכנטלעכער „צייטשריפט" אין נומער 334 און 335 פון 1טן און 15טן דעצעמבער 1974. מערער יידישע צייטונגען פון דער וועלט האָבן דעם אַרטיקל איבערגעדרוקט. טייל האָבן אָנגעגעבן דעם מקור, טייל האָבן נישט אָנגעגעבן, אָבער האָבן דאָך געחתמעט מיין נאָמען. בלויז איין ניו-יאָרקער וואָכנזשורנאַל האָט איבערגעדרוקט דעם אַרטיקל, מיט גאָר קליינע שינוים, און אויך דעם פאַקסימיל מיינעם, אָבער מע האָט געחתמעט אַן אַנדערן נאָמען אָנשטאָט מיינעם...

איך האלט, אז די יידיש-פּרעסע פון רומעניע איז אן אינטעגראַלער חלק פון דער געשיכטע פון דער יידישער פרעסע פון אומעטום, און אפילו פון דער יידישער געשיכטע בכלל.

אָט פאר וואָס איך האָב זיך גענומען צו דער אזוי אחריותדיקער ארבעט; הגם איך האָב נישט קיין גענוגנדיקע פּראָפעסיאָנעלע צוגרייטונג דערצו. איך בין נישט קיין היסטאָריקער, וועלכער וואָלט אָט די דאָזיקע ארבעט פיל בעסער געמאַכט פון מיר.

איין זאך האָב איך אָבער יאָ. איך האָב געהאט די מעגלעכקייט און צוגאנג צו דער דערמאנטער ביבליאָטעק פון דער רומענישער וויסנשאפט-אקאַדעמיע און צו דער ביבליאָטעק פון דער פעדעראציע פון די יידישע קהילות פון רומעניע, וואו סע געפינען זיך א טייל פון די דאָ פארצייכנטע פובליקאציעס. האָב איך זיך גענאָגט, אָט די כמעט גינציקע געלעגנהייט טאָר איך נישט פארשפּילן.

מיט דעם האָט די דאָזיקע ארבעט א יתרון, וואָס די גרעסטע צאָל פובליקאציעס, וואָס זענען דאָ געבראכט, האָב איך געהאט פאר מיינע אויגן. ווידער יענע, וואָס איך האָב נישט געזען מיט מיינע אייגענע אויגן, האָב איך געזאָגט דעם אמת, אז איך האָב זיי איבערגענומען פון אנדערע מחברים.

ווי געזאָגט, בין איך נישט קיין היסטאָריקער, דעריבער שרייב איך נישט קיין געשיכטע. איך פארצייכן בלויז פאקטן. איך פיל זיך נישט פאר פעאיק צו שרייבן געשיכטע, ווייל שרייבן געשיכטע הייסט דערקלערן, דאָס, וואָס עס איז געשען „נעכטן“, און מיין דערפארונג איז דערגאנגען, אז דאָס בין איך נישט בכח צו טאָן. עס וואָלט מיר אפשר גרינגער געווען צו זאָגן, וואָס סע וועט זיין „מאָרגן“ ווי צו דערקלערן דעם „נעכטן“... עס איז דאָך גרינגער צו זיין א „נביא“ ווי א „חכם“...

איז אויב עמעצער וועט געפינען אן אָנטייט פון געשיכטע, זאָל מען וויסן אז דאָס געשעט נישט בלויז אָן מיין ווילן. נאָר נאָך מער — קעגן מיין ווילן.

צו שרייבן די געשיכטע פון דער יידישער פרעסע אין רומעניע וואָלט אָבער אויך געהייסן באשרייבן אלע צייטונגען וואָס זענען געשריבן געוואָרן פאר יידן (און כאָר וואָס נישט אויך פאר נישט-יידן?) און פון יידן, אין העברעאיש, רומעניש, אונגעריש, דייטש און פראנצייזיש, וואָס זענען במשך פון דער צייט דערשינען אין רומעניע. זענען דאָך דערשינען פיל מערער צייטונגען און זשורנאלן (יידישע

לויט זייער באַשטימטן צוועק (די טאָגצייטונג „מאַנטואירע" צווישן די יאָרן 1918 — 1940 און 1944 — 1948), אין אונגעריש (די טאָגצייטונג פון קלוזש „אוי-קעלעט" צווישן 1918—1940, וואָס דערשיינט זינט 1949 אין תל-אביב), אין דייטש (די טאָגצייטונג פון טשערנאָוויץ „אַסטיודישע צייטונג"). בכלל זענען די נישט-יידישע זשורנאַלן לויט דער שפּראַך, אָבער יידישע לויט זייער טעמאַטיק, געשטאַנען אויף אַ העכערן ניוואָ, ווי די יידיש-שפּראַכיקע און געהאַט מער קיום, די דויער איז געווען אַ לענגערע, מיט גרעסערע טיראַזשן ווי יענע וואָס זענען דערשינען אין יידיש, אָבער זענען זייער אָפט פאַרשוואונדן.

האָב איך זיך פּירגענומען צו פאַרצייכענען בלויז די יידיש-פּובליקאַציעס, לויטן מאַטעריאַל, וואָס איך האָב צונויפגעזאַמלט במשך פון עטלעכע יאָר און וועל אָנרופן בקיצור „פעדעראַציע" מיינענדיק די ביבליאָטעק פון דער דערמאַנטער קהילות-פעדעראַציע און „אַקאַדעמיע", מיינענדיק די דערמאַנטע ביבליאָטעק פון דער רומענישער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע.

אוודאי איז די אַרבעט קיין שלימותדיקע. זי קאָן נישט זיין קיין שלימותדיקע, צוליב די טעמים, וואָס איך האָב אָנגעוויזן און — סע פעלן נאָך „ציגל" פאַר אַזאַ ריזיקן בנין. אָבער אָפּלייגן אַזאַ אַרבעט פון צו פיל עניוות, האַלט איך, אַז עס מער ווי אַן עבירה.

„קאָמענטאַרן" וועט זיך געפינען, ווער סע זאָל שרייבן, סיי אין ירושלימער אוניווערסיטעט, סיי ביים ניו-יאָרקער „ייוואָ". דאַטן, פאַקטן — דאַרף מען דערלאַנגען פון בוקאַרעשט. וואָס גיכער איז בילכער.

איז איצט דער מאָמענט, ווען די יידיש-פּרעסע פון דער גאַנצער וועלט דאַרף פייערן דעם הונדערטיאָריקן יובל זינטן דערשיינען פונעם ערשטן טאָגבלאַט אין יידיש.

און פאַר וואָס זאָל איך נישט איבערחזרן, אַז אויך דאָס האָט מיך באַוואויגן, איך זאָל צואיילן און אויספּאַרטיקן דאָס בוך, וואָס צו כיל האָט מען אונדז באַהאַנדלט ווי שטיפקינדער...

האָב איך אַריינגעקוקט אין באַנד „עתונות יהודית שהיתה", אַרויסגעגעבן פון וועלט-פאַרבאַנד פון יידישע זשורנאַליסטן לכבוד 300 יאָר יידישע פּרעסע, ווערט דאָרט גערעדט וועגן דער רומענישער יידישער פּרעסע ווי כלאַחר-יד. אמת, צווישן די ביידע וועלט-מלחמות האָט אונדז איבערגעשטיגן און געשטעלט אין שאָטן די ברייטפאַרצווייגטע יידישע פּרעסע פון פּוילן — אָבער דאָס איז נישט גענוג, לויט מיין

מײנונג אז מע זאָל האָבן דאָס רעכט צו פאַרנײַנען די אויפטוען פון די רומענישע יידישע זשורנאַליסטן, ווײַל...

„די יידישע פּרעסע אין רומעניע האָט א לאַנגן סטאַזש, און מע קען זאָגן אז פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט פאַרנעמט זי אײנס פון די אָנגעזעענסטע ערטער אינעם יידישן פּרעסעוועזן בכלל. די ערשטע צײַטשריפטן זענען דערשינען שוין אין דער ערשטער העלפט פון פאַריקן יאָרהונדערט, און זייער צאָל איז געוואַקסן אין דער צווייטער העלפט. דאָס זענען געווען צווייַשפּראַכיקע (יידיש און רומעניש) און אײנשפּראַכיקע צײַטשריפטן, און ווי געווײנלעך האָבן זיי נישט אויסגעלעבט דאָס יאָר. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן ענערגישע איניציאַטאָרן פון ווײַטערדיקע אַרויסצוגעבן צײַטשריפטן. דאָס רומענישע פּרעסעוועזן אין יידיש פאַרמאָגט זייער א חשובן סטאַזש, וואָס קאָן קאָנקורירן מיט צײַטונגען אין יידיש פון יעדן אַנדערן יידישן צענטער. די עלטסטע צײַטשריפט אין יידיש איז געווען „קורות העתים“, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאַס אין יאָר 1855. זי איז דערשינען מיט געוויסע הפסקות און פון 1871 איז זי אַרויסגעגאַנגען צוויי מאָל א וואָך. רעדאַקטאָר און גרינדער פון דער צײַטשריפט איז געווען הירש גאָלדנער“...

אָט דעם ציטאַט האָב איך געבראַכט פון בוך „300 יאָר יידישע פּרעסע“ דערשינען אין ירושלים, אין יאָר 1975, אַרויסגעגעבן פון פיר יידישע וועלט-אָרגאַניזאַציעס, בתוכם „דער וועלט-פאַרבאַנד פון יידישע זשורנאַליסטן“.

איז פרעגט זיך דאָך א האַרבע קשיא: אויב עס איז יאָ באַוואוסט אז די יידישע פּרעסע פון רומעניע האָט פאַרדינסטן, איז פאַר וואָס קומט מען אָפּ, ווי לפנים, מיט אַנדערהאַלבן זייטן?! וועגן מאַנגל אין דאַטן?

איז עס נאָך איין סיבה, אז איך זאָל וואָס גיכער אויספאַרטיקן דאָס דאָזיקע בוך, ווי א בייטראָג פאַר א מאָנאָגראַפיע פון דער יידיש-פּרעסע אין רומעניע.

יידן אין רומעניע

די הײַנטיקע פּאָליטיק פון דער רומענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון דער סאָציאַליסטישער רעפּובליק רומעניע, סיי די אינערלעכע בנוגע די מינדערהייטן, וואָס לעבן צווישן און בשכנות מיטן

רומענישן פאָלק. סיי די אויסערלעכע פּאָליטיק בנוגע די נײַ־אנטשטאַ-נענע מלוכות, בפרט דעם נאָענטן מזרח, ישראל אריינגערעכנט — איז נישט קיין טאַקטישער צוגאַנג צו פּראָבלעמען, ווייל אזוי „איז עס בע־סער". ניין, זי טיילט זיך דווקא אויס אין געוויסע שטעלונגען אירע פון אנדערע מלוכות, אָבער דאָס איז נישט מער ווי א מסקנה פון א דורותדיקער שטעלונג.

אין היינטיקן לשון פון טאָג־טעגלעכן לעבן ווערט ביי אונדז אפילו מער שוין נישט באַנוצט דאָס וואָרט „מינדערהייט", ווייל דאָס וואָלט באַטייט, אויך נישטווילנדיק, אז עס איז אויך פאַראַן א „מער־הייט" מיט פּריווילעגיעס. אָבער דאָס איז פרעמד דעם פּרינציפּ פון גלייכבארעכטיקונג. דערפאַר איז במילא שוין נישט פאַראַן קיין „מינ־דערהייט", אָן פּריווילעגיעס. נישט פאַראַן מער קיין פּריווילעגירטע און אויך נישט קיין פאַרפאָלגטע. נישט פאַראַן מער קיין „מינדערהייטן" — סע זענען פאַראַן „מיטלעבנדיקע" אונגערן, דייטשן סערבן צי יידן.

דערפאַר זאָג איך, אז עס איז נישט קיין טאַקטישע אָדער צופע־ליקע, די דאָזיקע פּאָליטישע שטעלונג פון דער רומענישער מלוכה. דער־פאַר, ווען סע ווערן באַהאַנדלט, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט-אַרענע, פּראָבלעמען — איז די האַלטונג פון די פירשטייער פון אונדזער מדינה אָן אנדערע, א זעלבשטענדיקע נישט פון נאָכבאַמקען, נאָר מיט אן אייגענעם „איך", אויך ווען סע רעדט זיך וועגן מדינת ישראל.

איז עס פון תמיד אָן אזוי געווען?

דאַרף מען אין אונדזער פאַל, מער ווי אין אנדערע פאַלן, מאַכן א גרויסן חילוק צווישן די געפילן פונעם פאָלק גופא, פון איין זייט, און פון די פּאָליטישע מאַכינאַציעס מצד די רעדל־פירער, פון דער צווייטער זייט. פון תמיד אָן, זינט עס איז באַקאַנט אין דער געשיכטע אָן אַנוועזנהייט פון יידן צווישן דער רומענישער באַפעלקערונג, זענען די באַציאונגען געווען פריינדלעכע. דאָס רומענישע פאָלק, דער פּאַרצייטישער וואָלעכישער צי מאָלדעווישער פויער איז תמיד געווען באַקאַנט פאַר א גאַסטפריינדלעכן, אויך ווען עס איז געווען די רייד פון זיין יידישן שכן. והא ראיה, אז קיין פּאָגראָמען זענען כמעט נישט פאָרגעקומען אויפן דאָרף. דאָס פאָלק גופא האָט זיך אין אזעלכע רציחות זעלטענער געוואָלט באַטייליקן, און נישט פאַרשמירט זיינע הענט. בלויז דער הערשנ־דיקער קלאַס, אפילו יענע וואָס האָבן מכלומרשט געפּרעדיקט „פריי-

הייט", די אזוי גערופענע „ליבעראלן" דאָבן געהעצט, בפרט די שטודירנדיקע יוגנט, האָבן געפּרעדיקט און פּראקטיצירט אנטיסעמיטיזם אין דער שטאָט. זיי האָבן ארייננעפּלאנצט סם צווישן די סטודענטן, ביז עס איז דערגאַנגען צו דער „אייזערנער גארדע", צו די „קוזיסטיש-אנטיסעמיטישע" פאַשיסטישע באַרבאַרייען.

דאָס פאָלק, דאָס פאָלק פון דער מאָלדעווע, צי פון דער וואָלעכיי, וואָס האָט געלעבט אין די דחקות אין די פעאָדאלע פּרינצשאַפטן, האָבן נישט נאָר נישט געהאסט דעם יידישן בעל־מלאכה צי קליינעם סוחר, נאָר אדרבה, ער האָט אים סימפּאַטיזירט, געזען אין אים א גוטן ניצלעכן שכן.

נאָר אזא מין סתירהדיקער צוגאנג קאָן דערקלערן, פאַר וואָס אין רומעניע האָט געקאָנט אנטשטיין, צום ערשטן מאָל אויף דער וועלט, א פּראָפעסיאָנעל יידיש טעאטער. נאָר אזא גינציקער קלימאַט, פאַרשטייט זיך אז פאַרהעלטנישמעסיק צו דעם קלימאַט פון דעם צאַריסטישן רוסלאנד (פּוילן אריינגערעכנט!), וואו יידן האָבן געלעבט אין מער דחקות און לגמרי אָן רעכטן, און אויך אפילו אין פאַרגלייך מיטן מאַטעריעלן מצב פון דער גאַליציע, איז רומעניע געווען א ווינקל, אין וועלכן יידן האָבן געפונען א מקלט און סע האָבן געקאָנט איינפאלן, לכל הפחות צו מאכן א פּרואוו, אז סע זאָלן דערשיינען יידישע צייטונגען.

בנוגע די יידן פון רומעניע, פון יענער צייט, דאַרף מען זיך רעכענען מיט צוויי פאקטן: 1) סע זענען געווען יידן-רדיפות, 2) עס איז געווען א פאַרצווייגט יידיש לעבן, מיט קהילות, מיט יידישע אָרגאַניזאַציעס, טראָץ די רדיפות, א לעבן וואָס האָט איבערגעשטיגן די שכנותדיקע יידישע קהילות.

אויף דעם באַזיר איך מיין הנחה, אז עס איז געווען גינציק פאַרן אנטשטיין אין רומעניע יידישע פּובליקאַציעס.

דווקא אין בוקארעשט, וואָס האָט זיך דעמאָלט נישט באַרימט געמאַכט מיט קיין פיל יידישע וויסנשאַפטלער, שרייבער צי זשורנאַליסטן דווקא דאָ, אין בוקארעשט, ביים סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט, איז דערשינען נישט איין טאָגבלאַט, נאָר טאַקע גאַנצע צוויי, אין דער זעלביקער צייט.

אָבער וועגן דעם וועט זיך רעדן ווייטער, ווען מע וועט אָנקומען צו יענעם קאַפּיטל, אין וועלכן סע וועט זיך רעדן וועגן יובל, צו וועלכער געלעגנהייט סע דערשיינט דאָס דאָזיקע בוך.

איז דאָך דאָס יאָר 1977 נישט בלויז דער יובל פון הונדערט יאָר זינטן פּראָקלאַמירן רומעניע פאַר אַן אומאָפּהענגיקער מלוכה, עס איז אויך געוואָרן הונדערט יאָר זינט עס איז דערשינען אין בוקאַרעשט די ערשטע יידיש־טאָגצייטונג אין דער וועלט.

אויך דאָס איז נישט קיין צופאַל, נאָר א רעזולטאַט פון די כמעט זעלביקע גורמים. איינס איז דאָך געווען אָפּהענגיק אויך אין צווייטן.

אָבער אָנהייבן וועלן מיר נישט מיט דעם. אָנהייבן וועלן מיר מיט דער „אלף“, מיט דער ערשטער וואָכנשריפט אין יידיש, וואָס איז דערשינען צוריק מיט איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר, אין יאָר 1855 — ווען אויף דער גאַנצער וועלט זענען דעמאָלט נישט דערשינען קיין אַנדערע יידיש-פּובליקאַציעס.

מאָלדעווע האָט די בכורה

כדי צו פאַרשטיין, סיי די סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן דאָס דערשיינען פון אַ יידישער פובליקאַציע אין יאַס, די הויפטשטאָט פון דער מאָלדעווע, סיי די גורמים וואָס האָבן דערמעגלעכט דאָס דערשיינען, זע־נען מיר גענייגט צו צייכענען עטלעכע שטריכן, צו דערמאָנען דעם מצב פון יענער צייט בכלל און דעם יידישן בפרט.

אין יענע צייטן איז נאָך רומעניע נישט געווען קיין פאַראייניקטע מדינה, נאָר איז באַשטאַנען פון צוויי פירשטנטימער. איינע איז געווען מאָלדעווע, וואָס האָט געהאַט די הויפטשטאָט אין יאַס, און איז געווען רעגירט דורך אַ הערשער, פרינץ גריגאָרע אַלעקסאַנדרו גיקאַ, דערפאַר האָט מען עס גערופן „פרינצשאַפט מאָלדעווע“. דער צווייטער חלק איז געווען „פרינצשאַפט צאַרא־ראָמענעאַסקע“, צי די וואָלעכיי, מיט דער הויפטשטאָט אין בוקאַרעשט, וואו עס איז געווען הערשער באַרבו דימיטריע שטירבעי. ביידע פרינצשאַפטן זענען געווען אונטערוואָרפן דער טערקישער אימפעריע.

העכער צוויי הונדערט טויזנט יידן האָבן געוואוינט מיינסט אין דער מאָלדעווע און ווינציקער אין דער וואָלעכיי.

דער דאָזיקער פעריאָד, וועגן וועלכן מיר רעדן אין שייכות מיטן דערשיינען פון דער ערשטער יידישער צייטונג, איז געווען אַ שטורמישע צייט, אַ תקופה, וואָס האָט זיך נאָך נישט אָפגעשטילט, נאָר געלעבט אין ברויז פון דער נאָר וואָס פאָרגעקומענער בירגערלעכער רעוואָלוציע אין יאָר 1848. און ערב דער פאַראייניקונג פון די צוויי פרינצשאַפטן, כדי צו בילדן איין איינציקע מלוכה, אין יאָר 1859, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון איין איינציקן הערשער, אויסוויילנדיק אין ביידע פרינצשאַפטן דעם ליבעראַלן אַלעקסאַנדרו יאָן קוזאַ (1820 — 1873).

קיין איינע פון אָט די דאָזיקע ביידע געשעענישן זענען נישט פאַר-ביי, אַז זיי זאָלן נישט אויפרודערן אויך די יידישע באַפעלקערונג, פון די דאָזיקע געגנטן. אויך דאָס איז נישט קיין חידוש, ווייל אַז מע דאָט געלעבט אין אַ לאַנד, וואָס האָט געהאַלטן אין פאַרמירן זיך, ווען מע האָט געדאַרפט קעמפן פאַר דער אייגענער אומאָפּהענגיקייט, פאַר די איי-גענע רעכטן — האָבן דאָך יענע וואָס האָבן נישט געהאַט די מינדסטע רעכטן, זיכער נישט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק. סיי זיי האָבן יאָ געוואָלט, סיי זיי האָבן נישט געוואָלט, זענען זיי ווי געוויינטלעך מיטגעריסן געוואָרן אין קאָן און געמוזט שפּילן... און באוואוסט איז, אַז יידן זענען תמיד גע-ווען פון דעם מין, וואָס לאָזן זיך נישט פיל בעטן, זיי געפינען אויך אליין דעם וועג, אי צו די רעוואָלוציעס, אי צו די באַריקאַדן, זיך מקריב צו זיין פאַר דער „הייליקער" זאַך פון „גערעכטיקייט", פאַר פרייהייט און גליי-הייט.

און נישט נאָר אין דער רעוואָלוציע גופא, נאָר אויך אין דער יידי-שער גאַס האָט זיך געריררט דאָס אייז. אַזוי למשל, וויסט דער פינקס פון דער גרויסער שיל פון בוקאַרעשט צו דערציילן אויך וועגן אַן אויפ-שטאַנד פון יענער צייט קעגן ישראל בן הערש, ווען יידן האָבן צעבראָכן אַלץ וואָס זיי האָבן געפונען ביי אים און ביי ישראל קליין אין הויז, פאָדערנדיק פון זיי אַז זיי זאָלן אָפּגעבן חשבון וועגן די הכנסות פון דער קהילה, אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון ראש-הקהלשאַפט. זיי זענען געזעסן אויסבאַהאַלטן 12 טעג ביי די באָיאַרן, ביז די מאַסן האָבן זיך אָפּגע-שטילט. ערשט ווען סע זענען אָנגעקומען די טערקן און די רוסן, האָט מען זיי צוריקגעשטעלט אויף זייערע פּאָסטנס.

דערפאַר שטרייך איך אונטער, אַז די ערשטע יידישע צייטונג איז דערשינען אין אַ געשפּאַנטער צייט, ווען אויך די יידן, וועלכע זענען ביז איצט אפשר געווען אַפּאַטיש צו דער אַלגעמיינער פּאָליטישער טאָג-טעגלעכקייט, אָבער איצט ווען די שטילקייט איז אויפגעבראָכן געוואָרן פון איין זייט פון דער נאָר וואָס פאַרגעקומענער בירגערלעכער רעוואָלוציע פון 1848, און פון דער אַנדערער זייט פונעם פייער פון דער מלחמה פון דער קרים (1853—1856), וואָס האָט נישט געקאָנט לאָזן גלייכגילטיק אויך נישט די רומענישע פירשטנשאַפטן וועלכע האָבן געוואַרט און געהאָפט, אַז מיטן שליסן דעם שלום צווישן די קריגערישע צדדים, רוסלאַנד און די טערקיי, וועלכע זענען ביידע געווען שכנים (און געבעל-בתעוועט אין די רומענישע פירשטנטימער!), וועט עס האָבן השפעות אויך אויף די אינטערעסן פון די פירשטנשאַפטן. די יידן וועלכע האָבן דאָ געלעבט האָבן אויך גע-

האָפט, אז מיט דער געלעגנהייט וועט מען אָנערקענען אויך פאר זיי גלייכע בירגערלעכע רעכטן. דאָס איז צו זען פון אייניקע ארטיקלען, וואָס זענען דערשינען אין יענער צייטונג.

בלייבט די שאלה: פאר וואָס יאס, און נישט בוקארעשט? פאר וואָס איז די ערשטע יידישע צייטונג דערשינען אין יאס, די הויפּטשטאָט פון דער מאָלדעווע, אין יאָר 1855 — בעת די ערשטע יידישע צייטונג פון בוקארעשט, די דעמאָלטדיקע הויפּטשטאָט פון דער וואָלעכיי, איז דערשינען ערשט אין יאָר 1859, דאָס הייסט אז שפּעטער מיט גאנצע פיר יאָר? אפילו דער „איזראעליטול ראָמען“ (אין רומעניש און פראנצייזיש!) איז אויך דערשינען שפּעטער (אין יאָר 1857) מים 2 יאָר. פאר וואָס?

כדי צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער שאלה, וועט מען דארפן צוגעבן עפּעס וועגן מצב פון רומעניע אין יענער צייט.

בעת אין דער מאָלדעווע זענען געווען מער-ווייניקער איינגעפונדעוועטע יידישע ישובים, באקאנט אונטערן לעגענדארן נאָמען „דאָס יידישע שטעטל“ — איז אין דער וואָלעכיי אזא מין „שטעטל“ קיין מאָל נישט געווען, עד היום הזה.

אין „באריכט פון דער סאָציאלדעמאָקראטישער גרופּע „לומינא“, — פירגעלייגט דעם אינטערנאציאָנאלן סאָציאליסטישן ארבעטער- און געווערקשאפט-קאָנגרעס, לאָנדאָן 1886 — געפינען מיר פאָלגנדיקע דאטן בנוגע דעם פּראָצענט פון דער יידישער — אין פארגלייך מיט דער נישט-יידישער — באפעלקערונג אין די מאָלדעווישע „שטעטלעך“: אין פאלטיטשען — 58 פּראָצענט, דאָראָהאָי — 59 פּראָצענט, באָטאָשאַן — 54 פּראָצענט, באקוי — 52 פּראָצענט, פּיאטרא-נעאמץ — 48 פּראָצענט, וואסלוי — 44 פּראָצענט, ראָמאן — 40 פּראָצענט.

בכן, איז קיין גרויסער חידוש נישט, וואָס די שטאָט יאס האָט געהאט די בכורה, ארויסצוגעבן די ערשטע יידישע צייטונג.

בוקארעשט, וואָס איז שפּעטער געוואָרן די הויפּטשטאָט פון דער גאנצער פאראייניקטער רומעניע און א צענטער פאר פּאָליטיש-אדמיניסטראטיווער, און ממילא אויך קולטורעלער טעטיקייט, האָט זיך באוויזן ערשט אין די שפּעטערע יאָרן, ווען סע האָט זיך שוין א ביסל צעמענטירט די פאראייניקונג.

דאָס איז איינס, פאר וואָס סע האָט זיך באוויזן יאס פיל פריער ווי בוקארעשט.

2 — Presa idiş din Romåna — c. 1131

שנית, דארף מען דערמאנען „פראקטישע“ ענינים, אָן וועלכע מע קאָן קיין צייטונג בכלל, און א יידישע בפרט, נישט ארויסגעבן. קודם דארף מען האָבן לכל הפחות איין מענטש, וואָס קאָן רעדאגירן אזא צייטונג. דערנאָך דארף מען האָבן יידישע אותיות און א יידישן זעצער.

וועגן יידישע לייענער דערמאָן איך נישט, ווייל די לייענער קאָנען דאָך זיין נישט דווקא אין דער זעלביקער שטאָט. די צייטונג קאָן דאָך צו זיי אָנקומען דורך דער פּאָסט. הגם עס איז באוואוסט, אז דער יסוד דארף זיך געפינען אין דער זעלביקער שטאָט, וואו די צייטונג דערשיינט, דאָרט דארף מען האָבן די ערשטע לייענער.

איז צוליב אויך די דאָזיקע „פּראָזאישע“ ענינים האָט געקאָנט דערשיינען גיכער אין יאס ווי אין בוקארעשט א צייטונג אין יידיש. קודם האָט עקזיסטירט א יידישע דרוק אין יאס, שוין זינט מער ווי צוואָנציק יאָר. בעת אין בוקארעשט האָט די ערשטע יידישע צייטונג („דיא צייט“) געדארפט דערשיינען אין א נישט-יידישער דרוק פון „מיטראָפּאָליט ניפאָן“, וועלכער האָט געוואָלט דער ערשטער האָבן געבראַכט קיין בוקארעשט יידישע אותיות.

וואָס שייך א רעדאקטאָר פאר יידיש, וואָלט מען געוועןיאָ גע-קאָנט געפינען אזעלכן. והא ראייה, אז עס האָט זיך געפונען שפּעטער מיט צוויי יאָר אין די פּערזאָנען פון נפתלי פּאָפּער און קאָרנעליו כהנא.

ווערט אויך, פון דעם וואָס וועט ווייטער געזאָגט ווערן, קלאָר אז זיי האָבן נישט געזען אין לשון יידיש בלויז א מיטל צו דערגיין צום יידישן לייענער, ביז ער וועט זיך אויסלערנען רומעניש, די לאנד-שפּראַך. א רעדאקטאָר מיט אזא מין צוגאנג צו יידיש וועט כּיל צייט נישט קאָנען מאריך ימים זיין מיט זיין יידיש-צייטונג...

ערשטער טייל
1877 — 1855

Anulu I. № 1. Duminică [illegible] 1859

PRINCIPATELE-UNITE.

TIMPULŬ. די צייט

1

קורות העתים

די ערשטע יידישע צייטונג, וואָס איז דערשינען אין דער הויפּט־שטאָט פון דער מאָלדעווישער פירשטנשאַפט, אין יאַס, אין יאָר 1855, האָט געטראָגן נישט קיין יידישן נאָר דווקא א העברעאישן נאָמען: „קורות העתים", דאָס הייסט, „די געשעענישן פון די צייטן".

מיר שטעלן זיך אָפּ בכיוון אויף דעם פּרט, ווייל ווי מיר וועלן ווייטער זען, איז עס נישט געווען קיין צופאַל, נאָר כמעט אַלע יידישע צייטונגען, וואָס זענען דערשינען ביי אונדז אין פאַריקן יאָרהונדערט, האָבן געטראָגן העברעאישע נעמען אָדער לכל־הפּחות האָבן זיי געהאַט אונטערטיטלען מיט העברעאישע פּסוקים פון תנך, ווי א מאָטאָ.

דאָס דערקלערט זיך מיט דעם פאַקט, וואָס דער מצב פון דער גייסטיקער צוגרייטונג פון די עווענטועלע קאַנדידאַטן, אויף וועלכע מע האָט געקאָנט וואַרטן, אַז זיי זאָלן זיין די לייענער פון דער צייטונג, איז נישט אַריבערגעשטיגן די גרענעץ פון רעליגיעזן גבול. דאָס אין איינס והשנית האָבן אויך די רעדאַקטאָרן געוואָלט מיט דעם ווייזן, אַז הגם זיי לאָזן זיך אַראָפּ אויף אַזא נידעריקער מדריגה צו שרייבן אויף יידיש, זענען זיי דאָך אָבער אויך משכילים, וואָס קאָנען די שפּראַך פונעם תנך, אויף וועלכן זיי זענען זיך סומך, אָבער זיי שרייבן דאָך אויף דער יידישער שפּראַך, כדי צו דערגרייכן דעם לייענער, וואָס איז נאָך נישט גענוג צוגעגרייט צו דער העברעאישער שפּראַך.

דאָס קאָן מען זען אויך פון דער שפּראַך פון דער צייטונג, וואָס איז גענוג דייטשמעריש און באַפּעפּערט מיט נישט בלויז העברעאישע ווערטער, נאָר גאַנצע פּסוקים זענען אַריינגעבראַקט. סע ווייזט אויס, אַז

די לייענער, וועלכע זענען געווען לומדים, האָבן געזאָלט פאַרשטיין די העברעאישע פסוקים, פונקט אזוי גוט, צי אפשר גאָר בעסער פון דעם דייטשמערישן לשון. אײנער וואָס קאָן נישט קיין לשון קודש וועט די דאָזיקע פסוקים נישט פאַרשטיין.

פון וואו סע נעמט זיך דער נאָמען?

סע זענען פאַראַן סברים, געשיכטע ביכער, מיט אזא מין נאָמען. איך וועל דערמאָנען דאָס ספר „קורות העתים" פון אברהם טריביטש, וואָס איז דערשינען אין ברין, אין יאָר 1701, שפּעטער איז עס איבער־געדרוקט געוואָרן אין לעמבערג. אן אַנדער ספר מיט אזא נאָמען דער „קורות העתים לישורון בא"י" איז דערשינען אין ווילנע, 1840. דערנאָך איז עס דערשינען אין יידישער איבערזעצונג (בעסער געזאָגט: יידיש־טייטש פאַר ווייבער און דעם המון!) אין ווארשע, אין יאָר 1841. א יאָר־בוך אונטערן נאָמען „בכורי העתים" איז דערשינען אין לעמבערג, אין יאָר 1832.

עס איז מעגלעך, אז פון די דאָזיקע נעמען האָבן זיך אינספּי־רירט די ארויסגעבער פון דער דאָזיקער צייטונג.

דער ערשטער נומער פון „קורות העתים" איז דערשינען אין 10טן אָקטאָבער 1855.

צו יענער צייט, איז דאָס געווען די איינציקע צייטונג אויף דער וועלט, וואָס איז דערשינען אין יידיש. איך וואָג דאָס אונטערצושטרייכן, ווייל זוכנדיק אין די יידישע ענציקלאָפּעדיעס האָב איך נישט געפונען קיין אנדערע יידישע צייטונג, וואָס זאָל געווען דערשיינען אין יע־נער צייט.

אָבער אויך דער „קורות העתים" האָט נישט מאריך ימים געווען.

ש. ל. ציטראָן, אין זיין בוך „די געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע", דערשינען אין ווילנע אין יאָר 1923, איז ביי דער מיינונג, ווען ער רעדט וועגן די ערשטע יידישע פּובליקאַציעס פון אכצנטן יאָרהונדערט: „די דאָזיקע אויסגאַבן זענען געווען כמעט אַלע נאָר צייט־ווייליקע אונטערנעמונגען, וועלכע זענען ארויסגערופן געוואָרן בלויז דורך דעם גרויסן דורשט פונעם יידישן עולם נאָך נייעס. דער מאָמענט איז דאַן געווען זייער אַן אומרואיקער, באַזונדערס אין מיטל־אייראָפּע, יעדערן האָט זיך געוואָלט וויסן, וואָס עס הערט זיך אויף דער ווייטער וועלט, און אזוי ווי די דייטשישע שפּראַך איז נאָך דעמאָלט געווען פאַר א גרויסן טייל יידן אומפאַרשטענדלעך, האָט דאָס געשאַפן א מעג־

לעכקייט פאר יידישע בלעטער; אָבער ווי נאָר אין דער דרויסנדיקער וועלט האָט זיך א ביסל איינגעשטילט, איז שוין באלד דער אינטערעס צו דער ספעציעל יידישער צייטונג געפאלן".

ציטראָן ווייזט אָן אויף נאָך איין מיינונג: אין ליטע און פוילן, וואו עס האָט געלעבט דער רוב מנין און רוב בנין פונעם יידישן פאָלק, איז נישט געווען איינער, וואָס זאָל מאַכן דעם קלענסטן פרואוו ארויס־צוגעבן א וועלכע עס איז יידישע צייטונג. יידן האָבן דאָרטן תמיד געלעבט א פארגליווערטן, אָפגעשטאנענעם לעבן, אָפגעריסן פון דער גאנצער ארומיקער וועלט און איינגעשלאָסן אין זיך. נישט פילנדיק קיין באדערפעניש אין א פריש געדרוקט וואָרט, אויסער די הייליקע רעלי־גיעזע ספרים.

אגב, זאָל דאָ באמערקט ווערן, אז ציטראָן האָט אָנגערופן זיין ארבעט "די געשיכטע פון דער יידישער פרעסע", דאָס הייסט בפירוש, אז ער וויל זיך נישט באגרענעצן אויף רוסלאנד און פוילן — און דאָך הייבט ער אָן זיין געשיכטע מיטן "קול מבשר", וואָס איז דערשינען אין אָדעס, אין 11טן אָקטאָבער 1862, ווי א ביילאגע צום העברעאישן המליץ, ארויסגעגעבן פון אלכסנדר צעדערבוים.

פאר וואָס האָט ער נישט דערמאנט כאָטש איין צייטונג וואָס איז דערשינען אין רומעניע, פריער ווי דער "קול מבשר"? איז דאָך אונ־דזער "קורות העתים" דערשינען מיט אכט יאָר פריער?!

דער "קול מבשר" איז דערשינען ביזן יאָר 1872, אָבער ווי מיר וועלן זען זענען דאָך במשך פון דער צייט דערשינען נישט ווייניק יידישע צייטונגען דאָ, אין רומעניע, וועלכע ער האָט נישט דערזען...

אָבער נישט בלויז וועגן אויסקעמפן די בכורה פאר דער יידישער פרעסע פון רומעניע רעדט זיך דאָ. סע ווילט זיך אויך דערקלערן, אז זייענדיק פון די ערשטע יידישע פובליקאציעס, האָט דער „קורות העתים" נישט געהאט זיך פון וואו צו „אינספירירן" — קיין גאָר גרוי־סע דערפארונג בנוגע יידישע צייטונגען זענען נאָך בכלל נישט געווען. פאר דעם „קורות העתים" זענען דערשינען בלויז 8 צייטונגען אין יידיש, מיט א גאָר קורצן דויער, דערפאר פעלן אונטערן טיטל אזעלכע דאטן, וואָס זענען עלעמענטאר פאר א פובליקאציע. א שטייגער, טייל האָבן אָנגעגעבן אז דאָס איז געווען א וואָכנבלאט. איך קאָן עס נישט אָפלייקענען, אָבער עס איז מיין חוב צו זאָגן, אז דער נומער 17 פון צווייטן יאָרגאנג טראָגט די דאטע פון „יאססי. מאָנטאָג, 27 פעבער

1859“. ב״ן, וואָלט דאָס געקאָנט הייסן, אַז די צייטונג איז דערשינען צוויי מאָל וועכנטלעך, ווייל געוויינטלעך איז אַ יידישע צייטונג דערשינען אַ טאָג-צוויי פאַר שבת — און נישט נאָך שבת.

נאָך אַ הפסקה איז די צייטונג ווידער דערשינען אין יאָר 1860.

פון דער דאָזיקער סעריע טראָגט דער „נומער 1, פון דאָנערשטיק, 14 יולי 1860“ דעם פאָלגנדיקן אונטערטיטל:

„דיעזע צייטונג ווירד צווייא מאָהל אין דער וואָכע ערשיינען, דהיינו אללע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, דער אבאָנאמענטס פרייז איסט 16 פיאסטער, פיר שלשה חדשים, מיט פאָסט-פאָרטע קאָסטעט 20 פיאסטער פאָראויס צו בע־צאהלען — בריעפע אונד ארטיקעל ווערדען פר פאָסט פרייא אָנגענאָממען בעקאנטמאכונגען קאָסטעט יעדע שורה 30 פאריס, אבאָניערען קאָן מען זיך בייא העררן הירש גאָלדנער אין יאססי געגין קוויטונג“.

צום סוף, אויף דער פערטער זייט, איז אָנגעגעבן דער רעדאַקטאָר: פישל לעווינשטיין און פאַרלעגער ה. גאָלדנער.

אין לייטאַרטיקל פון דעם דאָזיקן נומער ווערט אָנגעזאָגט דאָס ווידער דערשיינען. און פאַקטיש איז עס אַזוי דערשינען, צוויי מאָל וועכנטלעך. איך האָב געזען דעם נומער צוויי, וואָס איז דערשינען דעם 18טן יולי 1860, און דעם נומער 3 וואָס איז דערשינען דעם 21טן יולי 1860.

אין נומער 3 ווערט אין לייטאַרטיקל געזאָגט, אַז די רעגירונג האָט געזען די ניצלעכקייט פון דער צייטונג און האָט באַשלאָסן אַ סובסידיע פון 12 און אַ האַלב אדומים אַ חודש — פון דער קהלס־קאַסע...

אין דער צייטונג זענען געווען געדרוקט אַרטיקלען אויך אין העברעאיש און פון צייט צו צייט אויך אייניקע אין רומעניש.

אַזוי למשל, איז אין נומער 1 פון 14טן יולי 1860 געווען איבער־געדרוקט פון „המליץ“, אויף העברעאיש, אַ צירקולאַר פון פרימיניס־טער קאָגעלניטשאַנו צו די רבנים פון דער מאָלדעווע. סע ווערן דאָרט געבעטן די רבנים, אַז דער צירקולאַר זאָל געלייענט ווערן אין יעדן בית־הכנסת דריי שבתים. סע ווערט אויפגערופן: 1) צו שיקן די קינדער אין די רומענישע שולן, 2) יידן זאָלן מאַכן מיליטער-דינסט, 3) צו טראָגן דעם אייראָפּעאישן לבוש, כדי אויסצומיידן שינאה און צו באַקומען גלייכ־באַרעכטיקונג.

אויב אין דער ערשטער סעריע, פון די יאָרן 1855—1856 זענען נישט געווען קיין ידיעות, מייסנט זענען געווען ארטיקלען, דאָס מאָל זע-נען שוין פאראן ידיעות פון דער טערקיי, איטאליע, פראנקרייך, רוס-לאנד און ענגלאנד. אָבער סע זענען פאראן אויך ניצלעכע אינפאָרמאַ-ציעס פאר סוחרים, וועגן ליציטאציעס, פרייזן פון תבואה, רעזולטאטן פון דער לאָטעריע פון לעמבערג וכדומה.

נאטאן מארק פארצייכנט, אז זינט מערץ 1857 איז די צייטונג דער-שינען דריי מאָל אין דער וואָך.

נאָך א הפסקה האָט די צייטונג ווידער אָנגעהויבן דערשיינען. אויף דעם זאָגט עדות דער נומער 1 (צוועלפטער יאָרגאנג), וואָס איז דערשי-נען דעם 19טן יאנואר 1867. דאָס מאָל איז שוין אָנגעגעבן, אז זי דערשיינט דאָנערשטיק, איין מאָל וועכנטלעך.

אין דער דאָזיקער סעריע זעט זיך אָן א פארבעסערונג לגבי די פריערדיקע אויסגאבעס, וואָס איצט ברענגט שוין די צייטונג ידיעות פון טעלעגראפישע דעפעשן. דער פאָרמאט איז געבליבן א סטאבילער: 28/32 צמ, 4 זייטן, 2 קאָלומנעס.

אגב, וועל איך סותר זיין ש.ל. ציטראָן, וועלכער באמערקט אי-ראָניש אין זיין דערמאנטן בוך: „אין עקסטרא פאלן האָט צעדערבוים אָנ-געהויבן געבן אין „קול מבשר“ אויך טעלעגראמעס, וועלכע ער האָט ארויסגענומען פון פארשידענע רוסישע טאָג-בלעטער. העכסט כאראקטעריס-טיש איז געווען דאָס קעפל פון דער דאָזיקער רובריק: „טעלעגראַ-פישע דעפעשען“, עפּעס אזוי ווי סע וואָלט נאָך אויך עקזיסטירט א מין דעפעשן, וואָס ווערן נישט געשיקט דורכן טעלעגראף“ (ז' 57).

איצט, ווען איך האָב דערמאנט די „טעלעגראפישע דעפעשן“ פון „קורות העתים“, וועל איך צוגעבן אז ציטראָן איז נישט גערעכט. סע קאָן זיין אז דער קול מבשר האָט זיך אינספירירט טאקע פון יידישע צייטונ-גען וואָס זענען דערשינען אין רומעניע, ניצנדיק אזא וואָרט ווי טעלע-גראפישע דעפעשן, וואָס איז לגמרי נישט קיין גרייז.

אויפמישנדיק סיי וואָס פאר א ווערטערבוך קאָן מען געפינען אז „דעפעשע“ הייסט שיקן א ידיעה, א בריוו, אויפן שנעלסטן אופן. פארשטייט זיך, אז טעלעגראפיש קאָן מען שיקן צום גיכסטן. דאָס וואָרט שטאמט פון פראנצייזיש.

לויט דעם איז לחלוטין נישט קיין גרייז, ווען מע זאָגט (דעמאָלט) „טעלעגראפישע דעפעשן“...

די צייטונג איז בכלל געווען אָריענטירט צו מאָדערניזירן דאָס יידישע לעבן. דאָס קאָן זיך זען פון די אַרטיקלען, וואָס גרייפן אָן אפילו דעם רב, ווען מע קריטיזירט די קהילהשע ענינים. אין אַנדערע אַרטיקלען ווערן געלויבט מאָדערנע דערציאונג-אינסטיטוציעס, ווי די „חברה חינוך ילדים", וואָס זאָל לערנען יעדן אָוונט צוויי שעה שרייבן און רעכענען, אין דריי שפּראַכן: יידיש, דייטש און מאָלדעוויש. אין אַן אַנדער אַרטיקל ווערט אָנגעזאָגט מיט שמחה, אַז סע האָט זיך דערעפנט אַן „איזראַעליטיש־רומענישע שול".

עס איז מעגלעך, אַז אָט די שטעלונג זאָל געווען זיין די סיבה וואָס די צייטונג האָט דריי מאָל איבערגעריסן דאָס דערשיינען.

זאָל נאָך דאָ געמאַכט ווערן די באַמערקונג, אַז דער פאַרלעגער טעאָדאָר קאָדרעסקו איז נישט קיין ייד, דערפאַר ווייס איך נישט, ווער עס איז באמת געשטאַנען הינטער דעם נאָמען, ביים אָנהייב דערשיינען פון דער צייטונג, איידער עס איז אויפגעקומען דער יידישער דרוקער צבי הערש גאָלדנער.

עדות העתים

די צייטונג זאָל געווען דערשינען אין יאַס צווישן די יאָרן 1856-1871, דריי מאָל אין דער וואָך. דער אַרויסגעבער איז געווען ט. קאָדרעסקו זינט 1860 איז דער אַרויסגעבער הערש גאָלדנער. דעמאָלט האָט זיך דער פאָרמאַט פאַרגרעסערט, פון 25/38 צמ. אויף 26/42 צמ. זינט 1867 איז די צייטונג געווען רעדאַגירט פון פישל לעווענשטיין און דערשינען בלויז איין מאָל אין דער וואָך, שוין ווידער פאַרקלענערט דער פאָרמאַט: 21/35 צמ.

איך האָב די דאָזיקע צייטונג נישט געפונען און אפילו נישט קיין שפּור פון איר. די דאָזיקע דאַטן האָב איך איבערגענומען פון ש"ס-ראָמאַן און נ. מארק.

אין דער אַקאַדעמיע האָב איך געפונען פאַרטראָגן אין די קאַר־טאָטעקן אַזאַ טיטל, אָבער אויף איר אָרט געפינט זיך נישט אַזאַ צײַ־טונג, נאָר דער „קורות העתים"...

עפּעס איז דאָ פאַרדעכטיק: סיי די יאָרן, סיי די אַרויסגעבער זע־נען צו ענלעך. איך וואָג צו זאָגן, אַז אַזאַ צייטונג איז בכלל נישט דער־שינען, אָבער די השערה צו פאַרצייכענען בין איך מחויב.

2

יודישע מאָלדוישע צייטונג (גאזעטא ראָמענא עווראַסקע)

ליטעראריש. קאָמערציעל און אינדוסטריעל.
דערשיינט מאָנטיק און דאָנערשטיק.
1טער יאָרגאנג, נומער 1, 12טער מערץ, 1859, יאס.
פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטאָר מארקו פעלדמאן.

פאָרמאט: 18/24 צמ, 8 זז׳, 2 קאָלומנעס; די רעכטע זייט איז רומעניש און די לינקע זייט איז אין יידיש.

אין לייטאַרטיקל ווערט דערקלערט:

„דאָ וויר האָבען גיוואָלט אָנפאנגען, מחדש דיא יודישע צייטונג צו פובליצירען וועלכע בשנה העברה מחמת כמה טעמים אויפגעהערט האָט, האָבען וויר דאָס פרעסגעזעץ דורכגעזעהען אונד האָבען דאָרט געפונדען חקים ומשפטים כנ״ל: ארטיקעל 41 פאָן דיעזען פרעסגעזעץ זאָגט אז ביי יעדער פאָליטישען צייטונג איז דער רעדאקטאָר מחיוב איין סכום פאָן חמשה אלפים אריות אלס קאציאָן אין דער שטאטס קאַססע (וויס-טעריע) צו דעפּאָנירען.

ארטיקעל 29 פאָן דיעזעס געזעץ זאָגט, אז נור פאָליטישע צייטונגען זענען מחויב קאציאָן צו געבען. וויר האָבען דאהער מקודם איבערלעגט אונד היטב חוקר ודורש געוועזין וואָס פיר איין קאראקטער וויר אונזערער צייטונג געבען זאָללען — זאָלל דיעזע אונזערע צייטונג פאָליטיש זיין? אָדער נור ליטעראריש (דברי חכמה), קאָמערציעל (מסחר) אונד אינדוסטריעל (מלאכת מחשבת) זיין?

די דעפּאָנירונג דער קאציאָן איז בייא אונדז קיין גרויסער עיכוב געוועזין דיעזער אונזערער צייטונג איינען פאָליטישען קאראקטער צו געבען — דער טעם ווארום וויר דיעזער צייטונג קיינען פאָליטישען קאראקטער געבען — ליגט אין דען פּראָטאָקאָללען פאָן דען קאָנפערענצען צו פאריז. אויס דיעזע פּראָטאָקאָללען איז צו זעהען אז אָבוואָהל גראף וואלעווסקי ביי דען קאָנפערענצען איין פּראָיעקט געמאכט האָט, דאָס אללע יושבי המדינות מאָלדאָווא אונד וואלאכייע מבלי שום הבדל דת ואמונה גלייכע רעכטע אונד פרייהייטען געניעסען זאָללען, זאָ איז דיעזעס פּראָיעקט דאָך נשתמנה געוואָרען. אונד דער ארטיקעל 46 פאָן

דער קאָנוועגציאָן פאָן דעם 19טן אויגוסט זאָגט דאס נור קריסטען במ־דינות מאָלדאָווא אונד וואָלאַכייע די פּאָליטישען רעכטע געניעסען זאָללען אונד דאדורך לאחינו בני ישראל דיא פּאָליטיק פערבאָטהען געוואָרין איז, זאָ האָבען וויר פאָן דעם שטאַטס סעקרעטאריאַט נור דיא בעווילליגונג צו איינער ניכט פּאָליטישען זאָנדערן ליטעראַריש אונד קאָמערציעללען צייטונג פערלאַנגט, ווי דער טיטעל דיעזער צייטונג דיעזעס בעשטעטיגט.

GAZETA

ROMANĂ-EVREĬASKĂ

ЛІТЕРАРЪ, КОМЕРЦІАЛЪ ШІ INDУСТРІАЛЪ.

№ 1 — 12 МАРТ — АНУЛ I

IАШІІ, 12 МАРТ.

דאס וויר אונזערע צייטונג מיט דעם טיטעל יודיש מאָלדווישע צייטונג נענען איז זעהר פשוט. ווייל אללעס איז דער יודישען אונד מאָלדווישען שפּראַכע פּאָבליצירט זיין ווירד. וועלכעס פאָן גראָסעס ני־צען איז. ווי וויר איין אנדערס מאָל דיעזעס בהרחבה ערקלעהרען ווער־דען דיא פּובליקאציאָנען פאָן דעם בולעטין אָפיציאַל ווירד נור אין דער יודישען שפּראַכע זיין.

דער תוכן הענין פאָן דען ליטעראַרישען ארטיקעל ווירד זיין די בעשרייבונג פון אופן חנך הבנים על צד היותר טוב. האופן וויא אזויא דיא בלתי סדרים אונד השערורות מקרב העדה דארף מבער ווערדען, האופן וויא אזויא הרבנים יושבי על מדין דארפען טראַכטען לטובת העדה בכלל, ולטובת האלמנות ויתומים ואביוני העיר, ווי אויך האופן וויא זאָ דיא געמיינדע אנגעלעגענהייטען געדעגעלט ווערדען זאָללען.

ווען אונז אחד מאחינו בני ישראל איינען ארטיקעל הערייען שיקען ווירד, דער אונזערע מיינונגען סותר זיין אונד אונז ראיות נכוחות זאגען ווירד, ווערדען וויר טראַכטען אונזערע מיינונגען צו

פערבעססערען אונד דיא איינגעשיקטע ארטיקעל תיכף פובליצירען כפי משפט הפרעסגעזעץ.

דער תוכן הענין פאָן ארטיקעל המסחר ווירד זיין הטעמים וואָרום דער קורז מהמעות געשטעגען אָדער געזונקען איז. וויר ווערדען אויך מודיע זיין דיא פרייזע פאָן תבואה אונד אנדערע פראָדוקטען מבכל ארצות אייראָפּע ווי אויך דיא הלוואות ממלכי ארצות תבל.

דיא טעמים פאָן דעם שטייגען (על פי טעות איז געשריבען „שרייבען" — וו.ט.) אָדער פאללען דער קורזע אונד פרייזע איז אם מייסטען דער קריעג אָדער דער פריעדען — עס איז דאהער נעטהיג תמיד אים כאָר אויס צו וויססען מעמד הארצות אם למלחמה? דיא צייכען פאָן קריעג זעגין אם מייסטען ווען מען פראָוויזיאָנען אין דען מאגאזינען בכל יום ויום מרבה איז. ווען מאן דאָס מיליטער אויף קריעגס פוס זעצט אונד זאָ ווייטער. להיפך אָבער איז עס איין צייכען אויף שלום — דיעזע צייכען זענין נאָטהווענדיג צו וויססען ווייל המסחר דארויף בעשטעהט אונד נאך דעם זיך צו ריכטען האָט. אָבער קיינעסוועגס פּאָליטישע ארטיקעל ברינגען, אונד אונזערע מיינונג דאריבער זאָגען".

אין ארטיקעל וועגן די קהילה־וואלן, וואָס זענען פירגעקומען נאָך 5 יאָר, ווערט געשטעלט אונטער א ספק, אויב די אויסגעווייילטע וועלן פארשטיין ווי אזוי אָנצופירן מיט די קהילה־ענינים. אמת, זיי זע־נען טאקע אָנגעזעענע סוחרים און עשירים, אָבער דאָס איז דען גענוג?

דער מחבר פונעם ארטיקל שטעלט די פראגע: „וואָס פיר איין נוצען אָדער טובה קאָן עדת ישראל האָבען פאָן איהרעם מסחר, פאָן איהרעם עשירות אָדער פאָן איהרער אָרדענטלעכקייט?"

דער נומער 2 איז דערשינען דעם 16טן מערץ.

סע ווערט אָנגעגריפן די קהילה־לייטונג, וואָס זאָרגט נישט, אז די סומעס וואָס זענען באשטימט געוואָרן פאר חינוך זאָלן טאקע באניצט ווערן צו דעם צוועק.

נומער 3 איז דערשינען דעם 19טן מערץ.

נומער 4 פון 23טן מערץ זעצט פאָר דעם אָנגריף קעגן דער קהי־לה־לייטונג, וואָס זאָרגט נישט פאר חינוך.

נומער 5 פון 26סטן מערץ פארעפנטלעכט אן אָנגריף קעגן די קהילה־מנהיגים וואָס „קענען בלויז זיך חתמענען אויף יידיש"...

אין נומער 6 פון 30סטן מערץ איז שוין דאָ אן ארטיקל אין וועל-כן מע באקלאָגט זיך אויף די קעגנער פון דער צייטונג. סע ווערט גע-לויבט דער מדפיס ר׳ צבי גאָלדנער, וועלכער נעמט די העלפט פונעם שכר, וואָס אן אנדערער וואָלט גענומען.

נומער 8 איז דערשינען דעם 20סטן אפריל (נומער 7 איז נישט בנמצא).

נומער 9 פון 28סטן אפריל ברענגט (איבערגעדרוקט פון „דיא צייט") א פאָלעמיש ארטיקל קעגן מלבים, וועלכער האָט געהאלטן א דר-שה, אז מע זאָל שטיצן די מלוכה מיט געלט און יידישע זעלנער, אָבער ער גופא האָט אויפגעהאלטן זיין פרעמדע בירגערשאפט...

דער נומער 10-11 פון 12טן מאי דרוקט איבער אן ארטיקל פון „עת לדבר", אין וועלכן סע ווערט דערציילט, אז דער לאנדעס-ראבינער, דער מלבים, האָט מתפלל געווען פארן געזונט פונעם פירשט און האָט אויך אליין פארפאסט א שיר לכבודן פירשט וועלכער איז ניצול געוואָרן פון אן אטענטאט.

דער רעדאקטאָר פעלדמאַן באקלאָגט זיך אויף די יאסער פּני, וועל-כע האָבן גורם געווען, אז די רבנים זאָלן אָפּריכטן א תפילה בשתיקה, צוליב זייער קעגנערשאפט צום פּירשט קוזא. ער פּראָפּאגירט נייע וואלן, כדי די צעכן זאָלן זיך קאָנען באטייליקן אין קהילה-וואלן...

די צייטונג באגריסט גלייכצייטיק דאָס דערשיינען פון „דיא צייט" און אויך פון „עת לדבר", הגם זיי זענען געווען קעגנערישע צייטונגען.

די דערמאנטע נומערן האָב איך נישט געזען מיט די אייגענע אויגן. איך האָב די דאטן באקומען פון פריינד י. קארא, וועלכער האָט געזען די נומערן אין דער יאסער צענטראלער אוניווערסיטעט-ביבליאָ-טעק „מיהאי עמינעסקו".

א פאקסימיל פונעם טיטל האָב איך יאָ.

דאָס איז געווען די ערשטע יידישע צייטונג אין דער רומענישער שפראך, וואָס איז דערשינען אין דער מאָלדעווישער הויפּטשטאָט, יאס. אָבער דאָס איז אויך געווען די ערשטע צווייִשפּראכיקע צייטונג פון יידיש מיט רומעניש, וואָס איז נישט זעלטן דערשינען אין רומעניע (אפילו היינט דערשיינט דאָך אויך א מערשפּראכיקע צייטונג).

עס איז כדאי צו באמערקן, אז דער ערשטער נומער איז טאקע דערשינען אין מערץ. אָבער סע ווייזט אויס, אז די צוגרייטונגען זענען געמאכט געוואָרן פריער מיט לכל הפחות 2 חדשים, ווייל אין ערשטן נומער ווערט געזאָגט: „דערשינען אונטער דער הערשאפט פונעם מאָל-

דעווישן האר, דער וואָיעוואָד מיהאיל גריגאָרע סטורזא, אין ניינטן יאָר פון זיין הערשאפט, געדרוקט אין יאס אין אינסטיטוט „אלבינא", מיט דער דערלויבניש פון דער צענזור".

פאקטיש איז זיבטן 24סטן יאנואר 1859 שוין געווען א נייער מו־של איבער די שוין פאראייניקטע פירשטנטימער אונטערן געמיינזאמען נאָמען „רומעניע", אלעקסאנדרו יאָן קוזא".

פאר וואָס די דאָזיקע צייטונג האָט נישט געהאט קיין קיום? טייל ווילן דאָס דערקלערן מיט דער קעגנערשאפט, וואָס די דאָזיקע צייטונג האָט ארויסגערופן מצד די חסידישע קרייזן, בראש מיטן יאסער רב הרב טויבעש, וועלכער האָט אין זיין פסח־דרשה פון 1853 גערדשנט קעגן דער נאָר וואָס געגרינדעטער שולע פאר די „רומענישע איזראעליטן" אין יאס. שפעטער, דעם 12טן סעפטעמבער 1855, האָט מארקו פעלדמאַן פארעפנט־לעכט אַן ארטיקל אין דער רומענישער צייטונג „זימברול", אונטערן טיטל „ווי אזוי סע וועלן היינט דערצויגן די מאָלדאווישע איזראעליטן". דאָרט גרייפט ער אָן די ראשים פון דער קהילה, וואָס אינטערעסירן זיך נישט אויסצוניצן די געלעגנהייט, ווען מע האָט זיי געגעבן די דערלויבעניש אויף צו עפענען אזעלכע רומענישע שולן.

הרב טויבעש האָט אָבער געהאט אַן אנדערע מיינונג, ווייל פעלד־מאן האָט בכלל געפּרעדיקט אסימילאציע. ער גופא איז געווען דער ער־שטער אין דער מדינה, וועלכער האָט זיך ראָמאניזירט זיין נאָמען פון „פעלדמאן" אויף „קעמפעאנו"...

3

עת לדבר

„איין געזעלשאפטליכעס צייטונגס־בלאט פון גוטגעזאָנענע מענשען, הערויסגעגעבען לטובת הכלל. וועלכעס נוצליך איזט צום וועלטליכען אונד רעליגיעזען לעבען".

דער ערשטער נומער איז דערשינען אין בוקארעשט, אפריל 1859. רעדאגירט פון אריה זילבערשטיין.

די צייטונג איז ארויסגעגעבן געוואָרן פון די אָנהענגער פונעם דעמאָלטיקן בוקארעשטער רב, ר' מאיר לייבוש מלבים, מיט דער הילף

פון מיכל עזיאל. כמעט אין יעדן נומער, במשך חדשים, זענען געוואָרן פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, וואָס האָבן אָנגעגריפן די מתנגדים כונעם מלבים.

איך האָב נישט געזען קיין איין נומער פון דער דאַזיקער צייטונג.

מ. אונגער האָט געווידמעט אַן אַרטיקל דער דאַזיקער צייטונג אין יובל-בוך (ניו-יאָרק 1907) בעתן פייערן 250 יאָר יידישע פרעסע. דאָרט ווייזט ער אָן, אַז אין דער ביבליאָטעק יוסף מאַרגאָשעס האָט ער געפונען 6 נומערן (3, 5, 6, 7, 8, 10). אין נומער 7 זענען פאַרעפנטלעכט נייעסן וועגן דער שלאַכט פון נאַפּאָלעאָן אין איטאַליע, אין נומער 8 איז פאַרעפנטלעכט אַ שיר אין העברעאיש, געווידמעט דעם מלבים, געחת-מעט פון אַ ייִנגל פון 12 יאָר. אין נומער 10 זענען פאַראַן שבחים לכבודן הערשער פון רומעניע אַלעקסאַנדרו יאָן קוזאַ, געחתמעט אליעזר מאַרגוליעס.

4

דיא צייט — טימפּול

רומעניש־העברעאישער זשורנאַל.

„הלא אב אחד לכולנו, הלא אל אחד בראנו, מדוע נבגד איש באחיו לחלל ברית אבותינו" (מלאכי ב-י).

דער ערשטער נומער פון דער דאַזיקער צייטונג איז דערשינען אין בוקאַרעשט, דעם 17טן מאַי 1859, אונטער דער רעדאַקציע פון נפתלי פאָפּער און ק. כהנא. ביידע באַגייסטערטע משכילים, וועלכע האָבן געוואָלט צילן צו וואָס ברייטערע קרייזן לייענער — סיי די וואָס לייענען שוין רומעניש סיי די וואָס קאָנען נאָך נישט קיין רומעניש — און זיי מוזן דערווייל אָנקומען צום יידישן לשון.

אין לייטאַרטיקל, אין רומעניש און אויך אין יידיש, ווערט געזאָגט: סע זענען פאַראַן אייניקע איזראַעליטן פון רומעניע, וואָס קאָנען נישט לייענען צייטונגען געשריבענע אין דער רומענישער שפּראַך, אָבער אויך יענע קאָנען נישט בלייבן איזאָלירט אין דער וועלט: אין דער מאָדערנער וועלט ווער סע איזאָלירט זיך בלייבט אַרונטער; ווער סע שווימט נישט מיטן טייך פון דער צייט, גייען איבער אים אַריבער די שנעלע כוואַליעס פון דער צייט און קאָנען אים דערטרענקען.

אָבער די צייטונג האָט זיך געשטעלט נאָך איין שליחות כּיט זיין רומעניש טייל: צו באַקענען „די רומענער קריסטן מיט דער ליטעראַטור, געשיכטע, יידישער רעליגיע אין איר אמתן פּרצוף, אזוי ווי זיי זענען באמת אין דער רעאַליטעט‟, כדי זיי נישט איבערצולאָזן די רומענער, אז זיי זאָלן אָריענטירט ווערן כּון יענע וואָס האָבן שלעכטע מחשבות.

בכן, איז די דאָזיקע פּובליקאַציע געווען א מין בריק, וואָס זאָל דערנענטערן די באַציאונגען צווישן די יידיש-רעדנדיקע און די רומעניש-רעדנדיקע יידן, אָבער אויך צווישן דער יידישער און רומענישער באַפעל-קערונג. די רעדאַקציע ווענדט זיך צו די לערער און פּראָפעסאָרן, אז זיי זאָלן ביישטראָגן צום פאַרשפּרייטן די צייטונג אויך צווישן קריסטן. צו דעם צוועק האָט מען געמאַכט הנחות אין דער פּרייז. אויב דער אַבאָ-נאַמענט האָט געקאָסט צוויי רענדלעך א יאָר, האָט מען פאַר קריסטלעכע אַבאָנענטן געמאַכט דעם האַלבן פּרייז, פון בלויז איין רענדל א יאָר

און דאָך — די צייטונג איז דערשינען בלויז 10 נומערן.

פאַר וואָס?

די צייטונג איז נישט געשטיצט געוואָרן, אז זי זאָל האָבן א קיום. אדרבה, די רעליגיעזע קרייזן, בפרט די אָנהענגער פונעם מלבים, האָבן די צייטונג באַקעמפט. דאָס ווערן מיר געוואויר אויך פון א קאָרעספּאָנ-דענץ פון פאָקשאַן, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין נומער 4, אין וועלכער סע ווערט דערציילט, אז דער רב האָט געשריבן צו די דאָרטיקע יידן, אז קיינער זאָל זיך נישט אבאָנירן צו דער צייטונג, ווייל די רע-דאַקטאָרן זענען מיסיאָנערן, וואָס ווילן אָפּווייכן די יידן פונעם דרך הישר. דער קאָרעספּאָנדענט באַדויערט, וואָס די בוקאַרעשטער יידן האָבן נישט געקאָנט ברענגען א בעסערן רב...

סע ווייזט אָבער אויס, אז דער מלבים האָט זיך געטאָן בלויז זיין חוב. ווייל אויב סע האָט געפעלט א בעסערער רב — האָט אָבער גאַנץ זיכער געפעלט א „בעסערער‟ רעדאַקטאָר... דער גאַנצער צוגאַנג צו יידיש. איז געווען א „נישט־יידישער‟. אָט, משל, אין אונטערטיטל ווערט די צייטונג אָנגערופן „העברעאיש־רומעניש‟, אין לייטאַרטיקל ווערט גערעדט וועגן „יודיש-טייטש‟ און נאָך עטלעכע שורות, ווערט שוין „אין יודישע שפּראַכע צו יודען גערעדט‟...

לאָמיר זען, ווער איז געווען דער רעדאַקטאָר נפתלי פּאָפּער?

דעם 25סטן יוני 1851 ווערט אָפיציעל געגרינדעט א „שולע פאַרן דערציען די יונגע איזראַעליטן‟ און דער חודשלעכער בודזשעט-פּראָיעקט

זעט פאָר א סכום פון 2000 ליי, פון וועלכע 1000 ליי א חודש פאר צוויי רבנים. איינער פון די צוויי „רבנים" איז ישראל פיק, וועלכער איז שפּעטער אריבער צו די עוואנגעלישע מיסיאָנערן, און ווי געווינטלעך סע האָבן געטאָן משומדים, האָט ער שארף אָנגעגריפן דאָס יהדות. דער צווייטער „רב" איז געווען נפתלי פּאָפּער. אמת, ער איז געווען א למדן, א ליטווישער משכיל. אָבער אויך ער האָט שוין אין זיין רעדע ביים חנוכת-הבית פון דער דאָזיקער שולע, דעם 28סטן אויגוסט 1852, געמאכט סענזאציאָנעלע דערקלערונגען, אז די שול האָט דעם ציל, אז „די רומענישע שפראך זאָל ווערן די גערעדטע שפראך פון די איזראעליטן".

האָט א מלבים, וועלכער איז געווען באקאנט פאר א שטרענגן אָרטאָדאָקס, געקאָנט שווייגן וועגן אזא אסימילאציע-פּראָפּאגאנדע? האָט ער טאקע נישט געשוויגן, נאָר געפונען די „צייט צו רעדן". אזוי איז אויפגעקומען די צייטונג „עת לדבר" וועגן וועלכער מיר האָבן אויבן דערמאנט.

אגב, זאָל דערמאנט ווערן, אז דער מלבים איז אויפגענומען געוואָרן פאר רב אין בוקארעשט אין יאָר 1858, אָבער די קהילה האָט זיך באלד צעשפּאָלטן אין אָרטאָדאָקסן, געשטיצט פון דאָקטער מאָריץ ווערטהיימער און דעם גרינדער פון דער גרויסער שיל, ישראל הערש בארא״ן, און אין אזוי גערופענע „פאָרגעשריטענע מאָזאישע רומענער", וואָס האָבן געפּרעדיקט אסימילאציע. דער סוף איז געווען, אז דער מלבים איז אראָפּגעשטעלט געוואָרן פון זיין כסא-הרבנות דורך דער מאכט, אין יאָר 1862 און אין יאָר 1864 איז ער פארטריבן געוואָרן פון רומעניע...

שפּעטער מיט אן ערך זיבעציק יאָר, אין זיין באנד לידער „שטאָט אין פּראָפיל", דערשינען אין בוקארעשט אין יאָר 1935, וועט יעקב שטערנבערג שרייבן אין ליד „מיין לוויה":

„...צווישן טעמפל, קרעטשמע,
חברה-נושאים, חברה-ציון,
חברה דייטש-צילינדערס בני-משה,
חברה יידישע ארבעטער-קולטור,
טשיינע, קלויז און יידישן טעאטער,
איז פארשניטן געוואָרן היינט
א יידיש-רומענישער דיכטער —
פון זיין שם-טוב א זאטער..."

און דערנאָך טרייסט ער זיך:

„...זע איך קלאָר שוין,
אז מיין פערד איז עכט כאָ͏ֹאליש,

רעפּאָרמיסטיש־קלעריקאַליש...

טראַכט איך מיר: עס איז בזיל־הזול —
אומזיסט.
כּיוויס, דעם מלבים ז״ל
האָבן אויך די זעלבע טעמפּל-יידן
גאָר ארויסגעפירט פון דאַנען
אויף א וועגעלע מיסט...״

אַט ווי אַזוי א ראַדיקאַל-לינקער יידישער פּאָעט האָט זיך אַנגע-בּומען די קריוודע פון א מלבים, וועלכער הגם ער איז געווען א קנאי, זענען אָבער זיינע קעגנער געווען טעמפּל-יידן, צי „רומעניִשע איזראַע-ליטן״...

דאָך וועלן מיר פאַרצייכענען, אַז אויב דער „קורות העתים״ איז געווען דער „אלף״ אין דער מאָלדעווע, אין יאַס — איז „דיא צייט״ געווען דער „אלף״ אין בוקאַרעשט. דאָס איז די ערשטע צייטונג אין יידיש, וואָס איז דערשינען אין בוקאַרעשט. דאָס מאָל איז עס שוין די הויפּטשטאָט פון דער פאַראייניקטער רומעניע, לכל הפּחות פאָרמעל. ווייל צו אַן אמתדיקער צעמענטירטער פאַראייניקונג, צו דעם קומט עס מיט דער צייט. צו דעם איז דאָך נויטיק א פּעריאָדע פון איבערגאַנג, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

5
היועץ

לבית ישראל ברומניה. צייטונג פיר געמיינדע, פאמיליע אונד האנדעל.
ותשועה ברוב יועץ (משלי יא־יד).

דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 12טן יוני 1874, ווי א וואָכנבלאַט.

רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער איז געווען יחיאל מיכל עזיאל, ער איז געווען דער זון פון דוד עזיאל, וועלכער האָט געוואוינט אין בוקאַ-רעשט. ער שטאַמט פון אַן איינגעזעסענער יידישער משפּחה, וואָס האָט געלעבט אין רומעניע מער ווי פינף הונדערט יאָר, זינט בוקאַרעשט איז געגרינדעט געוואָרן ווי א שטאָט. אין יאָר 1821, מסתמא צוליב די געשעענישן, וואָס זענען פאָרגעקומען ביים אויפשטאַנד קעגן די באַיאַרן

און דער טערקישער מאכט, אַנגעפירט פונעם רומעניש ן רעוואָלוציאָנער טודאָר וולאַדימירעסקו, האָט די משפחה עזיאל פאַרלאָזט צייטווייליק בוקאַרעשט און זיך איבערגעצויגן קיין בראַשאָוו, וואָס איז דעמאָלט געווען אונטער דער עסטרייך-אונגערישער הערשאַפט (מיטן דעמאָלטדיקן נאָמען: קראָנשטאַט). דאָ, אין בראַשאָוו, איז אין ז׳ טבת 1822 געבוירן געוואָרן יחיאל מיכל, אָבער שפּעטער מיט א יאָר (אָדער דריי) האָט זיך די משפחה עזיאל צוריקגעקערט קיין בוקאַרעשט.

י.מ. עזיאל האָט געלערנט אין די בוקאַרעשטער חדרים, וואו סע זענען געווען מלמדים תּלמידי-חכמים פון פוילן. ער האָט אזוי ארום זיך פאַרשאַפט א רייכן קולטור-באַגאַזש סיי אין יידישן, סיי אין וועלטלעכן וויסן. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן טעטיק זיין אין השכלה-קרייזן. און ווי סע ווייזט אויס פון זיין אָרגאַניזאַטאָרישער טעטיקייט, הן אלס סוחר הן אלס פאַרלעגער, איז ער געווען א פעאיקער אונטערנעמער מיט איניציאַטיוו, וואָס אויב זיי האָבן נישט אלע מאָל געגעבן מאַטעריעלע רווחים, זענען זיי אָבער תּמיד געווען ווירדיקע, וואָס האָבן אָנגעשריבן א חשוב בלעטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין רומעניע.

יחיאל מיכל עזיאל האָט חתונה געהאַט (א ביסל שפּעטלעך פאַר יענער צייט) מיט א פאַרמעגלעכן סוחרס א טאָכטער, אין יאָר 1854, און פאַרשטייט זיך אויך געוואָרן א סוחר. צוליב א שׂריפה, וואָס איז אויסגעבראָכן אין יאָר 1871, איז ער געבליבן בדיל-הדל פון זיין גאַנץ סוחרעריי.

מיט וואָס י.מ. עזיאל האָט זיך באַשעפטיקט איידער ער האָט חתונה געהאַט, צי נאָך דער שׂריפה, ווייסן מיר נישט. מסתמא האָט ער אונטערגעהאַנדלט, כדי צו געפינען אויף פּרנסה.

אין 12טן יוני 1874 הייבט ער אָן ארויסגעבן דאָס יידישע וואָכנבלאַט „היועץ“, וואָס האָט מאריך ימים געווען מערער, ווי סיי וועלכע פּובליקאַציע אין יידיש, וואָס איז א מאָל דערשינען אין רומעניע. לויט ווי מיר וועלן זען ווייטער איז זי דערשינען בערך 40 יאָר, ביז דער ערשטער וועלט-מלחמה.

לויט זלמן רייזענס לעקסיקאָן (ב׳ 2 זייט 723) האָט עזיאל באַקומען א מאַטעריעלע הילף צום ארויסגעבן די צייטונג פון דעם אמעריקאַנער קאָנסול אין בוקאַרעשט, דעם יידישן עסקן בנימין פראַנקלין פּיישאָטאָ. מסתמא האָט ער אויך באַקומען הילף מצד דער קהילה און אויך פון

סוחרישע קרייזן (דורך אנאָנסן), ווייל דער אונטערטיטל „פיר געמיינדע אונד דאנדעל" וואָלט אויף דעם עדות געזאָגט.

י. מ. עזיאל האָט זיך מיט דער צייט איינגעאָרדנט אן אייגענע דרוקערײַ, וואו ער האָט געדרוקט זיין צייטונג.

דער פאָרמאט פון דער צייטונג איז געווען: 32/47 צמ, 4 זייטן, 4 קאָלומנעס. די גאנצע צייט וואָס די צייטונג איז דערשינען האָט זיך דער פאָרמאט נישט געביטן אָבער די אונטערטיטלען און אויך די מאָטאָס, יאָ.

אין דער פעדעראציע האָב איך געפונען קאָלעקציעס פון גאנצע יאָרגענג פונעם „היועץ". ווייל סע פעלן פיל נומערן און גאנצע יאָרן, וועל איך פאַרצייכענען בלויז דאָס, וואָס איך האָב יאָ געפונען.

עס איז מעגלעך, אז אין די יאָרן 1885—1887 זאָל געווען זיין זון רעדאגירן די צייטונג, יוסף עזיאלעסקו, וועלכער האָט אויך אנטוויקלט א פרעסע-טעטיקייט, ווי מע וועט ווייטער זען.

איך וועל זיך באגניגן צו פאַרצייכענען, אז זינט יאָר 1882 28-סטער מערץ דערשיינט די צייטונג צוויי מאָל וועכנטליך. זינט נומער 398 און 3טן אפריל 1882 דערשיינט א נייער אונטערטיטל: „עפענט-ליכעס אָרגאן פיר ישוב ארץ ישראל".

אויף דער ערשטער זייט פון דעם דאָזיקן נומער זענען פאַרעפנט-לעכט 3 אויפרופן:

1) מצד בוקארעשטער מיטגלידער פאָם צענטראל קאָמיטעט מישוב א"י. געחתמעט: מ. וויינבערג און דאָקטאָר מ. גאסטער;

2) דאָס קאָמיטעט פון ישוב ארץ ישראל מבאקארעשט;

3) דיא רעדאקציאָן.

אין די אויפרופן ווערט געזאָגט, אז צווישן קאָמיטעט און דער רע-דאקציע איז געשלאָסן געוואָרן אן אָפמאך, אז דאָס העלפט געלט, וואָס דער קאָמיטעט וועט זאמלען פאר אבאָנאמענטן, זאָל גיין פאר ישוב א"י און בלויז די העלפט זאָל אריין אין דער קאסע פון דער צייטונג „דאָס עלטסטע און דאָס ערשטע בלאט אין רומעניע, וואָס האָט די אידעע און דאָס הייליקע געפיל פאר ישוב ארץ ישראל פאַרברייטעט".

די אבאָנאמענטן וועלן געזאמלט ווערן אין רומעניע און בולגאריע.

די צייטונג וועט ארויס דריי מאָל אין דער וואָך, אין זעלביקן פאָרמאט, מיטן זעלביקן פרייז. די סומעס וועלן אָפגעשיקט ווערן דירעקט צום קאָמיטעט, מיט דער באמערקונג: „נדבת מיכל עזיאל המ"ל היועץ עם זוגתו גיטעל על ידי הקאָמיטעט".

מיר דאכט, אז דער היועץ איז קיין מאָל נישט דערשינען דריי מאָל אין דער וואָך... אָבער דער אונטערטיטל האָט זיך דאָך געביטן: „אָרגאַן פיר פאמיליע, פּאָליטיק, האנדעל ישא״י״; אין יאָר 1902 און 1903 איז די צייטונג דערשינען 4 מאָל אין דער וואָך, מיטן אונטערטיטל: „אָרגאַן פיר פּאָליטיק, האנדעל, ליטעראַטור, אלגעמיינע יודישע אינטערעסען אונד ציוניסטישע אַנגעלעגנהייטען״ (צווישן די ווערטער „ציוניסטישע אַנגעלעגנהייטען״ איז געווען א מגן-דוד; אין יאָר 1906 איז דער מגן-דוד שוין נישטאָ; אין יאָר 1907 איז דער אונטערטיטל: „אָרגאַן פיר האנדעל, ליטעראַטור, ציוניזמוס אונד אלגעמיינע יודישע אינטערעסען״; שפּעטער „אָרגאַן פיר פאמיליע, פּאָליטיק, ליטעראַטור, האנדעל, ישוב ארץ ישראל אונד סאָציאַלע אַנגעלעגנהייטען״.

דער לעצטער נומער, וואָס געפינט זיך ביי דער פעדעראַציע, איז פון 5טן יאַנואַר 1913.

אין די אַרטיקלען, וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט וועגן דער דאָזיקער צייטונג האָב איך דעמאָנסטרירט, ווי דייטשמעריש עס איז געווען דאָס לשון — און ווי בעסער און ריינער יידיש זענען געווען די מודעות. איצט וועל איך נישט פאַרנעמען דעם פּלאַץ מיט אַזעלכע ציטאַטן. אָבער דאָך וועל איך ציטירן פון נומער 372 פון 30סטן דעצעמבער 1881, וואָס איז דערשינען אונטערן טיטל „סוף יאָר 1881״:

„...דער היועץ מעג מיט שטאָלץ זאָגן, אז אין דער צייט, זייט ער גייט אַרום אויף דער וועלט, האָט ער מיט גאָטס הילף פיל געווירקט אונטער אונזערע ברידער אין רומעניע, ער האָט פיל מענטשן פאָם נידריקן פאָלק גאַנץ אומגעענדערט — ווי האָט פריער איין פּראָסטער ייד געוואוסט אפילו איין וואָרט פון פּאָליטיק אָדער ווי האָט ער פריער געוואוסט עפּעס צו דערציילן, מער, ווי וואָס ער האָט געהערט אין בית-המדרש הינטערן אויוון אָדער אין באָד אויף דער באַנק, אָדער אין שילהויף ביי א רעדל, אָדער ווי איינע יידינע דאָס מינדסטע געפיל געהאַט פון צו שפּירן עפּעס אויסער איר הויז. היינטיקן טאָג זענען מיר זאָלכע יידן זוכן שוין דאָס בלאַט, ווען ער באַקומט עס נישט צום געהעריקן טאָג, פעלט עס אים שוין, זוי ווי איינער וואָס פעלט אים זיין עסן, זיין טאַבאַק, און די אויגן זענען אים שוין אָפן צו זען דורך דעם בלאַט, וואָס עס טוט זיך טויזנטער מייל ווייט פון אים, און לעבט נישט מער ווי א בהמה, זוי ווי עס איז געוועזן פריער מיט יאָרן — דער היועץ האָט פיל מאָל דאָס פאַרגעניגן געהאַט צו זען שולן, שפּיטעלער,

No 170 | 15 מאי אין נומער | דעבוטשער אירינעג

HAJOETZ

היועץ

לבית ישראל ברומניה

צייטונג פיר געמיינדע פאמיליע אונד האנדעל

ערשיינט צוויא מאל אין יעדער וואך

אינלאנד

HAJOETZ

היועץ

לבית ישראל ברומניה

„DER WAHRE HAJOETZ"

היועץ

DER WAHRE HAJOETZ

היועץ

לבית ישראל ברומניה

ידיען פראגע און וויענער קאנגרעס

פעליעטאן

דער נשיא פון בבל

פאראיינע עטצ., וואָס זענען נאָר דורך זיין עצה אָדער מוסר אנטשטאנען; וויפל פאראומגליקטע האָבן שטיצע באקומען דורך די אויפרופע, דורך דאָס שילדערן פון זייער לאגע, וואָס דער היועץ האָט געמאכט — ווי פיל מאָל האָט דער היועץ דאָס פארגעניגן געהאט צו זען עגונות אויפ־געבינדן דורך זיין אנאָנסירן, און וייל ער איז מיט גאָטס הילף איבע־ראל אויסגעברייטעט. ער מעג זיך רימען אז דאָס בתי מחסה לזקנים פון בוקארעשט, וואָס מאכט א כבוד דער גאגצער בוקארעשטער געמיינדע בכלל, און דעם קאָמיטעט בפרט, וואָס האָבן זיך זייער פיל באמיט, און איצט אויך נאָך, איז דאָס ווערק נאָר פאָם היועץ. דעסגלייכן אין דער געגנ-ווערטיקער צייט מעג דער היועץ זיך עפנטלעך רימען (געגן אלע וואָס ווילן אים אָפלייקענען) אז נאָר ער איז דער יעניקער, וואָס האָט דעם נאציאָנאליטעטס פונק אריין געגעבן אין זוי פיל טויזנטער פון אונדזערע ברידער, וואָס דאדורך האָבן זיי קאָמיטעטן פאר עבודת האדמה ע״י ישוב ארץ ישראל געמאכט — אָפוואָל עס געפינען זיך נאָך פילע וואָס ווילן אים צו סעקירן, באהויפטן, אז ער האָט געארבעט וועגן געלט-אינטערעס, און ווי באלד דאָס האָט אויפגעהערט, איז ער קאלט געוואָרן, זוגאר געגן דעם פרינציפ, און מאנכער וואָס האָט נישט געליי-ענט דעם היועץ האָט זויגאָר חושד געווען, אז דער היועץ וויל שטערן ישוב ארץ ישראל, באווייזן קענען זיי עס אָבער נישט. ווייל זיי האָבן נישט וואָס צו ווייזן. אדרבה, לאָזן זיי ארויסקומען און באווייזן עפנטלעך נגד אחי ועמי — נישט נאָר זאָגן — את שור מי לקחתי, את חמור מי לקחתי כופר? דארום איז דער היועץ גאָר קיין איינציקן אויגנבליק אפילו נישט מסופק, אז יעדער רעכטשאפענער מענטש, וואָס לייענט נישט דעם היועץ גיבט אים רעכט אין דער באציאונג. דארום קוקט אויך דער היועץ נישט דארויף אין טוט זיין ארבעט פאָרווערטס, זוי ווי ער האָט זיך פאָרגענומען פאר זיינע ברידער ניצלעך צו זיין — עס איז אייגנטלעך שוין גאָר איבעריק פאָרצוברענגען וואָס יעדער ווייסט — אז דער היועץ איז דאָס איינציקע יידישע בלאט אין רומעניע, וואָס האָט זוי פיל געאָפפערט אום ער זאָל זיך קענען זוי לאנגע צייט ערהאלטן, נאָך דעם וואָס פילע אונטער אונדזערע ברידער אין רומעניע האָבן נאָך נישט דאָס געפיל פאר א יידיש בלאט (וואו פילע יידישע בלעטער — אין 20 פארשידענע שפראכן — זענען שוין ערשינען אין רומעניע, איבער ווען מיר זאָלן וועלן זיי דאָ אויסרעכענען און האָבן זיך נישט געקענט ערהאלטן) און געפינען זיך גאָר נישט פארפליכט צו צאָלן פאר דעם

יידישן בלאט, בפרט) פאר א זשארגאָן בלאט — נאדיר אויך א בלאט — אויך א שפראכע — עפּעס א ווייבערישע תחינה, אָפּוואָל זיי האָבן פאר־געניגן דערפון אויך ווען זיי לעזן עס, וואָרן געפינען זיי דען אין די קריסטלעכע בלעטער זוי וואָס וועלכעס אָנבאלאנגט יידישע אינטערעסן? אָדער וואָס עס גייט פאָר אונטער יידן? (וואָלטן זיי וויניקסטנס דעם „אפּעראטאָרול" און „פראטערניטאטעא" אָרנטלעך געהאלטן) — עס וואָלט אונדז נישט געהארט ווען די נישט-צאָלערס זאָלן אָרעם זיין, די מיינס־טנס אָבער זענען פארמעגלעך און שפּילן גרויסע ראָלן אין זייערע געמיינדן, און צאָלן דאָך דעם היועץ נישט. אייניקע פון די אגענטן קוקן נישט זיי זאָלן די 25 פּראָצענט ראבאט לאנגזאם אָדער ערלעך פאר־דינען, און ווילן מיט איין מאָל דאָס גאנצע וועקנעמען, און בארויבן דעם געפּלאגטן היועץ, וואָס רוט נישט טאָג און נאכט, ער זאָל קענען זיינע ליבע לעזער דאָס בעסטע און ניצלעכסטע צום לעזן געבן — די שאָדן נישט נאָר דעם היועץ אום מאטעריעלישן און גייסטיקן אינטערעס, זוי ווי מען זעט אז אין די אכט יאָר האָט דער היועץ קיין הויז גע־קויפט, אפילו נישט קיין סוואליק צו א הויז, דארום די וואָס צאָלן נישט — אך, עס ציטערט מיר די האנט צו שרייבן — גזלן פּשוט די פאמיליע — דערביי שאָדן זיי דעם גאנצן יידנטום פון רומעניע, וואָס דורך זיי איז דער היועץ נישט אימשטאנד יעדן צופרידן צו שטעלן..."

דאָס דאָ ציטירטע איז נישט אפילו קיין העלפט פונעם ארטיקל. דאָך איז עס א שפּיגעלע, צו זען דעם מצב. פארשטייט זיך, אז די אָר־טאָגראפיע איז מיינע, אָבער דאָס לשון — הלוואי וואָלטן די אנדערע ארטיקלען געווען אזוי יידישלעך... דאָס ארטיקל איז געווען א יוצא־מן־הכלל.

צום סוף וויל איך צוגעבן, אז זינט עס איז געשטאָרבן י.מ. עזיאל (9טער פעברואר 1895) האָט זיך געביטן דער טיטל, פון „היועץ" אין „דער וואהרע היועץ" וואָס מיר וועלן דאָרט דערקלערן.

ווי געזאָגט האָט דער „היועץ" אנטוויקלט אויך פארלעגערישע טעטיקייט, צו אלעם ערשט פארעפנטלעכט די אייגענע ווערק פון יחיאל מיכל עזיאל. אָבער מע האָט ארויסגעגעבן אויך איבערזעצונגען זיינע, וואָס טייל פון זיי זענען דערשינען צו ערשט אין דער צייטונג, אין המשכים, אָדער אין פעליטאָנען, ווי מע האָט עס דעמאָלט גערופן.

כדי צו ווארפן א שיין אויף דער דאָזיקער טעטיקייט, וועל איך רעפּראָדוצירן א פּאָסטקארטל, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו דער רעדאקציע.

דאָס לייענט זיך אזוי:

„פּאָקשאן אם 8 מארץ 90 (18).

הערן רעדאקטאר היועץ!

איך זענדע איהנען אב מיט רעטאָר דיא 2 ווערקע דיא דראמע דע פּאריז אונד שמעון עט מרים. מעגליך דאָס זיא זינד זעהר אינטערע־סאנט! נור ליידער איזט מיר דער דייטש גאנץ ווייניג בעקאנט; ביטע זיא ניכט צו צירנען אויף מיר דען איך האבע דאפאָן מעהרער שמערצען אלס זיא! איך בין זעהר נייגעריג און וויל... נור דער דייטש איזט גאנץ וייט פאָן מיר גריסע זיא בעסטענס

אלטונגספּאָל

לייב גלאנצמאן“.

פון דעם דאָזיקן פּאָסטקארטל איז צו זען, אז עס איז געווען גענוג צי שרייבן אויף דעם אדרעס: „היועץ“ בוקארעשט. מע האָט נישט באדארפט שרייבן קיין גאס מיט א נומער. דער פּאָסט־טרעגער האָט שוין אָנגעטראָפן.

והשנית, אז די צוויי ביכלעך: „דיא דראמע דע פאריז“ האָב איך געפונען אין די מודעות פון דער רעדאקציע, אז עס איז ארויסגעגעבן גע־וואָרן פון היועץ. דאָס ביכל „שמעון עט מרים“ פיגורירט צווישן די אויסלענדישע ביכער.

עס איז מיר אָבער נישט פארשטענדלעך, וואָס האָט דער קאָרעס־פּאָנדענט געוואָלט זאָגן, אז „דער דייטש איזט גאנץ ווייניג בעקאנט“... איז עס פאַר אים געווען צו פארדייטשמערישט צי צו ווייניק פארדייטשט?!

צי אפשר גאָר איז דער פרייז געווען פאר אים צו טייער?

לויט דער מודעה האָט דאָס ערשטע ביכל געקאָסט 6 פראנק און דאָס צווייטע בלויז 1,50 פראנק. צו יענער צייט זענען 6 פראנק געווען א נישט קליינער פרייז...

6

דאָס יודישע בלאט

ערשיינט אלע מיטוואָך. בוקארעשט 2טער מערץ 1877.

„מען מעג מיר מאכען וואס מען וויל,

מיין הארץ איז דאָך מיט גאָטט וואָרט פול“.

(דער יוד).

פאראנטוואָרטליכער: מ. ספירעסקו.

פאָרמאַט: 30/43 צמ. 4 זייטן, 4 קאָלומנעס.

איך וועל ציטירן פון לייטאַרטיקל פונעם ערשטן נומער:

„ליבע ברידער!

ווי נייטיק עס איז מיר יידן זאָלן דאָ אין רומעניע האָבן א יידיש בלאַט, דאָס פילט א יעדער.

צו וואָס טויג דען א יידיש בלאַט?

נישט איטלעכער מענטש קאָן א סך לשונות פאַרשטיין, צווישן אונדז יידן זענען דאָ וואָס פאַרשטייען נאָר יידיש, זייער באַשעפטיקונג לאָזט זיי נישט מער לערנען, און דאָך ווילן זיי אויך עפּעס וויסן, וואָס אין דער וועלט טוט זיך, וואָס פאַר נייעס עס הערט זיך אין אַנדערע לענדער, און טאַקע אין זייער אייגן לאַנד. פון וואַנעט זאָלן זיי וויסן וואָס עס טוט זיך, ווען זיי האָבן קיין יידיש בלעטל נישט, וואָס זיי זאָלן קענען פאַרשטיין? א יעדער ייד וויל וויסן וואָס זיינע ברידער טוען. ער וויל זיך מיט זיי פרייען אַז עס גייט זיי גוט; ער וויל מיט זיי זייער ווייטיק ליידן, ווען עס גייט ווי שלעכט.

נישט נאָר דאָס אליין!

א מענטש קומט אהיים פון זיין שווערער אַרבעט, וויל ער א ביסל הנאה האָבן פון דעם שטיקל צייט, וואָס ער זיצט צווישן זיין ווייב און קינדער.

פאַר וואָס נישט?

וואָס זאָל אָבער דער טון, וואָס קען קיין דייטשע, קיין וואַלעכישע אָדער אַנדערע בלעטער נישט לעזן? מיט וואָס זאָל ער זיך מענטשלעך אונטער האַלטן?

אין אונדזער לאַנד האָבן מיר נישט אזא בלאַט, וואָס זאָל קענען צו יעדן יידן אין שטוב אריינקומען, א בלאַט וואָס זאָל רעדן ריין יידיש און זאָל זיין ביליק.

א ריין יידיש בלאַט מוזן מיר פון אויסלאַנד ברענגען. פאַר וואָס זאָלן מיר עס דאָ נישט קענען האָבן?

די פראַגע, מיינע ליבע ברידער, האָט מיך באַוואויגן איך זאָל אויף איר ענטפערן מיט דעם „יודישען בלאַט“...

„דער הערויסגעבער“

אין זעלביקן נומער איז פאַרעפנטלעכט א פעליטאָן: "רבקהלי א-דער דאָס גיגאַנוועטע קינד" פון ה׳ מ׳; אויף זייט 3 איז פאַרעפנטלעכט

„דער מאָדען-מאגאזין אין 4 אָבטהיילונגען, פערפאסט פאָן א' גאָלדפאָדען" (פערזון).

אז דאָס לשון איז יידישלעכער, ווי דער עקזיסטירענדיקער היועץ דאָס איז זיכער. וואָס שייך דער פּרייז, איז עס אפשר ביליקער אין פאַרגלייך מיט אַן אויסלענדיש בלאט. ווייל עס קאָסט אויך ווי אַן אנדערע צייטונג „15 באני".

ווער עס איז געווען דער רעדאקטאָר, ווייס איך נישט. אָבער מיר וועלן נאָך וועגן דעם זען, ווען עס וועט זיך רעדן וועגן „דער פּאָליטיקער".

צווייטער טייל

1918 — 1877

TELEGRAPH
יודישער
טעלעגראף
צייטשריפט
פונעם רומעניש רעליגיעז
קורות העתים
פורים־רעיונות
1856

רומעניע פראָקלאמירט איר אומאָפּהענגיקייט

הגם דאָ שרייבט זיך נישט קיין געשיכטע, דאָך קאָן מען נישט פאַרביי גיין, ווען מע קומט אָן צום יאָר 1877 און מע זאָל נישט דערמאנען, אז אין דעם דאָזיקן יאָר, אין פרילינג, איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן רוסלאנד און דער טערקיי, ביי וועלכער געלעגנהייט רומעניע האָט זיך אויסגעקעמפט און פראָקלאמירט איר אומאָפּהענגיקייט.

אין שייכות מיט דעם זענען אנטשטאנען נייע פּובליקאציעס, טעגלעכע, וואָס זענען א מייל-שטיין אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע בכלל און פון דער רומענישער בפרט.

אָט פאר וואָס איך האלט פאר נייטיק צו דערמאנען, ווי דרך אגב, דעם מצב פון די רומענישע יידן אין יענער צייט.

אין רומעניע פונעם סוף ניינצנטן יאָרהונדערט האָבן געלעבט קנאַפּע 270 טויזנט יידן, בעת די אלגעמיינע באפעלקערונג האָט דעמאָלט געציילט קנאַפּע 6 מיליאָן. דאָס הייסט, אז די יידן האָבן באַטראָפן בערך 4 און א האלב פּראָצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג.

דאָס עקאָנאָמישע און קולטורעלע פּנים פון דער יידישער באפעלקערונג פון רומעניע איז אין אלגעמיין געווען דאָס זעלביקע ווי אין די איבעריקע לענדער פון מזרח-אייראָפּע. דאָ איז אָבער געווען דער מצב א גינציקערער אויף צו געפינען פּרנסה. במשך פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט און בפרט אין דער צווייטער העלפט ווען די רומענישע ווירטשאפט האָט געשטעלט זייער פּאמעלעך, ווי קינדערישע טריט, אויפן אנטוויקלונג-וועג צום מאָדערנעם קאפּיטאליזם, האָט דער יידישער האנדל אויסגעפירט זייער א וויכטיק שליחות אין עקאָנאָמישן לעבן פונעם לאנד, און די יידישע בעלי-מלאכות האָבן באפרידיקט ביז גאָר נייטיקע באדערפעניש, סיי פאר דער שטאָטישער און סיי פאר דער דאָרפישער באפעלקערונג.

טאקע צוליב דעם, האָבן לכתחילה די דעמאָלטיקע פירשטן נישט נאָר דערלויבט, נאָר אויך פאַרבעטן יידישע בעלי-מלאכות, אז זיי זאָלן זיך באַזעצן דאָ.

דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, אז סוף פונעם יאָרהונדערט זאָל מען זיי רודפן ביזן פארטרייבן, אָדער שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען אז זיי זאָלן נעמען אין די הענט דעם וואַנדער-שטעקן, נישט ווי א מעטאַפער, נאָר ממש אויסצואַוואַנדערן צו פוס. אָבער וועגן דעם שפּעטער. דערווייל לאָמיר אָנגעבן עטלעכע דאַטן, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן סוף נײַנצנטן יאָרהונדערט, ווען יידן האָבן געהאַט פאַלגנדיקן אָנטייל אין די דרײַ ווירטשאַפט-צווײַגן פונעם לאַנד:

— אין מיסחר: 22.560 יידישע סוחרים (21,1%) זענען געווען צווישן די 107,332 רעגיסטרירטע סוחרים.

— אין מלאכה: 19.181 יידישע בעלי-מלאכות (19,62%) זענען געווען צווישן די 97.755 פאַרשריבענע אין די צעכן.

— אין אינדוסטריע: 122 בעלי-בתים פון די אינדוסטריע־אונטערנעמונגען (19,5%) זענען געווען צווישן די 625 אײַגנטימער.

— אַרבעטער און אָנגעשטעלטע: 2.092 יידן (5,3%) זענען געווען צווישן דער אַלגעמײַנער צאָל 39.121 אַרבעטער און אָנגעשטעלטע.

פון די דאָזיקע בערכדיקע ציפערן (איך האַלט, אז בכלל דאַרף מען תמיד רעכענען, אז ציפערן זענען בלויז בערכדיקע און שפּיגלען נישט אָפּ פּינקטלעך דעם מצב פון דער רעאַליטעט, אָבער דאָך קאָן מען זיך אָריענטירן!) איז צו זען, אז דער אָנטייל פון די רומענישע יידן אין די הויפּט-צווײַגן פון דער ווירטשאַפט איז געווען עטלעכע מאָל העכער ווי זייער פּראָצענט לגבי דער אַלגעמײַנער באַפעלקערונג. אפילו אין דער קאַטעגאָריע „אַרבעטער און אָנגעשטעלטע", צו וועלכע יידן האָבן געהאַט א זייער שוועריקן צוטריט, דאָך איז זייער אָנטייל געווען העכער ווי דער אָנטייל זייערער אין דער באַפעלקערונג.

היות דאָ רעדט זיך דאָך נישט, ווי געזאָגט וועגן אַט דעם מצב, נאָר בלויז צו שאַפן א בילד, וואָס זאָל דערמעגלעכן אונדז צו פאַרשטיין די סביבה און די באַדינגונגען אין שייכות מיטן דערמעגלעכן פאַרן דערשײַנען פון יידישע צײַטונגען, וועלן מיר אונטערשטרײַכן, אז אין דער מאָלדעווע גופא האָבן געלעבט מער ווי 75 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. אויך דאָרט איז דער אָנטייל פון דער יידישער באַפעלקערונג געווען א דאָמינירנדיקער אין דער פאָלקסווירטשאַפט: פון

די 2500 רעגיסטרירטע סוחרים אין דער שטאָט יאַס, זענען 2244 געווען יידן.

אלע 25 פירמעס פון תבואה-מיסחר אין ראַיאָן פון יאַס, זענען געווען יידישע.

פון די 75 אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון יאַסער ראַיאָן זענען געווען 30 יידישע.

כדי אָבער, אז מע זאָל נישט מיינען, אז דערמיט ווילן מיר זאָגן, אז די רומענישע יידן האָבן „געלעקט האָניק", ווילן מיר צוגעבן, אז דער דלות האָט געהערשט אין רוב יידישע הייזער. נאָר וואָס דען? דאָ ווילט זיך בלויז דערמאָנען, אז אין פאַרגלייך מיט די שכנישע, א שטייגער, די גאַליצישע יידן, איז די עקאָנאָמישע לאַגע פון די רומענישע יידן געווען עפּעס א בעסערע. דאָס זעלביקע קאָן מען זאָגן, אז אין פאַרגלייך מיט די רדיפות פון צאַרישן רוסלאַנד — איז דאָ געווען, ווי מע זאָגט, מיט חסד...

מיט דעם דערקלערט זיך טאַקע דער פאַקט, וואָס אהער האָבן צוגעפלאָסן א צאָל יידן, וואָס זענען געקומען פון רוסלאַנד, פוילן און גאַליציע. דאָ, אין די רומענישע שטעטלעך האָבן די צוגעקומענע יידן באַגעגנט א שוואַכערע קאָנקורענץ, סיי אין מלאכה און סיי אין מיסחר.

ווער זאָל געווען קאָנקורירן? דער אָרעמער פויער, וואָס האָט אויסגעמאַכט 80 % פון דער רומענישער באַפעלקערונג, איז געווען צוגענאָגלט צו זיין ערד אין לייבקנעכטשאַפט. דער מיטלשטאַנד איז אין שטאָט געווען אין אָנהייב פון פאָרמירן זיך. די פּריצים, יענע וואָס האָבן שטודירט אין פראַנקרייך, האָבן נישט קאָנקורירט מיט קיין יידישן פעדלער צי בעל-מלאכה. יענע האָבן געלעבט פון די הכנסות פונעם עקספּאָרטירטן ווייץ, פון דער פּאָליטיק, וואָס זיי האָבן געטריבן, העצנדיק דעם אויפקומענדיקן אינטעלעקטואַל קעגן דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג.

מיט דער געלעגנהייט איז כדאי צו דערמאָנען א רעפּליק פון דער באַקאַנטער פּיעסע פון יאָן לוקא קאַראַדזשאַלע (1852 — 1912) „א פּאַרלאַמענטער ברייוו". דער באַרימטער רומענישער הומאָריסט-דראַמאַטורג און אוהב ישראל האָט אַריינגעלייגט אין מויל פון זיינעם א „פּאָליטיקער", וועלכער צעלאָזט דאָס דעמאַגאָגישע מיילעכל זיינס אין א וואַלרעדע און קאָן זיך נישט אָפּשטעלן:

„...אונדזער געזעלשאַפט האָט דעם ציל צו דערמוטיקן די רומענישע אינדוסטריע, ווייל, זייט מוחל וואָס איך זאָג עס אייך, פון עקאָנאָמישן שטאַנד-

פונקט שטייען מיר גאָר שלעכט"... „די רומענישע אינדוסטריע איז וואונדערבאר, איז אויסגעצייכנט, קאָנען מיר זאָגן, אָבער זי פעלט לגמרי. אונדזער געזעלשאַפט, מיר אָבער, וואָס אקלאמירן מיר? מיר אקלאמירן די ארבעט, וואָס ווערט בכלל נישט געטאָן אין אונדזער לאַנד!"...

„...אין יאס למשל — דערלויבט מיר די אָפּווייכונג, עס איז טרויעריק אָבער דאָך איז עס אמת! — אין יאס האָבן מיר נישט קיין איין רומענישן סוחר, קיין איינעם נישט!..."; „...און טראָץ דעם זענען אלע אַנזעצער יידן! דערקלערט אָט די דערשיינונג, דעם סוד, אויב איך קאָן ניך אזוי אויסדריקן!": „...גוט, וואָס זאָגט אונדזער געזעלשאַפט? וואָס זאָגן מיר?... אָט דער דאָזיקער מצב איז נישט צום דערלאָזן!... ביז ווילאנג וועלן מיר נישט האָבן אונדזערע אייגענע אַנזעצערס, פראנקרייך האָט אירע אַנזעצערס, אויך אפילו עסטרייך האָט אירע אַנזעצערס, בקיצור, סיי וועלכע נאציע, יעדעס פאָלק, יעדעס לאַנד האָט אירע אַנזעצערס... נאָר מיר האָבן נישט קיין אייגענע אַנזעצער!"...

אָט די קאָמעדיע איז פארעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1884. זי האָט טאקע אויסגעלאכט פון די פרישגעבאקענע „נאציאָנאליסטן", וואָס לעכצן נאָך אייגענע „אַנזעצערס", אָבער א פאקט איז, אז דער מצב איז געווען נאָענט צו דעם דאָרט געשילדערטן.

אויב אין שייכות מיטן עקאָנאָמישן מצב האָבן מיר אָנגעגעבן ציפערן, אפילו נאָר בערכדיקע, וועלן מיר דארפן מאכן א פונאַנדערטייל פון דער יידישער באפעלקערונג, אויך ווען מיר וועלן נישט אָנגעבן קיין ציפערן.

עס איז דאָך באוואוסט, פון קדמונים, אז צו זאָגן סתם יידן איז נישט שייך. מע דארף זיי פונאַנדערטיילן, אויב נישט אין כהנים, לווים און ישראלים, ווי אין די שבטישע צייטן, איז דארף מען אָבער זייער נייטיק פעסטשטעלן די קלאסנאַנדערשקייטן און אָפּשטאמיקייטן, ווען מיר ווילן ארויסשיילן צווישן דער יידישער באפעלקערונג א יידישן לייענער פאר יידישע צייטונגען, בפרט פאר א יידישער טאָגצייטונג.

קאָן מען די דעמאָלטדיקע יידישע באפעלקערונג איינטיילן אזוי:

איין טייל יידן, וואָס זענען אין לאַנד געווען איינגעזעסענע, זינט דורות — סיי עס האָט די אַנטיסעמיטן יאָ געפעלן סיי נישט — אָבער סע זענען פאראַן באוויזן, אז יידן זענען דאָ געווען אין די געגנטן זינט כמעט צוויי טויזנט יאָר, ווען זיי זענען אהער געקומען, אויף איין מאָל מיט די רוימישע לעגיאָנען.

דער גרעסטער טייל איינגעזעסענע אָבער זענען דאָ זינט א כינף־זעקס הונדערט יאָר. טייל זענען געקומען פון פוילן און גאַלאַציע — דאָס זענען אשכנזים, וואָס רעדן יידיש־טייטש. יענע וואָס זענען געקומען פרי־ער האָבן זיך אויסגעלערנט אויך רומעניש. טייל פון זיי זענען געוואָרן שפּראַך־פאָרשער און געווען צווישן די, וואָס האָבן א גרויסן בייטראָג צו דער אנטוויקלונג פון דער רומענישער פילאָלאָגיע. בעת יענע, וואָס זענען נישט לאַנג געקומען אין לאַנד, יענע קאָנען נאָך נישט די שפּראַך פונעם לאַנד, יענע רעדן דווקא יידיש — און אויב מע וויל לייענען אויך א צייטונג, דאַרף עס זיין א יידישע...

אן אנדערער שבט איז געווען דער ספרדישער. די „שפּאַנישע יידן", ווי מע האָט זיי דאָ גערופן, רעדן לאַדינאָ, האָבן די ספרים און אויך די סידורים, מחזורים, איבערזעצטע אין לאַדינאָ, אזוי ווי עס איז פאַראַן דער תרגום־אונקולוס, צי רשי. די ספרדישע יידן זענען געווען דער רייכערער שיכט פון דער יידישער באַפעלקערונג. זיי האָבן גערעדט בעסער רומעניש פון די „פוילישע יידן", זיי האָבן אויך געשפּילט א גרע־סערע ראָלע אויך אין די שייכותן צווישן דער רומענישער מאַכט און דער טערקישער אייבערהערשאַפט, ביז צו דער אומאָפּהענגיקייט.

פון דאָ געזאָגטן איז צו זען, אז כאַר א יידישער צייטונג זענען איבערגעבליבן די „פוילישע יידן" און די „גאַליציישע". פון צווישן זיי דאַרף מען זוכן די צייטונג־שרייבער און אויך צייטונג־לייענער.

אז מע קומט אָבער אָן אהער, צו אָט דעם קאַפּיטל, ווען אין די מאָלדעווישע שטעטלעך האָבן אָנגעהויבן דערשיינען צייטונגען, דאַרף מען ווידער א מאָל מאַכן א נייע פונאַנדערטיילונג צווישן חסידים און משכילים.

פאַרשטייט זיך, אז די חסידישע, צי שטרענג פרומע קרייזן, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזען, האָבן שוין שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אז א גאָטספאָרכטיקער ייד זאָל לייענען א „טריפה" צייטונג. און משכילים, הגם זיי זענען צוגעקומען פון דער גאַליציע, האָבן זיי נישט געהאַט גענוג מאַכט, נישט עקאָנאָמישע נישט קהילהשע, אז זיי זאָלן קאָנען באַקומען די אייבערהערשאַפט, אז זיי זאָלן קאָנען גרינדן אזא צייטונג, וואָס זאָל האָבן א קיום. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס די פיל פּרואוון ארויסצוגעבן א יידישע צייטונג, אין די „שטעטלעך" פון דער מאָלדעווע (אין דער וואַ־לעכיי זענען נישט געווען קיין „שטעטלעך", בלויז די הויפּטשטאָט בוקאַ־רעשט) זענען כאַרבליבן בלויז „פּרואוון".

מערער הצלחה האָט געהאַט די רומעניש־יידישע פּרעסע און אפילו ליטעראַרישע זשורנאַלן, וואָס האָבן מיט דער צייט געוואונען לייענער צווישן דער יוגנט.

וואָס שייך דער רעכטלעכער לאַגע פון די רומענישע יידן, אין סוף פון נייַנצנטן יאָרהונדערט, וועלן מיר בלויז דערמאָנען, אַז דאָ זענען די יידן דעמאָלט געווען באַטראַכט ווי „פרעמדע", הגם דאָס רוב פון זיי זענען דאָ געבוירן געוואָרן, זייערע עלטערן און אויך זייערע עלטערנס עלטערן.

טראָץ דעם, וואָס זיי זענען דאָ געווען תושבים, האָבן די דעמאָלטדיקע פּאָליטישע רעדל־פירער פאַרוואַנדלט דעם אַרטיקל 44 פונעם בערלינער טראַקטאַט פון יאָר 1878, וואָס האָט געזאָלט פאַרזיכערן פולע בירגערלעכע און פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג, אין זיין היפּוך, יידן זענען דערקלערט געוואָרן פאַר „פרעמדע", וואָס קענען דערגרייכן די בירגערשאַפט נאָר אינדיווידועל, דורך אַ געזעצגעבערישן אַקט. דאָס הייסט, אַז אַ ייִד, וועלכער וויל באַקומען דאָס בירגעררעכט, דאַרף זיך ווענדן מיט אַן אינדיווידועלער בקשה צום פּאַרלאַמענט, און אויב ער וועט האָבן דאָס מזל. אַז דער פּאַרלאַמענט וועט עס אים באַשטעטיקן, וועט ער זיך שפּעטער דאַרפן ווענדן צום מלך, אַז ער זאָל עס מסכּים זיין...

עס איז כדאי צו דערמאָנען דאָס בילד, וואָס סע האָט געמאָלן דער קלאַסיקער פון דער רומענישער מאָלער־קונסט, ניקאָליי גריגאָרעסקו (1837—1907), וועמענס נאָמען סע טראָגט היינט דער אינסטיטוט פאַר פּלאַסטישער קונסט פון בוקאַרעשט, אין שייכות מיטן דאָזיקן געזעץ.

גריגאָרעסקו האָט געמאָלן אַ ריי יידישע טיפּן, גאַליציאַנער יידן, נאָכן באַזוכן גאַליציע, צוריקקערנדיק זיך פון פראַנקרייך, וואו ער האָט געלעבט עטלעכע יאָרן. דערנאָך איז ער איבערגעגאַנגען צו מאָלן טיפּן פון מאָלדעווישע יידן.

איינע פון אָט די בילדער האָט געמאַכט אַ גאָר גרויסן רושם אין דער קינסטלערישער וועלט. דאָס בילד איז קודם אויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ פּאַריזער סאַלאָן, אין יאָר 1880, אונטערן טיטל: „אַ מאָלדעווישער ייִד גייט בעטן בירגעררעכטביים רומענישן פּאַרלאַמענט". שפּעטער איז אָט דער טיטל פאַרקירצט געוואָרן אין „דער קומענדיקער בירגער" און אויסגעשטעלט געוואָרן אונטער דעם דאָזיקן טיטל אין יאָר 1887. שפּעטער, ביז היינט צו טאָג, איז געבליבן דער טיטל נאָך קירצער: „דער ייִד מיט דער גאַנדז".

דאָס בילד שטעלט פאָר א ייד מיט באָרד און פיאות, אָנגעטאָן מיט א קאפטן און שטריימל, אין דער רעכטער האנט האלט ער א ווייסע גאנדז, וואָס וויל זיך ארויסרייסן פון קלעם און וויל אוועקפליען... אין דער לינקער האנט זעט זיך אָן א בויגן פאפיר, וואָס ער ציט ארויס פון דער בוזעם-קעשענע, אָבער מע קאָן ארויסלייענען: „הער פרעזידענט פונעם פארלאמענט“...

דער קונסט־קריטיקער געאָרגע אָפרעסקו (1881 — 1969), ווען ער קאָמענטירט דאָס דאָזיקע בילד, זאָגט ער צווישן אנדערן: „גריגאָרעסקוס בילד האָט א טאָפלטן באטייט, א סאטירישן און אויך א קריטישן, וואָס דעמאסקירט די סטרוקטור פון דער העכסטער קאָנסטיטוציאָנעלער אינסטאנץ, דאָס פארלאמענט, וואָס פארוואנדלט אין א סחורה אפילו די אייגנשאפט פון א בירגער“.

אזוי האָט אויסגעזען די דעמאָלטדיקע געזעלשאפט, אז א ייד האָט געוואָלט באקומען דאָס בירגעררעכט, האָט ער געדארפט זיך באוואָרענען מיט א גאנדז, וואָס ער טראָגט חורש, אונטערצוקויפן דעם פאָרזיצער פונעם פארלאמענט, וואָס וועט דארפן אורטיילן וועגן זיי בקשה...

אויב מע לייענט אויפמערקזאם דעם ערשטן טיטל פון דעם בילד, און מע פארגלייכט אים מיטן לעצטן, דעם איצטיקן, זעט מען אז ער איז אויסגעהוילט געוואָרן פון זיין אמתן תוכן, וואָס איז לכתחילה געווען סימפאטיש און מיטליידנדיק מיט די רעכטלאָזע יידן, און מיט דער צייט עס פארוואנדלט כמעט אין אן אנטיסעמיטישן אפיש...

און דאָך, טראָץ דער געשילדערטער לאגע, זענען אין רומעניע דערשינען צייטונגען, וואָס אין אנדערע לענדער זענען זיי נישט דערשינען דעמאָלט. אפילו אברהם גאָלדפאדען איז דאָך אויך געקומען קיין רומעניע, אין יענער צייט, דווקא ארויסצוגעבן א צייטונג. ערשט שפעטער, ווען ער איז שוין געווען אין יאס, האָט ער צוליב צופעליקע סיבות, קאָן מען זאָגן, אָפגעווייכט פון זיין פריערדיקן פלאן און געגרינדעט דאָס יידישע טעאטער, פאר וועלכן ער האָט געפונען גינציקערע תנאים, ווייל צו פארשטיין יידיש, וואָס מע רעדט אויף דער בינע איז פיל לייכטער געווען, ווי צו לייענען יידיש, וואָס מע שרייבט אין א צייטונג.

איך וויל זיך באוואָרענען, אז מע זאָל מיך נישט שלעכט פארשטיין, וואָס איך שילדער אזוי סתירותדיק דעם מצב — נאָר דער מצב גופא איז געווען אזוי סתירותדיק, עס איז דאָך נישט אזא זעלטענער פאל אין דער יידישער געשיכטע בכלל, אז סע זאָל אויסזען אזוי מאָדנע, אז

דווקא אין א גאַר ווייניק פּריילעכער עפּאָכע זאָל אויפשיינען אויב נישט קיין מאַטעריעלער שטראַל, איז כאָטש א גייסטיקער. איז פאַר וואָס זאָל דאָס זיין ביי אונדז אין רומעניע, אַן אויסנאַם? אדרבה, מיר דאַ האָבן נישט זעלטן געהאַט אַזעלכע אומשטאַנדן, וואָס זאָלן זיין סתירותדיק און כמעט אומדערקלערלעך, פאַרשטייט זיך, אז בלויז אויבנאויפיק אומפאַר־שטענדלעך, פאַקטיש דערקלערט זיך עס מיטן ספּעציפישן אַנטוויקלונג־פּראָצעס, וואָס איז דאָ נישט קיין גראַד־ליניקער, נאָר מער א זיג־זאַ־גיקער בכלל — איז עס חל אויך אויף דער יידישער באַפעלקערונג פון רומעניע.

מיט וואָס איז עס איצט אזא יוצא מן הכלל?

מיט דעם, וואָס דווקא דאָ, אין דער דאָזיקער פּעריאָדע איז דער־שינען, איז ארויסגעגעבן געוואָרן די ערשטע יידישע טאָגצייטונג אין דער וועלט.

אויפן יסוד פון דאָקומענטאַרן מאַטעריאַל האָב איך אין אָנהייב פון מיין דאָזיקער ארבעט געוואַגט צו זאָגן, אז אין יאָר 1855, ווען עס איז דערשינען די ערשטע יידישע צייטונג אין רומעניע — איז אין יענער צייט נישט דערשינען קיין איין יידישע צייטונג אין דער גאַנ־צער וועלט.

איצט, אויפן יסוד פונעם זעלביקן דאָקומענטאַרן מאַטעריאַל, הגם מיט ווייניקער זיכערקייט ווי דעמאָלט, וועל איך דאָך וואַגן דאָס צוויי־טע מאָל, אז בעת אין רומעניע האָט מען ארויסגעגעבן די ערשטע יידישע טאָג צייטונג (נישט בלויז איינע, ווי סע וועט זיך ווייטער ארויס־ווייזן!), איז דערשינען בלויז איין יידישע פּובליקאַציע אין דער גאַנצער אייראָפּע. מחוץ רומעניע.

אגב, וועל איך אָנווייזן, אז סע דאַכט מיר אויס, אז איז יענעם יאָר איז אויך נישט דערשינען אין רומעניע קיין איין יידישע פּובליקאַ־ציע אין רומעניש. די צייטונג „פּרעזענטול" האָט „געדינט" די יידישע אינטערעסן אין דער רומענישער שפּראַך, אָבער אָפיציעל איז זי נישט געווען קיין יידישע צייטונג.

אין שפּאַס געזאָגט: וועט מיך ומעצער צוליב דעם מוסרן, אָדער פירוואַרפן, אז איך פּראַקטיציר „לאָקאַל־פּאַטריאָטיזם", צי „לאָקאַל־שאָוויניזם"? ניין, איך האָב עס מיר דאָך פון אָנהייב אָן געשטעלט פאַר א ציל — צו באַווייזן פאַקטן...

7

יודישער טעלעגראַף

ערשיינט יעדען טאָג אויסער פייערטאָגען

דער ערשטער נומער איז דערשינען (לויט מקורות) דעם 1טן אַפּריל 1877, בוקאַרעשט.

רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער: יאָזעף אַזיעלעסקו (יוסף עזיאל). געדרוקט אין דער דרוק פון היועץ.

דאָס איז געווען, בכן, די ערשטע טעגלעכע צייטונג, וואָס איז דערשינען אין יידיש, נישט בלויז אין רומעניע נאָר אין דער גאַנצער וועלט.

צו וואָס זשע חזרן מיר דאָס איבער אַזוי פיל מאָל? ווייל ביז איצט האָבן אונדז אַלע געשיכטע-שרייבער באַוווּזט, אָנהייבנדיק מיט זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פון דער יודישער ליטעראַטור און פּרעסע", דערשינען אין 1914 אין וואַרשע, אויף זייט 727 קאָן מען לייענען, אַז „דער פריינד" איז די ערשטע יידישע טעגלעכע צייטונג אין רוסלאַנד, געגרינדעט אין פּעטערבורג. דער ערשטער נומער איז אַרויס דעם 5טן יאַנואַר 1903.

הייסט עס, אַז אין לאַנד, וואו עס איז געווען דער גרעסטער יידישער קיבוץ צו יענער צייט (רוסלאַנד מיט פּוילן צוזאַמען גערעכנט!), איז דערשינען די ערשטע יידישע טעגלעכע צייטונג, ערשט אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, פון דעם אופן ווי אַזוי עס איז געשריבן, קאָן מען פאַרשטיין, אַז נישט בלויז אין רוסלאַנד, נאָר אין דער גאַנצער וועלט איז דאָס געווען די ערשטע טעגלעכע צייטונג.

די זעלביקע מיינונג קאָן מען האָבן ווען מע לייענט אין „דער פּינקס", יאָרבוך פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, פאַר פאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפיע, ערשטער יאָרגאַנג — תרע"ב, אַרויסגעגעבן אין 1923 אין ווילנער פאַרלאַג קלעצקין. אויף זייט 243, אינעם אַרטיקל „אונדזער ערשטע טעגלעכע צייטונג" פון ד"ר חיים דוד הורוויץ, קאָן מען לייענען:

„און ווען איך פּרואוו מיך היינט, כאָטש אין קורצע שטריכן, סקיצירן די געשיכטע פונעם „פריינד", טו איך עס בלויז דערפאַר, ווייל זי איז די ערשטע טעגלעכע יידישע צייטונג. מען מעג זאָגן דרייסט, דער גרונטשטיין פון אונדזער יידישער פּרעסע בכלל".

Nro. 211. 10 באני א בלאטט אין גאנץ רומעניען צווייטער יאהרגאנג

IUDISCHER TELEGRAPH

יודישער טעלעגראף

ערשיינט יעדען טאג אויסער פייערטאגען

BUCUREŞTI IANUARIE 1878

באקארעשט אדר תרל״ח

וואכען קאלענדער

פאליטישע איבערזיכט

קאָן מען דאָך מיינען, אז עס איז דעמאָלט קלאָר געווען: די ער־שטע יידישע טעגלעכע צייטונג איז געווען „דער פריינד"?

לייענט מען אָבער אין דעם זעלביקן לעקסיקאָן פון זלמן רייזען, אויף זייט 700, ווערט מען געוואויר, אז „יודישעס טאגעבלאַט" — די ער־שטע און עלטסטע יודישע טעגלעכע צייטונג אין דער גאנצער וועלט, גע־גרינדעט אין ניו־יאָרק, אין יאָר 1885".

אז דאָס איז געווען די „עלטעסטע" יידישע טעגלעכע צייטונג, דאָס יאָ. אָבער אז עס איז געווען די „ערשטע" יידישע טעגלעכע צייטונג — דערמיט קאָן שוין קיינער נישט מסכים זיין. לייענדיק אָט די מקורות, דאַכט זיך, אז קיינער האָט גישט געוואוסט, אז די ערשטע יידישע טעגלעכע צייטונג איז דערשינען נישט ערגעץ אנדערש ווי אין בוקאַרעשט.

ניין, עס איז בכלל נישט אזוי. מע האָט דווקא יאָ געוואוסט, צי געקאָנט וויסן, אָבער ווי סע ווייזט אויס איז עס געווען צו ווייניק באַ־קאַנט, אפשר צוליב מאנגל אין פרטים.

אָט למשל, אין דעם זעלביקן לעקסיקאָן, קאָן מען לייענען אויף זייט 439, וואו סע זענען אָנגעגעבן עטלעכע ביאָגראַפישע דאַטן וועגן „רומעניש־יידישן זשורנאַליסט עזיאל יחיאל מיכל", אז אין דער צייט פון דער רוסיש־טערקישער מלחמה האָט ער אויך ארויסגעגעבן א טעגלעכע צייטונג, „דער יודישער טעלעגראַף".

איז דאָך, הייסט עס, יאָ באוואוסט אז אין בוקאַרעשט איז דער־שינען נאָך אין ניינצנטן יאָרהונדערט א יידישע טעגלעכע צייטונג?!

אָט פאר וואָס מיר פארלירן צייט כדי צו באווייזן דאָס, וואָס מע האָט אויך אָן מיינע באווייזן געוואוסט — און פארשוויגן...

לאָמיר זשע לאָזן די וויכוחים און זיך אָפּגעבן מיט דער צייטונג גופא.

קודם וועגן פאָרמאַט: סיי אין דער פעדעראַציע סיי אין דער אקא־דעמיע זענען פאראן קאָלעקציעס כמעט קאָמפּלעקטע בלויז פונעם צווייטן יאָרגאַנג. די קאָלעקציע פון דער פעדעראַציע הייבט זיך אָן מיטן נומער 193 פון 6טן יאַנואַר 1878 און ענדיקט זיך מיטן נומער 402 פון 15טן סעפּטעמבער 1878. אָבער די קאָלעקציע פון דער אקאַדעמיע ענדיקט זיך מיטן נומער 409 פון 6טן אָקטאָבער 1878. (בלויז איין בלעטל, דאָס הייסט נאָר 2 זייטן זענען פאראן פון דעם דאָזיקן נומער, דאָס צווייטע בלעטל פעלט!).

אויב דאָס איז געווען דער לעצטער נומער פונעם דערשיינען קאָן מען אויך זיכער נישט זאָגן, אָבער עס איז מעגלעך, אז עס איז אזוי גע־ווען, ווייל אויף דער פערטער זייט פון די לעצטע נומערן האָט זיך באַ־

וויזן א מודעה, אז „פאָן נאָך יום-טוב וועט דער „היועץ“ אָנפאנגען צו ערשיינען צוויי מאָל יעדע וואָך, אין איינפאַך יודישען זשארגאָן דאמיט יעדער יוהד זאָלל קענען לייכט פערשטעהען וואָס ער וועט לעזען“.

פון אָט די קאָלעקציעס איז צו זען, אז דער פאָרמאט פון דער צייטונג איז געווען 28/39 צמ, 4 זייטן, 2 קאָלומנעס. אָבער איך מיין, אז דאָס איז געווען בלויז אין צווייטן יאָרגאנג.

איך האָב געפונען איין נומער אויך פון ערשטן יאָרגאנג, נומער 153 פון 11טן נאָוועמבער 1877, איז דער פאָרמאט א קלענערער: 24/30 צמ, 4 זייטן, 2 קאָלומנעס. דער פרייז איז געווען „5 באני א בלאטט“. זינט דעם נומער 160 פון 23סטן נאָוועמבער 1877 איז שוין דער פאָרמאט פארגרעסערט און דער פרייז איז „10 באני א בלאטט אין גאנץ רומעניען“.

איידער איך וועל איבערגיין צום תוכן פון דער טאָגצייטונג, וועל איך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן נאָמען. ווי מע זעט אויף דער פאקסימיליע איז עס נישט „דער“, נאָר בלויז „יודישער טעלעגראף“. דער נאָמען קומט פון דער רומענישער צייטונג „דער טעלעגראף“, צי אויף רומעניש „טעלעגראפול“, וואָס איז געווען די אָפיציעלע רומענישע צייטונג. האָט מען עס איבערגעטראָגן אויף יידיש: יודישער טעלעגראף.

תיכף אונטערן טיטל פון דער צייטונג איז אָפגעדרוקט א „וואָכן-קאלענדער“ אויף דריי נוסחאות: דער רומענישער (אלטער סטיל, מיט א דיפערענץ פון 12 טעג) און דער דייטשער (נייער סטיל). למשל, י״ד שבט תרל״ח איז פרייטיק דער 6טער יאנואר אין אלטן רומעניש, בעסער געזאָגט פראוואָסלאוונעם סטיל), דער 18טער יאנואר (נייער, דייטשער סטיל). דערפאר קומט אויס אז אין א צייטונג וואָס איז דערשינען, לאָמיר זאגן, אין 17טן יולי, קאָן מען לייענען דעפעשן פון רוים צי לאָנדאָן פון 26סטן יולי... געוויינטלעך האָט מען דעמאָלט געשריבן אין די צייטונגען צו 2 דאטעס. מיר האָבן עס אין דאָזיקן בוך אויסגעמיטן כדי נישט צו אָפּעריירן מיט טאָפּלטע דאטעס.

וואָס שייך לשון, איז עס געווען א מער ריינערער יידיש, ווי למשל דער היועץ, הגם די רעדאקציע איז געווען כמעט די זעלביקע. דער חילוק איז נאָר געווען, וואָס בעת אין היועץ זיינען געווען ארטיקלען, קאָמענטארן וכדומה, זענען אין טאָגבלאט געווען מייסנט ידיעות וואָס מע האָט מסתמא איבערגעדרוקט און איבערגעזעצט פון די רומענישע צי אנדערע צייטונגען (פון פראנצייזיש צי דייטש) וואָס זענען

דערשינען אין בוקארעשט. אפילו די „פּאָליטישע איבערזיכט“, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אויף דער ערשטער זייט, זינטן נומער 204 פון 20סטן יאנואר 1878, וואָס האָט געוואָלט זיין א מין לייטארטיקל, איז אויך געווען נישט מער ווי לענגערע ציטאטן פון אנדערע צייטונגען, אָנגעבנדיק אויך די מקורות. זעלטן האָט מען געזאָגט אן אייגענע מיינונג.

פארשטייט זיך, אז די הויפּט־טעמע פון דער פּאָליטישער איבערזיכט איז געווען די מלחמה און די דיפּלאָמאטישע פארהאנדלונגען ערב דעם שליסן דעם פרידן, אויף וועלכן דאָס גאנצע רומענישע פּאָלק האָט ארויסגעקוקט „ווי אויף משיחן“, ווייל די מלחמה האָט געקאָסט נישט ווייניק בלוט. אָבער נאָך מערער האָבן דערויף ארויסגעקוקט די יידן, ווייל זיי האָבן געוואַרט, אז מיט דער געלעגנהייט וועט זיך אויך זייער מצב קלאָר מאכן און זיי וועלן באקומען כאָטש דאָס, וואָס אפילו די ציגיינער האָבן באקומען נאָך צוריק מיט 20 יאָר — בירגערלעכע רעכטן.

אויף דער צווייטער זייט פון דער צייטונג זענען געווען ידיעות, אונטער דער רובריק „אינלאנד“. אויך דאָס איז געווען א פּרעסע־איבערבליק פון די רומענישע צייטונגען וועגן אָפּקלאנג אין לאנד אין שייכות מיט דער מלחמה.

דערנאָך זענען געווען „אייגענע טעלעגראפישע דעפּעשן“. אויך די ידיעות זענען נישט אויס מער ווי א מין פּרעסע איבערבליק פון דער פרעמדער פּרעסע, ווי אזוי עס איז דאָרט קאָמענטירט געוואָרן א געשעעניש אין שייכות מיט דער מלחמה. אמת, מע האָט געניצט די וויכטיקסטע אויסלענדישע פּרעסע, אָנגעבנדיק אויך דעם מקור, פון די אויסלענדישע פּרעסע־אגענטורן. מיט דעם האָט זיך אויסגעפּולט אויך די דריטע זייט און אָפּט מאָל אויך א טייל פון דער פערטער זייט.

אין דער דאָזיקער צייטונג זענען נישט געווען קיין ארטיקלען וועגן געזעלשאפטלעכע צי קהילה־ענינים. אָבער א יוצא מן הכלל איז דאָך געווען, ווען סע האָט זיך צעפלאַקערט א ויכוח צווישן אברהם גאָלדפאדען און דעם שפּיטאל אויפן נאָמען פון „יוליוס באראש“ פון בוקארעשט. ביי דער געלעגנהייט האָט טאקע די רעדאקציע געהאלטן פאר וויכטיק, אז זי זאָל אונטערן טיטל „קליינע קראָניק“ צווישן אנדערן שרייבן: „וואָס מיר האָבן צו זאָגן אין געמיינדע־אָנגעלעגנהייטן, זאָגן מיר שוין אויף אן אנדער אָרט, נישט אין דעם בלאט, וואָס איז נאָר א ריין פּאָליטישס, אָבער ווייל מען האָט אונדז דירעקט באריקט, מוזן מיר ערקלערן...“.

טראָץ דער פייערליכער און קאַטעגאָרישער דעקלאַראַציע, אַז די רעדאַקציע גיט זיך נישט אָפּ מיט „געמיינדע אָנגעלעגנהייטן“, האָט זי דווקא איצט, צום סוף פון איר עקזיסטענץ, אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן אַרטיקלען וועגן רעאָרגאַניזירן דאָס קהילה-לעבן וועגן אָרגאַניזירן יידישע און רומענישע שולן פאַר יידישע תלמידים, וועגן סאָציאַלער הילף וכדומה.

עס איז כדאי צו דערמאָנען די געשעעניש, ווען דער גרעסטער רומענישער דיכטער פון יענער צייט, וואַסילע אַלעקסאַנדרי, האָט באַקומען אַ פּרעמיע אין אַ קאָנקורס פון פּאָעזיע, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מאָנטפּעליער (פראַנקרייך), אין דער אָפּקלאַנג געווען אַ ריזיקער, ווייל אין דאָזיקן קאָנקורס האָבן זיך באַטייליקט דיכטער פון פראַנקרייך, איטאַליע, שפּאַניע און רומעניע (אַלע לאַטייניש-שפּראַכיקע!).

דער בערלאַדער רב ר' אייזיק טויבעס האָט איבערזעצט דאָס ליד „דזשינטאַ לאַטינאַ“ אין העברעאיש און האָט עס איבערגעשיקט דעם דיכטער. מיט דער געלעגנהייט איז אין נומער 342 פון 7טן יולי 1878 אָפּגעדרוקט דער בריוו-אויסטויש צווישן בערלאַדער רב און וואַסילע אַלעקסאַנדרי, וועלכער שרייבט אין זיין ענטפער: „ווען די יידן פון דעם לאַנד זאָלן גיין אויף אייער וועג, זיי זאָלן זיך אויף דעם אופן באַלייכטן דעם גייסט, און זייערע געדאַנקען אַנטוויקלען, גלויבן זי מיר מיין הער, וועלן זיי זייער לייכט אויפהערן זיין — ווי איר אַליין גיט זיי דעם טיטל — שטיפקינדער פון רומעניע: ווייל רומעניע איז דאָס גאַסטפריינדשאַפטלעכע און דאָס דולדזאַמסטע פון דער גאַנצער וועלט“.

שפּעטער אין נומער 250 פון 17טן יולי 1878, איז ווידער אַ מאָל פאַרעפנטלעכט אַ בריוו-אויסטויש צווישן אַלעקסאַנדרי און מ.ש. ראַבענער פון יאַס, וועלכער האָט אויך איבערזעצט אויף העברעאיש „דאָס געדיכט פון דער לאַטיינישן שטאַם“.

זאָל אָבער דערמאָנט ווערן, אַז בייזע צונגען פלעגן זאָגן, אַז וואַסילע אַלעקסאַנדרי וואָלט געוועזן אויסגעוויילט געוואָרן הערשער איבערן נאָר וואָס פאַראייניקטן רומעניע (ער איז געווען אַ קליינער באָיאַר, אַ קולטור-מענטש מיט פּרעסטיזש) — אָבער ער איז נישט אויסגעוויילט געוואָרן, ווייל ער איז געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון יידן... וואָס אַ יידישע באָבע קאָן אַ מאָל אָפּטאָן!

אין די מודעות פון דער פּערטער זייט וואָלט געווען גענוג מאַטעריאַל פאַר אַ גאָלדפאַדען-פאָרשער.

זאָל נאָך געזאָגט ווער, אַז אין דער צייטונג האָבן זיך געדרוקט אין המשכים ראָמאַנען ווי „פון בלוט קען קיין וואַסער ווערן“, „די עגונה“, „שפּרינצע מירל די נגידותטע“. סע ווערט נישט אָנגעגעבן קיין נאָמען פון קיין מחבר. נאָר אונטערן טיטל פון דער „עגונה“ איז גע-חתמעט דער איבערזעצער „ימבר“ע. דאָס איז מסתמא יחיאל מיכל בר׳ עזיאל, דער רעדאַקטאָר פון היועץ (און אפשר איז ער גאָר דער רעדאַקטאָר אויך פון דער דאָזיקער צייטונג, אָבער אָפיציעל איז עס געווען זיין זון, יוסף).

איך מיין, אַז דער לייענער וועט מיר מוחל זיין, ווען איך וועל דאָ פאַרצייכענען א טשיקאַווע מודעה, וואָס איז דערשינען אין נומער 399 פון 12טן סעפּטעמבער 1878 אין „יודישער טעלעגראַף“.

מען איז דאָרט מודיע, אַז אברהם גאָלדפאַדען מיט זיין טרופּע איז געפאָרן קיין גאַלאַץ געבן פאָרשטעלונגען און ער וועט זיך צוריק קערן ערשט אויף סוכות. „דאַהער מאַכן וויר דעם געערטן פּובליקום באַקאַנט דאָס טעגלעך פון 7 ביז 12 אוהר אבענד איינע בארימטע ציגיינער-מוזיק אין זשיגניצא-גאָרטן שפּילן ווירד.

אדאָלף היטלער“

די מודעה איז דערשינען צוויי מאָל, אָבער וואָס פאַר א ראָלע סע האָט געהאַט דער אדאָלף היטלער, דאָס קאָן מען זיך נישט דערוויסן.

איז ער געווען איינער פון דער ציגיינער-טרופּע? איז ער געווען דער אימפּרעסאַר?

מער ווי זיכער איז, אַז ער איז געווען א ייד. פאַראַן דאָ א מצבה אויפן יידישן בית-עלמין מיט אזא נאָמען...

טשיקאַווע.

8

דער פּאָליטיקער

ערשיינט אלע טאָג

ווען עס איז דערשינען דער ערשטער נומער, ווייס איך נישט. איך האָב געפונען אין דער אקאַדעמיע בלויז דעם נומער 7 פון 30סטן אַפּריל 1877, בוקאַרעשט.

№ 7 — 5 מאי איבערזעצ׳

"DER POLITIKER"

דער פאליטיקער

רעדאקציאן און אדמיניסטראציאן

Bucureşti 30 Aprilie 1877 — ערשיינט אלע טאג — בוקארעשט כט איר תרל״ז

טעלעגראפישע דעפעשען

(דעם פאליטיקערס פריוואט דעפעשע)

[illegible]

לעצטע נאכריכטען אין דער 3 ליניע

איינלאנד

[illegible]

פאָרמאַט: 23/24 צם, 4 זייטן, 2 קאָלומנעס.

אויב איך האָב פריער געפּרואווט אויסקעמפן דאָס ערשטע אָרט (גערעדט מיטן ספּאָרט-לשון!) פאַר רומעניע, צו זיין דאָס וויגעלע פון דער ערשטער יידישער טאָגצייטונג — דאָס מאָל וויל איך אויסקעמפן אויך דאָס צווייטע אָרט פאַרן „דער פּאָליטיקער“, וואָס איז דערשינען גלייכצייטיק מיטן „יודישער טעלעגראף“. אמת, דאָס טאָגבלאַט איז דערשינען זייער א קורצע צייט. בסך-הכל 12 נומערן, אָבער דאָס וועט נישט מינערן זיין ווערט פאר א „פּרוּאוו“.

ווער עס איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער דאָזיקער צייטונג, ווייס איך נישט, ווייל דער אָנגעגעבענער נאָמען פון אן „ארויסגעבער“ צי פון א „פאַראַנטוואָרטלעכן“ איז געווען בלויז פאַר דער מאַכט, כדי צו באַקומען די דערלויבניש. איך האָב שוין פון מיין אייגענער דערפאַרונג געוואוסט, אז צו מאָל האָט דער נאָמען פון „פאַראַנטוואָרטלעכן“ נישט געהאַט קיין שום מגע-משא מיט דער פּובליקאַציע.

דאָ, ביים „פּאָליטיקער“ איז אָנגעגעבן מ. ספּירעסקו, אזוי ווי עס איז געווען ביי „דאָס יודישע בלאַט“, וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט. און די שייכותן צווישן די צוויי צייטונגען וועלן מיר זען אויך ווייטער.

בכל-אופן איז די שפּראַך פון די דאָזיקע צוויי צייטונגען געווען א מער יידישלעכע, מיט ווייניקער דייטשמעריזמען ווי דער „טעלעגראף“.

מאַכנדיק פאַרגלייכן צווישן די צוויי טאָגצייטונגען, וועלן מיר קאָנסטאַטירן נאָך איין זאַך: דער „טעלעגראף“ האָט נישט געהאַט קיין שום מאָטאָ, ווי אזוי עס איז געווען דעמאָלט דער מנהג. „דער פּאָליטיקער“ האָט יאָ אזא מאָטאָ, אויף העברעאיש און איבערזעצט אויך אויף יידיש. אמת, ער איז נישט קיין פּסוק פון תנך, ווי ביי די אַנדערע פּובליקאַציעס (אזוי לכל הפּחות איז מיין מיינונג, ווייל איך האָב נישט געפונען אין זכרון אזא פּסוק). דער רעדאַקטאָר האָט אים מסתמא אליין פאַראַפראַזירט פונעם באַקאַנטן יידישן ווערטל „דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט“.

דער מאָטאָ איז אזוי:

האנשים יחשבו מחשבות כלמו
ואלקים בשמים ישחק למו“.

און אין דער לינקער זייט אויף יידיש:

„איהר שוואכע מענשען טראכט אין טראכט
אין גאָט פין אייך אין הימעל לאכט.

די ערשטע זייט הייבט זיך אָן מיט „טעלעגראפישע דעפעשען (דעם פּאָליטיקערס פּריוואט דעפּעשין)“ פון אטענא, לאָנדאָן, בעלגראד, קאָנ-סטאַנטינאָפּאָל, אָרשאָווא — אלע פון 8טן מאי. צום סוף פון דער צווייטער קאָלומנע הייבט זיך אָן די רובריק „אינלאנד“, אונטער וועלכן טיטל עס הייבן זיך אָן די נייעסן פון אינלאנד און ווערן פאָרגעזעצט אויף דער צווייטער זייט. דערנאָך קומט א רובריק „אויסלאנד“ מיט נייעסן פון רוסלאנד און טערקיי.

אויף דער דריטער זייט איז פארעפנטלעכט א ליד: „דער איזרא-עליטיש־ראָמענישע סאָלדאט“

„צום פרייהייטס קאמף קומט לאָמיר גיין,
הער איך צו מיר שרייען אין אלע זייטן.
וואָס גייט עס מיך אָן, וואָט קאָן מיר געשען.
ווען רומעניע וועט זיין הערן בייטן?
אלס שקלאוו האלט איר מיך פעסט געבינדן
איר זוכט אייך מיט מיר צאנק און קריג,
איר טיילט מיט מיר דעס קאמפס ווינדן
אָבער נישט די פרייהייט, דעם לוין, דעם זיג.
וואָס הארט מיך אז איר האָט צו קלאָגן
אויפן רוס, אויפן טערק אָדער גאָר אויפן דייטש?
וואָס גייט מיך אָן ווער עס וויל אייך שלאָגן,
צי א שטעקן צי א קנוט, אָדער גאָר א בייטש?
אויב אין דער טינע פאלן מיינע טרערן
איז מיר דאָס דען נישט אלץ איין
אָבער ווען זיי גאָר פארגליווערט ווערן
אויף אייער הארץ וואָס איז קאלט ווי א שטיין?
פאר אייך צו קעמפן ווילט איר מיך צווינגען
זאָל איך עס פאר מיין פאָטערלאנד שווינגען
גיט זשע מיר פריער איין פאָטערלאנד
וואו מיינע עלטערן, געליבטע און מיין גאָט
זאָלן נישט זיין פארפאָלגט ווי זיי זענען אצינד.
איך זאָל נישט ליידן נאָר שאנד און שפּאָט,
איך זאָל זיין גערעכנט ווי איין אייגן קינד,
איך אָבער קיינס, דרום ציט איר ברידער
אליין אוועק צום בלוטיקן געפעכט.

קערט איר אלס פרייע מענער ווידער
בלייב איך דערנאָך אייער קנעכט.
ערליגט איר אָבער אונטערן פיינדס שניערקע
און אין אומגליק פאלט דאָס רומענישע רייך,
און בויט איר ווידער נייע פעסטונג ווערקע
דעמאָלט בוי איך אויך — פאר מיר און פאר אייך.

ד. י. ר."

איך האָב ציטירט דאָס ליד, ווייל עס זאָגט גענוג וועגן מצב פון די יידן פון דעמאָלט, ווען זיי האָבן קיין „פאָטערלאנד" נישט געהאט, און איז אין איינקלאנג מיטן מארקסיסטישן געדאנק, אז דאָס פּראָלעטא-ריאט האָט קיין פאָטערלאנד נישט, ווייל סע האָט אין אים קיין פריי-הייטן נישט. אָבער ווי אזוי סע קאָן פארזעצן דאָס דערשיינען א צייטונג וואָס פארעפנטלעכט אזעלכע „פאטריאָטישע" לידער, בעת די פויקן רופן צום „הייליקן קאמף"?

מיין מיינונג איז, אז פון ליטעראַרישן שטאנדפונקט איז עס מערקווירדיק, סיי לויט דער שפראך, סיי לויט דעם תוכן. ווייזט אויס צו זיין א פאָלעמיק מיט יענע וואָס האָבן זיך אָנגערופן „רומענישע איזראעליטן". אָנשטאָט פשוט, יידן.

אפשר איז עס טאקע צוליב דעם געווען געחתמעט מיט איניציאלן? פאקטיש האָבן די יידן געקעמפט אויפן פראָנט און געגעבן זייער לעבן פאר רומעניענס אומאָפּהענגיקייט.

די דריטע זייט איז קאָמפּלעקטירט מיט „פארשידענעס" און „לעצטע נאכריכטן". אויף דער פערטער זייט זענען געדרוקט נאָר אנאָנסן. צום סוף: „ווער עס וויל זיך צו אונדז אדרעסירן שרייבט: רעדאקציא זיארו-לוי „פאָיא איסראעליטא" סטר. סינאגאָגא נר 3 בוקארעשט". דאָס הייסט, אז די רעדאקציע איז צוזאמען מיטן דערמאנטן בלאט „דאָס יודישע בלאט".

דער נומער 12 פון „דער פּאָליטיקער", וואָס איז דערשינען י"ב סיון תרל"ז (14טער מאי 1877). וועלכער איז ווי געזאָגט אויך דער לעצטער נומער פונעם דערשיינען, האָט א באזונדערארטיקן תוכן:

אויף דער ערשטער זייט איז א לייטארטיקל, וואָס האָט קיין טיטל נישט, בלויז א דאטע, אָנשטאָט א טיטל: „בוקארעשט 13 (25) מאי 1877". דאָס דאָזיקע ארטיקל ווערט פארגעזעצט אויף דער צווייטער זייט.

דאָ ווערן מיר געוואויר א ביסל פון דער פּאָלעמיק צווישן דער צייטונג מיטן „יודישער טעלעגראף", און אז דער דאָזיקער נומער איז דער לעצטער.

„אויך זענען מיר נישט ברוגז, ווען מיר לעזן אים „יודישען טעלעגראף" ערשט מיט פיר פינף טעג שפּעטער די נייאיגקייטן וואָס אונדזער פּאָליטיקער פריער פּובליצירט. יעדער לעזער זאָל דאָס נומער 26 נעמען, און אונדזער פּאָליטיקער נומער 9, 10, 11 ווירד ער זיך איבערצייגן, אז מיר האָבן זיך נישט מיט פרעמדע אויגן און הענט באַדינט דעם ליבן לעזערן נייאיגקייטן פאַרצולייגן — מיר מוזן אָבער די טויטן רוען לאָזן, דען עס העלפט נישט אָדער מען דאַרף נישט".

„...אונדזערע מיינונג אין אונדזער „יודישעס בלאט" פאַרטצוזעצן, און צוואר: יעדע וואָך רעגלמעסיק, אין דעם זעלבן ווער איר אלעס אויספירלעך לויט דער ריינען וואַרהייט צום לעזן באַקומען..."

אויף דער צווייטער זייט הייבט זיך אָן דאָס ווייטערדיקע אַרטיקל „ביזט א יוד!", וואָס ווערט פאַרגעזעצט אויף דער דריטער זייט. דער־נאָך איז געדרוקט דאָס אַרטיקל „איין זעלטענער פּאַרפאַל אין דער רעדאַקציאָן", וואָס ווערט פאַרגעזעצט אויף דער פערטער (לעצטער) זייט. דאָ ווערט „דעמאַסקירט" דער „טעלעגראף", אז ער טראָגט צוויי דאַטעס ביי איין און דעם זעלביקן נומער. למשל, פאַר דער בוקאַרעשטער אויס־גאַבע איז מיט דער דאַטע פון שבת און פאַר דער פּראָווינץ, דער זעל־ביקער נומער, מיט דער דאַטע פון זונטיק. בכלל איז דער „טעלעגראף" פּירדאַטירט, כדי דער לייענער זאָל עס באַקומען מיט דער דאַטע פון יענעם טאָג, ווען עס קומט אָן צו אים אין דער פּראָווינץ.

דאָס אַרטיקל ענדיקט זיך מיטן פּעסימיסטישן אויסרוף: „אלץ איינס הערט שוין דער פּ אָ ל י ט י ק ע ר אויף, וואָס זשע טויג אונדז נאָך דער קראַוואַל"?

עס איז כדאי צו באַמערקן, אז „יודישער טעלעגראף", איז געווען געווען באַשיידן. געוויינטלעך האָט ער אָנגעגעבן אין האַלבע לבנות, אז די טעלעגראַפישע דעפּעשן האָט ער גענומען פון פרעמדע צייטונגען. עס איז שווערער צו גלייבן אז דער פּ אָ ל י ט י ק ע ר האָט טאַקע געהאַט באמת „פּריוואַט דעפּעשן", אזוי ווי ער האָט זיי באַטיטלט.

מיר האָבן אָבער נישט וואו צו זען די ערשטע נומערן פונעם „טע־לעגראַף", ווי אזוי ער האָט רעאַגירט אויף אָט דער פּאָלעמיק.

די פערטע זייט פון „דער פּאָליטיקער“ און אויך דער נומער ענדיקט זיך מיט אן ארטיקעלע „איין שענער איינפאל“ און „דער רעדאקציאָנס בריעפקאסטען“.

מיט דעם האָט זיך געענדיקט דאָס דערשיינען פונעם צווייטן יידישן טאָגבלאט, וואָס איז דערשינען אין בוקארעשט, אָנזאָגנדיקן דאָס איבער-גיין צום וואָכנבלאט „יודישעס בלאט“.

איך ווייס נישט, אויב דאָס „יודישעס בלאט“ איז אויך דערשינען גלייכצייטיק מיט „דער פּאָליטיקער“, אזוי ווי איך ווייס נישט, וויפל עס איז דערשינען נאָכן „דער פּאָליטיקער“. מער קיין נומערן פון דער צייטונג האָב איך נישט געזען.

ישוב ארץ־ישראל פּרעסע

הגם דאָס טאָגטעגלעכע יידישע לעבן פון די מאָלדעווישע יידן, און דערנאָך פון דער נאָר וואָס אומאָפּהענגיקער רומעניע, איז פאָרגעקומען אויפן גלייכן שניט (הן עקאָנאָמיש, הן קולטורעל) פון מיזרח-אייראָפּע — האָבן אָבער די ספּעציפישע אַנטוויקלונג־תנאים געלייגט זייער חותם און געשאַפן די באַדינגען פאַרן אַנטשטיין פון שטרעמונגען, וואָס זענען דאָ בולטער געוואָרן, ווי אין די שכנותדיקע לענדער, סיי אין רוסלאַנד סיי אין גאַליציע.

דאָ, אין דער צאַפּלדיקער ניי־געבוירענער קיניגרייכישער רומעניע, זענען אַנטשטאַנען שטרעמונגען, וואָס האָבן געטאַפּט, ווי אין דער דער פינצטער, א וועג, אָדער אַן אויסוועג. פון איין זייט האָט צוגעקלעמט דער עקאָנאָמישער דחקות, פון דער אַנדערער זייט האָבן די רדיפות מצד דער בירגערלעכער ליבעראַלער פּאַרטיי, וועלכע האָט נעכטן געפּרעדיקט גלייכהייט־ברודערלעכקייט, ווען זי איז געקומען צו דער מאַכט, האָט זי זיך אַרויסגעוויזן צו זיין מער אַנטיסעמיטיש ווי די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי, סע האָט זיך צעפלאַקערט א העץ-פּראָפּאַגאַנדע, אַז יידן זענען פּוילי־אַקעס, סוחרישע פּאַראַזיטן, וואָס ווילן נישט אַרבעטן... איז וואו זאָלן זיי געווען אַרבעטן? וואו זאָלן זיי געווען אַקערן דאָס פעלד, אין דער שטאָט? פון די דערפער האָט דאָך זיי דאָס געזעץ אַרויסגעטריבן און זיי פאַרבאָטן דאָרט זיך צו באַזעצן?!

איז געבליבן איין איינציקער אויסוועג: קאָלאָניזירן יידן אין ארץ ישראל. האָט מען געזאַמלט געלט און געקויפט ערד און מע האָט זי באַארבעט מיט יידישע הענט, טאַקע יענע הענט, אויף וועלכע מע האָט נעכטן געזאָגט, אַז זיי זענען נישט ביכולת צו אַרבעטן פיזיש, נאָר צו מאַכן „געשעפטן", און מיט יידישן שווייס האָט מען דעמאָלט געגרינדעט און

אויפגעבויט די באוואוסטע צוויי ישובים „ראש פינה“, און „ראשון לציון“. דאָס איז געשען ביל כריער (איך מיין 20 יאָר!) פאַרן הערצליאַנישן פּאָליטישן ציוניזם. אמת, דאָס האָט נאָך נישט געטראָגן קיין „ציוניסטישן כאַראַקטער“, מער האָט עס געהאַט א רעליגיעז-פילאַנטראָפּישן כאַראַקטער, פון „חובבי ציון“ צי „דורשי ציון“.

היינט גריבלט מען זיך, ווען און וואו איז אויפגעקומען דאָס וואָרט. אָבער דעמאָלט האָבן עס די רומענישע יידן געפונען אין סידור... זיי האָבן עס אפילו נישט געדאַרפט זוכן, נאָר זיך אָנגעשטויסן אין דאָזיקן וואָרט אין טאָגטעגלעכן דאַווענען.

אזוי האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט א מאַסן-עמיגראַציע. סוף דעם ביינצנטן און אָנהייב דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס איר פּראָפּאָרץ האָט איבערגעשטיגן די יידישע ישובים פון די שכנותדיקע לענדער. פון די געשיכטע-שרייבער איז עס אָפּגעשאַצט געוואָרן פאַר דער גרעסטער יידישער עמיגראַציע־באַוועגונג אויף דער וועלט. טייל האָבן עמיגרירט קיין אמעריקע און טייל קיין ארץ ישראל.

אזוי זענען אנטשטאַנען פּובליקאַציעס, וואָס זייער פּראָפיל איז געווען צו פּראָפּאַגירן עמיגראַציע, צו פּראָפּאַגירן ערד־ארבעט און ישוב ארץ ישראל, וואָס האָט צו מאָל מער באַשעפטיקט, ווי דאָס אויסקעמפן בירגערלעכע רעכטן אין היימישן לאַנד. דאָס לעצטע איז איבערגעבליבן פאַר דער יידישער פּרעסע אין דער רומענישער שפּראַך. אין דער יידישער פּרעסע האָט מען זיך אָריענטירט צו עמיגראַציע.

דערמיט דערקלערט זיך די רעלאַטיוו גרויסע צאָל איינמאָליקע, צי בלויז פון עטלעכע נומערן אויסגאַבעס פון אויסוואַנדערער. אויסוואַנדערער, אפילו „פּוסגייער“, וואָס האָבן מיט זייער רעש אויפגעשויבערט א ריזיקע קאָלומנע „וואַנדער-שטויב“, וואָס האָט נישט געקאָנט לאָזן גלייכגילטיק אפילו אויך יענע פּובליקאַציעס אין יידיש, וואָס האָבן נישט געפּרעדיקט קיין עמיגראַציע. אויך די דאָזיקע פּרעסע האָט געביטן דעם אונטערטיטל און צוגעגעבן די ווערטער „ישוב א״י״.

עס איז צוליב דעם נישט קיין צופאַל, וואָס אויך אין דער היינזיכט האָט דאָס רומענישע יידנטום די בכורה: דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס פון באַזעל (1897) איז דערעפנט געוואָרן פונעם אלטן גאַלאַצער חובב-ציוניק, שמואל פּינעלעס. הגם ער איז נאָך נישט געווען קיין „ציוניסט“ אין פּאָליטישן זינען, האָט ער אָבער שוין געהאַט גרויסע פאַרדינסטן אויפן געביט פון א לאַנגיעריקער טעטיקייט.

דערמיט דערקלערט זיך, אין א געוויסער מאָס, אויך דער ווייטער־דיקער גאנג פון דער עמיגראציע, דאָס אנטוויקלען פון די ישובים, וואָס זענען אין ישראל געגרינדעט געוואָרן פון רומענישע עולים — און ועל כולם, דאָס וואָס סע אינטערעסירט אונדז איצטער, אז אחוץ דער רומע־נישער, דייטשער און אונגערישער ברייטפארצווייגטער יידישער פרעסע, ווי אָרגאנען פון דער ציוניסטישער באוועגונג — איז דערשינען אויך א פרעסע אין יידיש, מיט א ציוניסטישן פראָפיל. די דאָזיקע פובליקאציעס זענען געווען די דויערהאפטיקסטע. דער ערשטער ביישפיל איז דער „היועץ", וואָס איז א צייט דערשינען פיר מאָל אין דער וואָך, כמעט ווי א טאָג צייטונג.

9

דיא יהודישע פרעססע

איין ארגאן פיר פּאָליטיק, ליטעראטור אונד וויססענשאפט וויא אויך פיר קורזוס — אונד האנדעלס-בעריכט. ערשיינט איינסטוויילען איינמאָל וועכטליך.

על שלשה דברים מכתב עתי לבני ישראל קים, על הדין, על האמת ועל השלום.

בוקארעשט, נומער 3. ט׳ תשרי תרמ"א (דאָס קאָן איבערגערעכנט ווערן: 1880)

פאָרמאט: 32/18 צמ, 4 זייטן, 3 קאָלומנעס. רעדאקטאָר: ב. סופרין.

פון דאָזיקן נומער האָב איך געפונען אין דער אקאַדעמיע בלויז איין בלעטל, די ערשטע צוויי זייטן. אָבער דער קומענדיקער נומער, 4, איז גאנץ. אין דריטן נומער הייבט זיך אָן דרוקן אן ארטיקל „דארף מאן איין זשארגאָן בלאט?" און אין פערטן נומער איז די פאָרזעצונג, פון וועלכן מיר ציטירן:

„...50 פראָצענט יידן זינד וועלכע ניכט רומעניש לעזן קענען אונד פילע זאָגאר וועלכע גאָר רומעניש ניכט פארשטייען אונד האָבן זיך מיט געערבט ווי איינע עוויגע ירושה פון די עלטערן די מיינונג אז ווער עס לערנט גויש ווערט א משומד..."

דערנאָך קומט א פאָלעמיק מיט עקיבא חשמל, וועלכער האָט אים אָנגעגריפן אין „הקול" נומער 34.

די ערשטע צוויי נומערן פון דער ציַיטונג זענען געווען „פּראָבע-נומערן“ און זענען מסתמא געשיקט געוואָרן צו פאַרשידענע אדרעסן. ווער סע האָט זיי נישט צוריק געשיקט איז געוואָרן באטראכט פאר א שטענדיקן אבאָנענט.

איך גיב נאָך צו די דאטע פון נומער 14: י"ט תשרי תרמ"א. ווייל טייל פאררופן זיך אויף א קאָרעספּאָנדענץ פון עקיבא השמל אין „המגיד“ נר. 28 פון 20סטן יולי 1881, וואו סע ווערט געזאָגט: „אתמול מסר לידי אחד מידידי פה שני הגליונות 5, 4 מכה"ע „יודישע פּרעסע“ היוצא לאור בעיר יאסי מאת דוב בער סופרין“ (אויף יידיש: נעכטן האָט מיר א ידיד איבערגעגעבן דאָ, צוויי נומערן 4 און 5 פון דער ציַיטונג „יודישע פּרעססע“, וואָס דערשיינט אין דער שטאָט יאס פון דוב בער סופרין). און פון דעם ווילן זיי דרינגען אז די ציַיטונג איז דערשינען אין יאָר 1881 און נישט אין יאָר 1880.

פארשטייט זיך, אז דאָס איז קיין עדותשאפט פאר מיר. די צוויי נומערן, וואָס איך האָב געפונען זענען פאר מיר דאָקומענטן, אז די ציַיטונג איז דערשינען אין 1880.

***

איך וועל זיך דאָ נאָך אָפּשטעלן אויף דעם אונטערטיטל פון דער דאָזיקער ציַיטונג, וואָס דערשיינט „איינסטווייילען“, דאָס הייסט, לעת-עתה, איין מאָל אין דער וואָך.

במשך פון דעם בוך וועט דער לייענער נאָך באגעגענען נישט איין מאָל דעם „איינסטווייילען“.

דאָס באווייזט, אז דער רעדאקטאָר צי ארויסגעבער, ווען ער האָט אָנגעהויבן ארויסגעבן די ציַיטונג האָט ער געהאָפּט אז דאָס זאָל זיין מיט הצלחה און אז מיט דער ציַיט, וועט די ציַיטונג דערשיינען עפטער, נישט נאָר מער מאָל אין א וואָך, נאָר אפילו ווערן א טאָגבלאט.

דאָס וועלן מיר זען וויַיטער, ווען מיר וועלן אָנקומען צו דער ציַיטונג „דער יודישע גייסט“, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1898. הגם דאָרט איז נישט אָנגעגעבן דער „איינסטווייילען“, האָבן אָבער דאָך די ארויסגעבער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן מיט פיל אונטערנעמערישקייט ארויסגעבן די ציַיטונג דריי מאָל אין דער וואָך, האָבן זיי דאָך געהאָפט אז ווען זיי וועלן דערגרייכן „א זיכערן טיראזש פון 3000 עקזעמפּלארן וועט זי דערשיינען טעגלעך“.

ליידער איז די „הצלחה“ שולדיק געבליבן און די האָפענונגען האָבן זיך געוויינטלעך צערונען. אדרבה, אפילו יענע צייטונג, וועלכע האָט יאָ אָנגעהויבן דערשיינען טעגלעך, האָט זייער גיך זיך געמוזט אָפּזאָגן פון דער אזוי געוואגטער „אמביציע“.

אזוי איז למשל געשען מיט דער דריטער טאָגצייטונג, וואָס איז דערשינען אין רומעניע. „דיע יודישע צוקונפט“ האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין יאס אין יאָר 1899 „אין אללע ווערקטאגען“ און זייער גיך איז זי איבערגעגאנגען צו דערשיינען עטלעכע מאָל אין דער וואָך — ביזן פארשווינדן...

10

דער קאָלאָניסט

„עובד אדמתו ישבע לחם“ (משלי יב-י)

אָרגאַן פיר פערברייטונג דער אידעע פון ערדארבייט אונטער דען יודען ערשיינט איינמאָל וועכענטליך.

ערשטער יאַרגאַנג, נומער 1 פון 13 מאַי 1881 בוקארעשט ארויסגעגעבן פון סאָטשיעטאטע דע אגריקולטורא.

פאָרמאַט: 28/39 צמ, 4 זייטן, 3 קאָלומנעס.

דעם נומער האָב איך געפונען אין דער אקאדעמיע און איך ציטיר פון אים:

אויף דער ערשטער זייט איז דאָס ארטיקל „איין בליק אויף דיא לאגע דעס יודענטהומס אונד דיא הילפסמיטטעל דאצו“.

אויף דער צווייטער זייט איז אַן ארטיקל אָן א טיטל, בלויז א מאָטאָ: ובנו בתים וישבו ונטעו כרמים ואכלו פרים“ (ישעיה סה-כא), געחתמעט פון אשר אנטשיל שו“ב.

אויף דער דריטער זייט איז א העברעאישער שיר, געחתמעט פון הרב יצחק אייזיק שור, אב“ד בוקארעשט, פרעזידענט פון דער חברה „ישוב ארץ ישראל“.

אויף דער פערטער זייט איז א „קול קורא אליכם אישים“, אין וועלכן סע ווערט געזאָגט צווישן אנדערן:

„...אויף יעדן איז די בליכט זיינע ברידער צו שטיצן אום צו קע-נען אויסוואנדערן, בפרט זיי ווילן זיך אונטערוואַרפן דער שווערער אַר-בעט די ערד צו אקערן. ווער עס האָט גאָט אין הארץ און דער פונק פון דער „יודישער נאציאָנאליטעט" איז ביי אים נישט אויס געלאָשן, זאָל ער אלעס מעגלעכע אָנווענדן אונטער צו שטיצן די יעניקע וואָס ווילן אויסוואנדערן, ווייל נאָר דאדורך וועלן מיר אראָפּנעמען דעם האס וואָס די קריסטן האָבן אויף אונדז, וואָס זיי זאָגן דאָס מיר זענען איבערפליסיק אים לאנדע. עס וועט דאדורך אויך א טובה זיין פאר די יעניקע וואָס וועלן דאָ בלייבן"...

די אָרטאָגראפיע איז אונדזערע, אָבער דאָס ריינע יידישע לשון געהער דער רעדאקציע, וואָס איז מסתמא געווען פון אלעזר רוקח. איך האָב נישט געפונען ביז ווען די צייטונג איז דערשינען.

נ. מארק פארצייכנט אז זי איז דערשינען צוויי מאָל אין דער וואָך.

11

בײלע יודישע צייטונג

דערשיינט יעדע וואָך.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע: יאס, טיפּאָגראפיא נ. פרענקעל.

פון דער צייטונג האָב איך געפונען צוויי נומערן:

נומער 61 פון 9טן יוני 1882, צווייטער יאָרגאנג.

פון דעם האָב איך געדרונגען, אז זי האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין יאָר 1881.

מע האָט מודיע געווען:

„דער רעדאקטאָר דער נייען יודישען צייטונג האָט אים אינטערעסע דעס בלאטטעס איינע רייזע אונטערנאָממען דורך רומעניען. ער האָט דא-פיר געזאָרגט דאס דאָס בלאטט זאָלל וועהרענע זיינע אָבוועזענהייט רע-געלמעסיג ערשיינען. נאָך זיינער צוריקקונפט ווירד דאָס בלאטט אין איי-נעם גרעסערן פאָרמאט אונד צווימאָל אין דער וואָכע ערשיינען. דאָס בלאט ווירד דיא בעסטען קאָרעשפּאָנדענצען ענטהאלטען".

צווישן די אנאָנסן פון דעם נומער געפינט מען אויך אז: „ספר אבינועם הגלילי או רוכב תועה (דון קשוט דער אירועגדע ריטטער) מאת נ. פרענקעל צו פינדען אין דער טיפּאָגראַפּיע דעס העררן נ. פרענקעל סטראַדא פּרימעריע נומער 10".

דער צווייטער נומער, וועלכן איך האָב געפונען, איז נומער 72 פון 18טן אויגוסט (סע פעלט דאָס יאָר, מסתמא א טעות הדפוס), יאַס.

דאָ ווערט שוין געזאָגט, אז סע „ערשיינט צווייגמאָל וועכנטליך, דינס-טאָג אונד פרייטאָג. דרוק עט רעדאקציע: נ. פרענקעל".

פאָרמאַט: 23/31 צמ, 4 זייטן, 2 קאָלומנעס.

אין דעם נומער איז פאראן אן ארטיקל „עבודת האדמה" (ערד אר-בעט), וואָס איז א פאָזערצונג פון נומער 70.

דער נומער אנטהאלט אויך „פּאָליטישע נאכריכטן".

***

(נ. מארק פארצייכנט נאָך איין צייטונג, וואָס זאָל האָבן דערשינען אין בוקארעשט אין יאָר 1882, אונטער דער רעדאקציע פון ישראל מרגלית, וועכנטלעך, ציוניסטיש, מיטן זעלביקן נאָמען פון „נייע יודישע צייטונג".

איך האָב נישט געפונען קיין אנדערע שפּורן).

12

דער עמיגראנט

אָרגאַן פון די חובבי ציון. דערשינען אין גאלאץ צווישן די יאָרן 1882-1883.

צוויי מאָל אין דער וואָך. זינט דעצעמבער 1882 דערשינען אין בוקארעשט.

רעדאקטאָר: אלעזר רוקח.

די צייטונג האָט געהאט איין זייט אין דייטש.

איך האָב נישט געזען קיין איין נומער.

13

דער רומענישער איזראעליט

ערשיינט צווייא מאָל וועכענטליך: דינסטאָג אונד פרייטאָג, בוכדרוק־קעריי גאָלדנער.

ערשטער יאַרגאַנג, נומער 4 פון 3טן אויגוסט 1882. יאַס.

פאָרמאט: 31/40 צמ, 4 זייטן, 3 קאָלומנעס.

דעם נומער האָב איך געפונען אין דער אַקאַדעמיע, אין תוכן איז פאַראַן אַן אַרטיקל וועגן דער עגיפּטישער פראַגע; ידיעות פון אין און אויסלאַנד; אַן אַרטיקל „פאַרזיכט איזט דיא מוטער דער ווייזהייט" און אַן אויפרוף פון דער „אַליאַנץ איזראעליט", וואָס האָט זיך דעמאָלט אָפּ־געגעבן מיט העלפן די יידן, וואָס האָבן גענומען דעם וואַנדער־שטעקן אין די הענט.

קיין רעדאַקטער פיגורירט נישט. די אַרטיקלען זענען געחתמעט מיט איין אות: „ק".

14

די האָפּפנונג

אָרגאַן פיר ישוב א"י, פּאָליטיק, ליטעראַטור, בעפעודערט יודישע אינטערעסען אונטער געמיינדע אונד פאַמיליע. פיאַטרא נעאַמץ.

ערשיינט דרייא מאָל וועכענטליך. 1882.

„ויש תקוה לאחריתך" (ירמיה ל"א).

איך האָב נישט געפונען קיין איין נומער.

15

דיא וואַהרהייט

ערשיינט איינסטווייילען איין מאָל אין דער וואָכע. „שפת אמת תכון לעד" (משלי יב׳יט).

רעדאַקטאָר: י. און ב. מאַרגוליעס.

ערשטער יאַרגאַנג, נומער 24 פון 21סטן אויגוסט 1883. גאַלאַץ.

פאָרמאַט: 26/38 צמ, 2 קאָלומנעס.

דעם דאָזיקן נומער האָב איך געפונען אין דער אקאדעמיע. אין לייט־אַרטיקל מיטן העבּרעאישן נאָמען: „עניה סוערה לא נחמה (ישעיה נד-יא)" ווערט גערעדט וועגן ישוב ארץ ישראל, דאָס צווייטע ארטיקל איז „רג-שי לב", געחתמעט פון ישראל טעללער. דערנאָך קומען ידיעות פון אין און אויסלאַנד, די פערטע זייט איז בלויז אַנאָנסן.

אין דער פעדעראַציע האָב איך געפונען אנדערע צוויי נומערן פון „די וואהרהייט". דריטער יאָרגאַנג (צווייטע סעריע), נומער 9 פון 7טן פעברואר 1898, בוקארעשט.

דער אונטערטיטל איז שוין רייכער: „פערטרעטטעט אללגעמיינע יודישע אינטערעססען. ערשיינט איינסטווייליגען איינמאָהל אין דער וואָך. רעדאַקטירט פאָן איינעם קאָמיטעט. שעף רעדאַקטער: דוב בעריש מרגליות (דב"ם). צאַהלונג נאָך אבלויף פאָן 3 מאָנאַטהע".

דאָס הייסט אַז די ערשטע 3 חדשים האָט מען צעשיקט אומזיסט די צייטונג אָבער שוין אין נומער 12 פון 28סטן פעברואר 1898 איז מען שוין ארויס מיט לשון. דאָס ערשטע ארטיקל הייבט זיך טאַקע אָן מיט אַן „אפּעלל אַן אונדזערע ווערטהע לעזער" ווערט געזאָגט, אַז היות סע זענען פאַריבער די 3 חדשים און די רעדאַקציע האָט געשיקט די צייטונג אָן געלט, איצט איז געקומען די ריי, אַז די אַבאָנענטן זאָלן שיקן זייער חוב מיט דער פּאָסט, כדי נישט צו מאַכן קיין איבעריקע הוצאות מיטן איינמאָנען דעם חוב. בעסער מיט די איינגעשפּאָרטע הוצאות ארויסצו־געבן די צייטונג צוויי מאָל וועכנטלעך.

אויף אַן אנדער אָרט, אין דאָזיקן בוך, האָב איך שוין אויפגע־קלערט, אַז טאַקע דאָס האָט די רעדאַקציע געמיינט מיטן אונטערטיטל „איינסטווייליגען", דאָס הייסט. לעת-עתה דערשיינט עס וועכנטלעך...

מיט דער געלעגנהייט ווערט געלויבט דער שעף-רעדאַקטאָר דוב בעריש מרגליות, וועלכער איז שוין באַקאַנט אין לאַנד זינט פופצן יאָר, און זינט צוואָנציק יאָר ווי א מיטאַרבּעטער אין די העבּראַישע צייטונגען ווי „המגיד", „העברי", „היהודי" און „נוגה הירח".

דאָס ארטיקל „דער ציוניזמוס אין דער הויפּטשטאָט" איז גע־חתמעט: „דוב בעריש מרגליות, המכונה: ד"ב"ם בן הרב הגאון המנוח מו"ה אברהם מרגליות ז"ל, שהיה אבד"ק גאלאטץ חמשה ושלשים שנה, וחתן הרב הגאון מו"ה יצחק אייזיק טוביש שליט"א אבד"ק בוקארעשט".

דערנאָך איז צוגעגעבן א באמערקונג: „מיט אבזיכט האָבן מיר אונדזערן נאָמען קאָמפלעט ארויסגעשריבן, ווי נאָך קיין איינציקעס מאָל, אום אונדז נישט מיט איינעם אנדערן צו פארוועקסלען — רעד.“

דער דאָזיקער נומער איז א ביסל גרעסער ווי דער פריערדיקער, אין 3 קאָלומנעס.

מיט דעם דערקלערט זיך אויך פאר וואָס קודם איז די צייטונג דערשינען אין גאלאץ און דער נאָך אין בוקארעשט. פשוט ווייל דער רעדאקטאָר האָט חתונה געהאט קיין בוקארעשט.

16

יהודית

א יודישע צייטונג פיר פאָליטיק. ליטעראטור אונד קריטיק.
רעדיגירט פאָן ד. א. ברודעס
„תדבר עמנו יהודית באזני העם“ (מלכים ב׳ יח־כו)

ערשטער יאָרגאנג, נומער 3 פון 15טן דעצעמבער 1883, בוקארעשט
פאָרמאט: 32/45 צמ, 4 זייטן, 4 קאָלומנעס.

דער דאָזיקער נומער, וואָס איך האָב געפונען אין דער אקאדעמיע, האָט דעם פאָלגנדיקן תוכן:

אויף דער ערשטער זייט: „דברות הללו אנו מדליקין“ (פערזן פון ב. סופרין). אויף דער צווייטער זייט: „דיא ערשיינונג“ (באללאדע) פון ר. א. ברודעס. אויף דער דריטער זייט: „ווער עס פרעגט דער בלאָנדזעט נישט“ (אָריגינאל נאָוועלע פאָן ר. א. ברודעס), אין פאָרזעצונגען.

פאראן אויך דער נומער 4 פון 22סטן דעצעמבער 1883.

סע זענען געחתמעט אונטער ארטיקלען: צל״צל איש-באָטאָשאני און יש״פ.

עס איז כדאי צו באמערקן אז דער מאָטאָ אונטערן טיטל איז „געפעלשט“. דאָרט, אין מלכים ב׳ ווערט נישט געזאָגט „רעדט צו מיר יהודית“ נאָר אדרבה: רעדט צו דיין שקלאַוו ארא‍מיש, וואָס מיר פארשטייען און זאָלסט נישט רעדן יהודית מיט אונדז...“

17
קול רנה

ליעדער גאלעריע, קאָמישע מאָראלישע ליעדער אונד איין שעהנער פעאילעטאָן.

ערשיינט יעדע וואָכע. רעדיגירט פון ליפא ראָדעסקאָ.

איז דערשינען אין בוקארעשט צווישן די יאָרן 1883—1884.

איך האָב נישט געפונען קיין איין עקזעמפלאר פון דער דאָזיקער פובליקאציע.

דאָך, צוליב עדותשאפט וועל איך נעמען די מודעות, וואָס זענען דערשינען אין „היועץ" און אָנגעזאָגט דאָס דערשיינען פון דער דאָזי־קער פובליקאציע.

אזוי, למשל, איז דערשינען אין „היועץ" פון 1טן יאנואר 1883 פאָלגנדיקע מודעה:

„ליעדער גאלעריע ק ו ל ר נ ה, פון ניי יאָר אָנגעפאנגען וועט ערשיינען „דיא ליעדער גאלעריע" יעדע 2 וואָכן, איין העפט פארפאסט פאָן ל י פ א ר אָ ד ע ס ק אָ. דער פארפאסער גיבט זיך די מי זאָלכע לי־דער צו ליפערן, וועלכע זאָלן מאָראל אונד בעלערנדעס אנטהאלטן — יערליכעס אבאָנאמענטספרייז איז 2.50 פראנק, האלב יאָריק 1.25 — די העפטע ווערן יעדן פראנקאָ צוגעשיקט. איינצלנע העפטע קאָסטן 10 באני".

אין „היועץ" פון 16טן פעברואר 1883 קאָן מען לייענען:

„עס איז ערשינען און עס וועט אין אלע סעלידע בוכהאנדלונגען צו באקומען זיין דאָס ד ר י ט ע העפט קול רנה ל י ע ד ע ר ג א ל ע ר י ע פון ליפא ראָדעסקאָ, א 10 באני — די לידער גאלעריע ערשיינט 24 העפטע אין א יאָר און קאָסט 2.50 פראנק פאר א גאנץ יאָר, פאר א האלב יאָר 1.25, צו געשיקט פראנקאָ פער פאָסט. דעם בעטראג קען מען אין בריוומארקן צושיקן".

„א נ אָ נ ס

ווייל מערערע פון די אבאָנענטן האָבן מיר פאָרגעטראָגן אז איך זאָל אין מיין ווערק „קול רנה" אויך זאָלכע לידער שטעלן וואָס שוין אין טעאטער געשפילט געוואָרן זינד, מאכע איך צוגלייך באקאנט דאָס

איך האָב יעדן זיין וואונטש ערפילט. די לידער וואָס ערשיינען אין 3טן העפט:

1. דאָס בלינדע פאָלק,
2. איך פריעדמאַן אקטיאָר,
3. ארויס! ארויס!
4. דעם רבינס מופתים,
5. די פיעלנדע ליבע.

איך ביטע אויך די אבאָנענטן מיר איין וואונטש צו ערפילן אונד ווי אם שנעלסטן מיר דעם אבאָנאמענטספרייז איינצוזענדן. עס װעט הייסן: א פאטש פאר א קלאפּ

ליפא ראָדעסקאָ"

פון דעם אויבן ציטירטן איז צו זען אז די לידער גאלעריע איז דערשינען איין מאָל אין צוויי וואָכן, אָבער דאָך האָב איך זי פארצייכנט, אז זי איז דערשינען וועכנטלעך, ווייל אין „היועץ" פון 25סטן אויגוסט 1884 קאָן מען לייענען די פאָלגנדיקע מודעה:

„קול רנה" איז דער טיטל פון איין לידער-בוך וואָס ערשיינט אין בוקארעשט יעדע וואָך איין העפט פון ליפא ראָדעסקאָ — דער פארפאסער גיבט זיך מי די לאגע פון די יידן אין רומעניע און פון בוקארעשטער הויזירער אין פערזון אין וואָרן ליכט הערצושטעלן. ער פארדינט אונטערשטיצט צו ווערן, דאמיט ער זאָל די אָנגעפאנגענע ארבעט קאָנען פאָרזעצן".

18

דער יודישע וועכטער

דערשינען אין באָטאָשאַן דעם 19טן אָקטאָבער 1884. רעדאקטאָר: ה.ל. טעללער.

איך האָב נישט געפונען קיין איין עקזעמפלאר פון דער פובליקאציע.

19
די נייע צייט

דערשינען אין באָסטאָן אין יאָר 1885. רעדאקטאָר: נ. פרענקעל.
קיין איין עקזעמפלאר פון דער דאָזיקער צייטונג האָב איך נישט געזען.

20
דיא יודישע מאָרגענפּאָסט

דערשינען אין בוקארעשט אין יאָר 1885. רעדאקטאָר: לעאָן נאמיאנו.

איך האָב נישט געזען קיין איין נומער.

21
התוקע

„ותקע בשופר והזהיר העם".

ערשטער יאָרגאנג, נומער 1, באָטאָשאנ, מיטוואָך ה' אלול תרמ"ה (1885) צייטונג פאר דעם אידישען פאָלק.

ערשיינט צווייא מאָל וועכענטליך.

העראויסגעגעבען פאָן צבי הירש יוסף, צל"צל איש באָטושאני. דאָנער־סטאג בלאט.

די צייטונג איז גילטיג אויך נאָך דער צייט.

אנאָנסען ווערין בילליג בערעכנעט.

פאָרמאט: 26/38 צמ, 4 זייטן, 2 קאָלומנעס.

דאָס איז דער איינציקער נומער, וואָס איך האָב געפונען אין דער אקאדעמיע. פאראן אויך א ביילאגע: „דיא סדר-נאכט. א ראָמאן פונ'ם

אידישען לעבען אין דער לעצטער צייט. גישריבען פאָן צל צל איש באָטושאני" אין 2 בלעטער — מע קאָן זיי צוזאמענלייגן און מאַן פון זיי א בראָשור פון 16 זייטלעך.

22

דער וואנדערער

דערשינען צוויי מאָל אין דער וואָך, אין בוקארעשט.
רעדאקטאָר: י.ל. סאָלאָמאָן.
דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 11טן אויגוסט 1885.
האָט באהאנדלט די ענינים פון דער אויסוואנדערונג אין אמעריקע.

איך האָב נישט געזען קיין איין נומער.

23

נייעסטע נאכריכטען

די צייטונג האָט געוואָלט דערשיינען אין בוקארעשט אין יאָר 1888.
אנדערע מיינען, אז די צייטונג איז דערשינען אין פיאטרא-נעאמץ אין יאָר 1885 אונטער דער רעדאַקציע פון י. קאָפּפעל.
איך האָב נישט געפונען קיין איין נומער.

24

יודישעס פאָלקסבלאט

ערשיינט וועכנטליך יעדען פרייטאָג.
ערשטער יאָהרגאנג, נומער 1, 24 נאָוועמבער 1886. יאַס.
רעדאקטאָר: נ. פרענקעל.

פאָרמאט 28/41 צמ, גרויסע אותיות, 4 זייטן, 3 קאָלומנעס.
אויף דער ערשטער זייט איז דאָ אן אויפרוף: „אן אונזערע לעזער!"

„....די שפּראַכע דעס פֿאָלקסבלאַטטעס איז די פֿאָלקסשפּראַכע, ריין, לייכט, אונד פערשטענדליך. ניכט האָכדייטש אונד ניכט געמיינער זשאַרגאָן. וויר ווערדען פערמיידען זאָלכע געמיינע זשאַרגאָן-אויסדריקע, וועלכע אין דער יעצטיגען צייט פיר איינען רעדאקטאָר ניכט אַנשטענדיג זיינד נור איינעם שינדער ע״רע מאַכען, ווי צ.ב. ,מילב גע נשמות, חזירישע מיילער, טרפהניאקעס עטצ...״

איך האָב געבראַכט דעם דאָזיקן ציטאַט כדי משמח צו זיין דעם לייענער, ווי אַזוי דער רעדאַקטאָר האָט זיך באַצויגן צו אַזעלכע טייערע, כשרע יידישע ווערטער...

בכלל האָט זיך די צייטונג אָפּגעגעבן מיט ישוב ארץ ישראל.

אין נומער 2 זענען פאַראַן אַרטיקלען: קעגן די שוחטים, וועלכע האָבן צו גרויסע הכנסות; קעגן די פּענסיאָנאַרן פון דער קהילה.

אין נומער 3 ווערט פּראָפּאַגירט ערדאַרבעט צווישן יידן.

אין נומער 11 ווערט דערציילט וועגן גרינדן אַ יוגנט־פאַראיין „דורש לציון". סע ווערן פאַרעפנטלעכט נעמען פון די מיטגלידער.

דער נומער 28-29 איז שוין אין אַ קלענערן פאָרמאַט: 28/36 צמ.

דער נומערן 30 איז פון 11טן סעפּטעמבער 1887. איז עס דער סוף־סטער נומער?

די דאָזיקע נומער האָב איך געפונען אין דער אַקאַדעמיע.

25
נאַציאָנאַל

פּאָליטיש, ליטעראַריש, עקאָנאָמיש וואָכנבלאַט. רעדאַקטאָר: יצחק יואל לינעצקי.

ערשטער יאָרגאַנג, נומער 1, 24סטער מערץ 1886. באָטאָשאַן.

סע זענען דערשינען בסך-הכל 21 נומערן. דער לעצטער איז דערשינען דעם 24 אָקטאָבער.

איך האָב נישט געזען קיין איינעם פון זיי.

26
גאַלאַטצער איזראעליט

דערשינען צוויי מאָל אין דער וואָך, צווישן 15 אויגוסט 1886 און 26 מערץ 1887, אין גאַלאַץ.

אין 1888 דערשיינט עס ווידער וועכנטלעך. ארויסגעגעבן פון די דרוקער: מוטערפערל און קאָהן.

האָט באַקעמפט כאַאָטישע עמיגראַציע.

איך האָב נישט געזען קיין איין נומער.

27
הגבור

„אז דבות בחזון להסידך ותאמר שותי עזר על גבור הרימותי בחור מעם (תהלים קכט—ב)" ערשיינט איינסטווייליגע יעדען פרייטאָג. רעדאַקטאָר: ליפּא מ. ראָדעסקא.

ערשטער יאָרגאַנג, נומער 10. ערשטער נאָוועמבער 1886. בוקאַרעשט.

פאָרמאַט: 28/38 צמ, 4 זייטן, 3 קאָלומנעס.

אין לייטאַרטיקל, אָן א טיטל, נאָר א דאַטע, ווערט געזאָגט: „מיט אונדזערע רומענישע יידן איז נאָר א טעאַטער. קוים קומט אויף זיי א נייע מכה, א נייע צרה, ווערט באַלד א לאַרעם, א געשריי, א גאַנץ איינ-רייסעניש און יעדער פון גרויס ביז קליין, ווער עס קאָן נאָר א פעדער אין דער האַנט האַלטן, הייבט באַלד אָן — דורך די צייטונגען — די נייע מכה צו באַוויינען, און יעדער זוכט זיין שרייבן זאָל יעדן פון דער ניי-ער מכה, פון דער פינצטערער צרה רעטן"...

איך האָב געבראַכט דעם דאָזיקן ציטאַט, מיט מיין אָרטאָגראַפיע, כדי צו ווייזן די ריינע יידישע שפראַך. דער אַרטיקל איז געחתמעט פון איש-דבר שלום, אָבער איך מיין אז עס איז ליפּא ראָדעסקו, נאָר ער האָט נישט געוואָלט סע זאָל דערשיינען צוויי מאָל אין איין און דעם זעלביקן נומער זיין נאָמען. ער האָט געחתמעט זיין נאָמען אונטער „ערי מקלט.



הגבור

צייטונג פיר יודישע אינטערעססען: פאליטיק, אונד ארגאן פיר אמעריקא

[illegible]

אבאנאמענטספרייז פיר גאנץ רומעניען סיט ועגרונג

דער פאסט-פארטאָ

אין גאנץ יאהר 8 פראנק

„ האלב יאהר 4 „

„ פירטעל „ 2 „

Redacţia şi Administraţia

— Calea Dudeşti 11 Bucuresci —

יודישעס פאמיליענבלאטט

[illegible]

אבאנאמענטספרייז פיר גאנץ רומעניען סיט ועגרונג

דער פאסט-פארטאָ

אין גאנץ יאהר 4 פראנק

„ האלב „ 2 „

[illegible]



ניע יודישע צייטונג

ניע יודישע צייטונג

[illegible]

א משומד אין דער משפחה. אָריגינעלע גאָוועלע. געשריבן כּאָן ליפּא מ. ראָדעסקו״ (אין פּאָרזעצונגען).

דערנאָך זענען אויף דער צווייטער און דריטער זייט ,נייעס פון דרויסען״; ״אויסגעקליבענע נייאיגקייטען״; ״נישטאָ מעהר קיין נייעס״.

אויף דער פערטער זייט זענען אנאָנסן (די רעדאקציע איז מודיע, אז פונעם נומער 13 וועט די צייטונג דערשיינען צוויי מאָל א וואָך; דינ-סטיק און פרייטיק).

די נומערן געפינען זיך אין דער אקאדעמיע. קיין שפּעטערע נו-מערן האָב איך נישט געפונען.

אין נאָטיצן פון ש״ס-ראָמאן האָב איך געפונען אז:

סע זענען פאראן שיריים פון 3 נומערן. למשל דער נומער 8 איז נאָר א האלבער. סע זענען געבליבן בלויז 2 זייטלעך.

דער נומער 8 איז דערשינען דעם 7טן אָקטאָבער 1886; דער נומער 9 איז דערשינען דעם 25טן אָקטאָבער 1886.

ווי סע ווייזט אויס איז די צייטונג געווען אָריענטירט אויף עמיגרא-ציע אָבער נישט דווקא קיין ארץ ישראל. אזוי קאָן מען דרינגען פונעם ארטיקל פון נומער 8, וואָס האָט נישט קיין טיטל און נישט קיין אונטערשריפט:

״וואוהין זאָל איך פאָרן? ווי אזוי קאן איך פאָרן? מיט וואס זאָל איך פאָרן?״

זאָלכע פראגן שטעלט זיך היינט יעדער ייד, דער וועלכער האָט אָנגעפאנגען צו פילן ווי אונטערדריקט ער איז אין רומעניען און וויל דאָס פארלאָזן.

'וואוהין זאָל איך פאָרן?' איז די ערשטע פראגע פון איין 50 יעריקן יידן. געוועזן פריער איין הויזירער, דערפון ביי זיין צוואנציק יאריקן געבורטסטאָג געהייראטעט אונד אין פארגעניגן אָרנטלעך מיט זיין פרוי געלעבט די גאנצע צייט ביז מען האָט דאָס פארבאָטן.

מיר זעען... א יידן אין זיין שטוב זיצן, איין האנט אָנגעשפּארט אָן טיש און באטראכט דאָס פארמעגן וואָס גאָט האָט אים — אין דער צייט זייט ער האָט געהייראטעט — געגעבן, 3 בתולות. די יינגסטע פון 16 יאָר. 3 יינגלעך, דער עלטסטער פון 12 יאָר און טאקע נאָך א מאָל 3 מיידלעך פון 4 ביז 8 יאָר.

איין שווערער זיפץ איז — אָן זיין ווילן — פון זיין פארביטערט הארץ ארויס געגאנגען מיט די ווערטער: וואָס פאנגט מען אָן צו טאָן?

איך זאָל אוועק פאָרן? וואוהין זאָל איך פאָרן. נאָך פאלעסטינע, וואו הונ־דערטער יידן זענען שוין געפאָרן, דערנאָך אמעריקא וואו טויזנטער יידן פאָרן אויך יעצט?"

ער קלערט... און ערקלערט ענדלעך, אז אין פאלעסטינע איז גוט נאָר פאר זוי איינעם וואָס קען ערד ארבעטן. אָבער פאר איין 50 יע־ריקן יידן, וואָס מוז איינע אנדערע ארבעט זוכן, איז אין אמעריקע בע־סער. ער נעמט דאָס אָן פאר גוט און אנטשליסט זיך נאָך אמעריקע.

ער שטעלט זיך א צווייטע פראגע:

„ווי אזוי קאָן איך פאָרן?"

ערשטנס ווי קאָן איך פארלאָזן דאָס לאנד וואו איך האָב מיינע בעסטע יונגע יאָרן פארבראכט און קומען אין זאָ איין לאנד וואו איך קאָן אפילו דאָס לשון נישט.

צווייטנס, בין איך דען נאָר איינער צום פאָרן? 11 נפשות זענען מיר און ביז אמעריקע צו פאָרן איז קיין קלייניקייט.

ער קלערט דעריבער אויך און ערקלערט ענדלעך, אז ער זאָל צו ערשט אליין פאָרן און ביז ער וועט זיך דאָרט אראנזשירן זאָל ער דערווייל זיין פרוי מיט די קינדער דאָ לאָזן"...

ווי באוואוסט, אז סע זענען נישט געווען קיין זעלטענע פאלן, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו אזא „קלוגער" עצה. אזוי איז געוואקסן די צאָל עגונות...

יורעשעס פאמיליענבלאטט

איך פארצייכן די דאָזיקע פובליקאציע, אָבער לײדער האָב איך קיין שום איינצלהייטן, ווען און וואו עס איז דערשינען אזא צייטונג.

איך האָב גענומען די דאָזיקע אינפאָרמאציע פון א מודעה, וואָס איז אָפגעדרוקט אויפן לעצטן זייטל, בעסער געזאָגט אויף זייט 4 פון שער־בלאט, אויף דעם ביכעלע „דיא צוואה, איין לעבענס-בילד אין איין אקט, אָריגינאל פערפאַסט פון ליפא מ. ראדעסקא, בוקארעשט (יליד באקוי). פרייז 50 באן. נאָכדרוק פערבאָטען. פערלאג דעס הגבור".

קודם איז אָפגעדרוקט א מודעה וועגן „הגבור" גופא, און דערנאָך איז די מודעה וועגן:

„יודעשעס פאמיליענבלאטט", ענטהאלטענד נאָוועללען, אָריגינאַללע איבערזעטצונגען, טעהאטער-שטיקע, געדיכטע, אנעקדאָטען עטץ.

אבאָנאמענטספרייז פיר גאנץ ראָמאניען מיט זענדונג דער פּאָסט-פּאָרטע איין גאנץ יאָהר 4 פראנק, איין האלב יאָהר 2 פראנק. איינצעלנע נומערן 50 באן.

צי אדרעסירען אן דער רעדאקציאָן דעס „הגבור" בוקארעשט קא-לעא דודעשט 11 בוקארעשט".

די דאָזיקע מודעה איז פּונקט אזוי רעדאקטירט ווי די מודעה וועגן „הגבור", בלויז דער פּרייז איז פאַרן „הגבור" א טאָפּלטער.

איז עס געווען אן אויסגאבע פון „הגבור" ?

אפשר איז די פּובליקאציע דערשינען אין אויסלאנד און דער „הג-בור" האָט געהאט בלויז די פארטרעטערשאַפט ?

28

דער יודישע פאָלקספריינד

ערשטער יאָרגאנג, נומער 1, ט"ז שבט תרמ"ז. 29סטער יאנואר 1887, יאס.

ערשיינט וועכנטליך יעדען דאָנערסטאג,

רעדאקטאָר און אדמיניסטראטאָר: י. יזראעלאָוויטש.

פּאָרמאט: 28/42 צמ, 4 זייטן, 3 קאָלומנעס.

אויף דער ערשטער זייט אונטערן טיטל „אונדזער פּראָגראם" איז צו לייענען:

„...אזא יאסי עיר ועם (ואם! — וו.ט.) בישראל זאָל נישט האָבען איינעם יודישען אָרגאן? מיר מעגען זיך שעהמען פיר זיך אליין און האָבען וויר זיך פאָר גענומען איין בלאטט הערויסצוגעבען וועלכעס זאָלל דיענען דעם יודען וועגען וויסענשאפטען אונד יודישע אנגעלעגנ-הייטען הן פאָן עמיגראציאָן והן קאָלאָניזאציאָן. וויר ווערדען פערזעהען דאָס בלאטט מיט די שענסטע פעליטאָנען, וויר ווערדען ברינגען דיא נייעסטע ערפינדונגען אונד נאכריכטען. וויר ביטטען כל איש אשר יפעמו

רוח המדע, יעדער יוד וואָס האָט סימפּאַטי פיר וויססענשאַפט דאָס בלאַטט צו אונטערשטיטצען...“

דער לייענער האָט מסתמא באמערקט, אז מיר ציטירן זעלטן די אָריגינעלע אָרטאָגראַפיע, כדי נישט צו פארשווערן דאָס לייענען. אָבער צו מאָל דארף איך מאכן אן אויסנאם, ווי אין דעם דאָזיקן פאל כדי צו לאָזן פארן לייענער, אז ער זאָל אליין אויך אורטיילן און זיך מאכן א בילד וועגן ניוואָ פון דער צייטונג. דעם גרייז פון דער ערשטער שורה, וואו עס איז דאס וואָרט „ועם“, אָנשטאָט „ואם“, האָב איך אויסקאָרי־גירט אין האלבע לבנות, אָבער איך וועל באמערקן, אז גאנץ זיכער איז עס א טעות הדפוס, ווייל דער מחבר האָט געקאָנט העברעאיש בעסער ווי יידיש, און וואָלט אזא עב-הארציקן גרייז נישט געמאכט. אזוי וויל איך גלייבן, אָדער דרינגען פון די העברעאישע מאטעריאלן, וואָס זענען דערשינען אין דער צייטונג, אמת, נישט געחתמעט פונעם רעדאקטאָר.

דער רעדאקטאָר האָט געחתמעט א פעליטאָן „דער פאמיליען קריעג אָדער דאָס געהיימניס, פערפאסט פאָן י. יזראעלאָוויטש“ (אין פאָרזע־צונגען).

אויף דער דריטער זייט איז א לאנגער העברעאישער שיר אונ־טערן טיטל „הלא צבא לאנוש על הארץ ורהבם עמל ואון“. דאָס איז א פעסימיסטישער פאָעם פון 22 סטראָפעס, צו צווי-דריי ווערטער א פער, געחתמעט: ב. פינקעלשטיין.

דער פאָעם ענדיקט זיך:

„תחת סבל אָנחות
כי ידכה ישוח
הלא טוב לגבר
למצוא בקבר מנוח“..

די פערטע זייט איז בלויז אנאָנסן.

אין נומער 2 פון 6טן פעברואר 1887 איז דאָ אן ארטיקל: „די קהל פערהעלטניססע אין רומעניען“.

זינטן נומער 5 איז געשען אן ענדערונג: דער אונטערטיטל איז שוין קלאָר ארויסגעזאָגט: „אָרגאן פיר ישוב ארץ ישראל, האנדעל אונד פאָליטיק“, הגם שוין אין ערשטן נומער האָט זיך גערעדט וועגן „עמיגראַ־ציאָן“ און „קאָלאָניזאציאָן“, אָבער עס האָט נאָך נישט געמוזט זיין קיין א״י.

איצט פעלט שוין דער נאָמען פונעם רעדאקטאָר.

אין דעם דאָזיקן נומער איז שוין מודיע געוואָרן, אז עס האָט זיך געגרינדעט א „חברה דורש לציון". דאָס ארטיקל איז געחתמעט פון ד"ר נתן קארפיל ליפא. אין נומער 6 איז שוין דאָ אן אויפרוף פון „דאָס פראָוויזאָרישע קאָמיטע" פון „פעראיין פיר ישוב ארץ ישראל פון יאס".

אויך מצד דער רעדאקציע איז אויך דאָ א קורצער מאמר, אז זי שטיצט דעם אויפרוף. דערנאָך הייבט זיך אָן א נייער פעליטאָן: „דאָס שלעכטע קינד, איין היסטאָרישער ראָמאן, פערפאסט פאָן ישראל ארינשטיין".

אָנהייבנדיק פונעם נומער 7 איז רעדוצירט געוואָרן דער יערלעכער אבאָנאמענט-פרייז פאר מיטגלידער פון „דורש לציון", פון 8 אויף 6 פראַנק.

פון דאָזיקן נומער אָן ווערט פארעפנטלעכט א ליסטע מיט די נעמען פון די מיטגלידער פון „דורש לציון".

אין נומער 8 איז פארעפנטלעכט א העברעאישער אויפרוף: „אחנו בני ישראל" אין וועלכן סע ווערט אויפגערופן צו גרינדן פיליאלן פאר ישוב א"י — אונטערן נאָמען „דורש לציון". סע זענען געחתמעט 7 נעמען, בראש מיט ד"ר ליפא.

איך האָב געפונען אין דער אקאדעמיע 10 נומערן פון דער דאָזיקער צייטונג.

29
פורים-בלאט

(ביילאגע צום היועץ נומער 900)

שמחה וששון ליהודים משתה ויום טוב. ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר. וימי הפורים האלה אל יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם.

ערשיינט נאָר פורים. בוקארעשט 25סטער פעברואר 1887.

פאָרמאט: 32/48 צמ, 4 זייטן, 3 קאָלומנעס.

„דאָס פורים-בלאט ערשיינט סאמע אזוי ווי פורים איינמאָל אין יאָר און האָט די אויפגאבע, דורך וויץ, הומאָר, ווערטלעך, רעטעניש,

דעם עולם אויפצוהייטערן צום לאכן און חשק צו עטלעכע גלעזלעך ווייַן צו מאכן. און טויג אפילו נאָך פּורים אויך. אָבער גאַנץ באַשטימט וועגן פּורים, אויף וועלכן די הייליקע מגילה זאָגט: „דען אין דעם טאָג... (אסתר י—ע)".

דער נומער איז געשריבן מיט א שיינעם יידיש, פיל בעסער ווי דער היועץ גופא, און געפינט זיך אין דער אקאדעמיע.

אין תוכן: פּורים-שפּיל, פערזן; קאריקאטורן; שאנד־פלאַץ וועגן יענע וואס צאָלן נישט פאר דער צייטונג...; אנאָנסן.

30

דער פאָלקספריינד

סע זענען דערשינען אין יאס 34 נומערן, אין יאָר 1887, אונטער דער רעדאקציע פון מ. ברוינשטיין (מבש"ן).

איך האָב נישט געפונען קיין איין נומער.

31

דער פאָלקס גאָרטען

סע זענען דערשינען 4 נומערן אין יאָר 1888, אין בוקארעשט, אונטער דער רעדאקציע פון ד"ר ווייטצענבערג.

איך האָב נישט געפונען קיין איין נומער.

32

דער המן טאש

משלוח מנות אן מיינע ווערטהען גלויבענסגענאססען, לפורים דשנת „האח רוח והצלה יעמוד לכל היהודים" תרמ"ח לפ"ק. פערפאסט פאָן אור־עמדראָטאָ.

פרייז 20 באני צור אונטערשטיצונג איינער אנשטענדיגען עמי־
גראנטען.

בוכדרוקערייא י. מ. קליין שטר. גאבראָווען 47.

פאָרמאט 11/18 צמ, 16 זייטן אין א הילע,

די פובליקאַציע אנטהאַלט א ליד, פון 83 סטראָפעס, געחתמעט „דער פערפאסער" און ענדיקט זיך מיט „ב"ה י"ב אדר תרמ"ח (1888) בוקארעשט".

אין דער פעדעראַציע געפינט זיך דער דאָזיקער נומער, דער פסעוודאָנים „אומעררעאָטאָ" איז מיט לאַטיינישע אותיות. מסתמא האָט ע־מעצער, אן עמיגראַנט צי במקום אן עמיגראַנט, געזאמלט געלט אונטער דער פאָרעם פאר צו העלפן עמיגראַנטן.

33

הצופה

„ולקחו עם הארץ איש אחד מקציהם ונתנו אותו להם לצופה (יחזקאל לג־ב)." ערשיינט יעדין שבת. אָרגאן פיר האנדיל, נייעס אונד יודישע אנגע־לעגענהייטען. ערשטער יאָהרגאנג, 1 אויגוסט 1890, ראָמאן, בוכדרוקעריי: וואָלף האבער.

פאָרמאט: 23/34 צמ, 4 זייטן, 3 קאָלומנעס.

אונטערן טיטל „ודבר בעתו מה טוב, דער טאָטנוואַגען אָנשטאָט שולן, שפיטאָלען—האָט זיך געגרינדעט א „קאָמיטעט פאר א טאָדנוואַגען"...

סע ווערט אָנגעגריפן די קהילה, וואָס גיט זיך נישט אָפּ מיט ערנסטערע געזעלשאפטלעכע ענינים, ווי חינוך: „א פירצניעריקער ייִנג קאָן אפילו קיין קדיש נישט זאָגן".

דער נומער 2—3 איז א טאָפּלטער נומער, און מסתמא דער לעצטער. געפונען אין דער אקאַדעמיע.

Das Volksblatt
פאלקסבלאט
פאלקסבלאט

דער המן טאש
משלוח מנות

34
אדיאָ

(דער טיטל מיט לאטיינישע אותיות)

איך פאַרצייכן די דאָזיקע איינמאָליקע אויסגאַבע, וואָס איז דערשינען אין באָטאָשאַן אין יאָר 1890, ווייל איך האָב געזען א פאַקסימיליע וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אויך אין די ייוואָ-בלעטער.

דאָס איז געווען איינע פון די פיר פובליקאַציעס פון די „פוסגייער (אין זעלביקן יאָר איז אויך דערשינען אזא מין איינמאָליקע אויסגאבע „יציאת רומעניע“).

די פובליקאַציע איז געווען א מין קינה אין פערזן: „דאָס ליד פון דעם פעריין עולה רגל, צו זינגען מיט דער מעלאָדיע פון דער יסומה“. (יתומה מיט א סמך...).

איך ציטיר די לעצטע (פינפטע) סטראָפע:

„מיר בעטין אייך אלע ברידער
האָץ מיטלייד אויף אונז אצינד
שטיצט אינז איעדער באזינדער
וויפיעל אייער ארץ גליזט
מיר געהן אזא וואטען וועג
נאָר אויף גאָטס בעראָט
אזוי פיעל וואָכין מיט טעג
ברידער פערלירט קיין מוט“.

ווי סע ווייזט אויס, האָט דאָס „ליד“ געדאַרפט רירן די הערצער פון יענע וואָס האָבן נישט אויסגעוואנדערט כדי זיי זאָלן זיי שטיצן — און פון דער צווייטער זייט האָט עס געדאַרפט מונטערן די פוסגייער גופא.

35
דאָס פאָלקסבלאַטט

דער ערשטער נומער איז דערשינען אין בוקארעשט דעם 10טן אויגוסט 1891.

פאָרמאַט: 27/37 צמ, 8 זייטן, 3 קאָלומנעס.

אין צווייטן יאָרגאנג איז דער פאָרמאט געווען: 35/47 צמ.

צו ערשט איז די צייטונג דערשינען וועכנטלעך, יעדן פרייטיק. דערנאָך איז זי דערשינען צוויי מאָל אין דער וואָך, דינסטיק, מיטן אונטערטיטל: „אָרגאן פיר פּאָליטיק, ליטעראטור, האנדעל אונד אלגעמיינע אינטערעססען דעס יודענטהומס".

קודם זענען געווען די רעדאַקטאָרן און ארויסגעבער די ברידער דאווידעסקו. שפּעטער איז צוגעקומען אויך ל. קאָרנפעלד. דערנאָך איז קאָרנפעלד געבליבן אליין און האָט איבערגעפירט די רעדאקציע קיין יאס (סטראדא קוקו 25).

אין דער יאסער אויסגאבע האָט זיך געענדערט דער אונטערטיטל: „אָרגאן פיר פּאָליטיק, האנדעל, ליטעראטור, וויסענשאפט אונד יודיש-נאציאָנאלע אינטערעססען".

סע האָט זיך אויך געענדערט דער פאָרמאט: 32/44 צמ, 4 זייטן, 4 קאָלומנעס.

דער לעצטער נומער, וואָס איך האָב געזען אין דער פעדעראציע, איז נומער 96 פון פינפטן יאָרגאנג.

דער דאָזיקער נומער הייבט זיך אָן מיט א שיר אונטערן טיטל „חבת ציון", געחתמעט פון ישראל טעללער, גאלאטץ בחודש אייר שנת „בחבת ציון נדגל".

אן ארטיקל אונטערן טיטל „שכל אונד ערפאהרונג" וועגן אן אונטערהאלט-אָוונט פון קראיאָווא צום ניצן פון „ישוב ארץ ישראל" איז געחתמעט „בן-מרדכי" (דאָס הייסט דער רעדאַקטאָר, ל. קאָרנפעלד).

דערנאָך קומען ידיעות פון אין און אויסלאנד, אלגעמיינע און מייסטנס זענען עס פון יידישן אינטערעס. דאָ און דאָרט זענען אויך פאראן טשיקאַווע ידיעות. למשל, פון קאָנסטאנטינאָפּאָל ווערט מיטגעטיילט, אז דעם 15טן אפּריל איז געשטאָרבן דער איטאליענישער קאָנסול אין מערסינא, ראססי, און איז דעם צווייטן טאָג באערדיקט געוואָרן. אין דער זעלביקער נאכט איז געקומען צו לויפן דער שומר פונעם בית-הקברות צו דער פאראַבלטער אלמנה און האָט איר געזאָגט, אז ער האָט געהערט פונעם קבר פון איר מאן א פארשטיקט קול.

די אלמנה איז תיכף ארויס אויפן צווינטער און געלאָזט אויפגראָבן דעם קבר. אזוי האָט מען געפונען דעם מת איבערגעקערט מיטן פנים אראָפּ, מיט די פיס צוזאמענגעקאָרטשעט אין קראמפּהאפטיקע ווײַ-

טיקן. אין די הענט האָט ער געהאַט א ביסל האָר, וואָס ער האָט זיך אויסגעפליקט פון זיין קאָפּ.

די שולד ליגט אויפן דאָקטער, ענדיקט די צייטונג, וועלכער האָט נישט דערקענט. אז דער קראנקער איז געלעגן אין א לעטארגיע און האָט אים דערקלערט פאר טויט...

די צייטונג איז דערשינען ביזן יאָר 1896.

עס האָבן מיטגעארבעט: צ. מעלמאן, א.ש. פרידבערג. ב.י. פרידמאן.

אדמיניסטראטאָר פון דער צייטונג איז געווען: א. פינקעלשטיין. ער האָט אויך געחתמעט דעם הומאָר.

36

ברית עם

דערשינען אין יאס, אין יאָר 1892.

פאָרמאט: 16/25 צמ, 16 זייטן.

דאָס איז נישט געווען קיין יידישע, נאָר א מיסיאָנערישע פובלי־קאציע: „איין מאָנאטסבלאט צור בעלעהרונג אונד אונטערהאלטונג. בע־גרינדעט פאָן פראָפעסאָר גוסטאוו דאַלמאן. הערויסגעגעבען פאָן י.ע. רעזניק און פ. גאַרדאָן“.

ווי מיר וועלן שפעטער מיט כמעט א האלבן יאָרהונדערט זען, איז נאָך דערשינען במשך פון דער גאנצער צייט נאָך איין מיסיאָנערישע פובליקאציע, ארויסגעגעבן אין דער יידישער שפראך — און דערצו נאָך, פאר יענער צייט, א גאנץ שיין יידיש לשון...

37

דאָס נייע פאָלקסבלאטט

וועכענטליכעס אָרגאן פיר פאָליטיק, ליטעראטור, האנדעל אונד אל־געמיינע אינטערעסען דעס יודענטהומס.

הערויסגעבער אונד דירעקטאָר דוב בער סופרין (הד״ס)

דיא פאָלקסשטיממע איזט גאָטטעס שטיממע.

נומער איינס, ערשטער יאָהרגאנג, 17טער מערץ בוקארעשט 1892

דאס
נייע פאלקסבלאט
DAS
NEUE VOLKSBLATT


DER WECKER
דער וועקער

פאָרמאט: 37/54 צמ, 4 זייטן, 4 קאָלומנעס.

אין דאָזיקן ערשטן נומער (ער געפינט זיך אין דער פעדעראַציע. אין דער אקאדעמיע געפינען זיך 4 נומערן) איז דער לייטארטיקל: „אונזער פּראָגראם“, אין וועלכן סע ווערט געזאָגט:

„וואָס וויר ווינשען אונד פערלאנגען מיט אונזער צייטונג האָבען וויר בערייטס ערקלערט אין דעם אלטען פאָלקסבלאטטע. עס ווערע אלזאָ שאדע צייט צו פערליערען אונד נאָכמאלס דיעזעלבע ווערטער צו וויעדערהאָלען. וואָס וויר ווינשען אונד פערלאנגען פאָן אונזערעס פאָלקע, דאָס ווינשט יעדער וואהרע אויפריכטיגע אונד ערנסטע נאציאָנאל-יוד; אין דער ערשטען רייהע: גוטע אָרגאניזירטע געמיינדען (קהלות), וועלכע זאָללען רעפּרעזענטירט ווערדען פאָן אלע קלאססען דעס פאָלקעס, ניכט נור פאָן דיא זאָגענאנטע מיוחסים אונד דעמאגאָגען וועלכע האָבען געגלויבט אז זיי האָבען געערבט (געירשת) דיא יודישע עפּיטראָפּיע פין דיא גראָספּעטער פין דיא אלטע סטארעסטעס, וויא זייא האָבען דעמאָלס געהייסען אין רומעניען. דיא יודישע ארבייטער-קלאססע — וועלכע איז איממער איגנאָרירט אונד פעראכטעט גיוואָרן פאָן דער זאָגענאנטען אריסטאָקראטיע — איזט יעצט אויפגעשטאנדען, ערוואכט פאָם שלאפע. יודישע האנדווערקער האָבען דיא וואהרהייט ערפאהרען, דאָס זיי ברינגען פיעל מעהר נוטצען דער מענשליכען געזעללשאפט אלס דיא אללע פּיסטע מיוחסים, שארלאטאנעס, לעדיגגעהערס, וועלכע האָבען איממער געזוכט דאָס פאָלק צו עקספּלאָאטירען אונד זיך ערנעהרען פאָם פרעמדע מיהע אונד פּלאגע. פאָלגליך ווארום זאָלען דיא עהרליכע אויפריכטיגע ארבייטער ניכט האָבען איהרע אייגענע רעפּרעזענטאנטען אין דער יודישען קאָמונע?...“

ווען איך זאָל היינט פארעפנטלעכן אזא „רעוואָלוציאָנערן“ פּראָגראם, וואָלט מען מיך נישט גענומען ערנסט, אויך ווען דאָס דערשיינט אין א סאָציאליסטיש לאנד. מע וועט זאָגן, אז דאָס איז פון מיין זייט נישט מער ווי דעמאגאָגיע, צי איך האָב עס געמוזט אזוי שרייבן צוליב פּאָליטישע טעמים, כדי סע זאָל קאָנען דערשיינען אין א מלוכה-פאַרלאג... וואָס זאָלן מיר זאָגן צו יענעם רעדאקטאָר, וועלכער האָט עס געשריבן דעמאָלט?

אגב, איז סופרין שוין געווען באקאנט, נאָך צוריק מיט 10 יאָר, ווען ער האָט ארויסגעגעבן „די יודישע פּרעסע“, פאר איינעם וואָס שיט פּעך און שוועבל אויף די קהילה-אפּיטרופּסים. אָבער פון דער אנדערער זייט, האָט ער איצט, אין דעם נומער 6 פון „דאָס נייע פאָלקס-

בלאט" זיך אָנגענומען די קריוודע פונעם מלבים, ווען סע בילד סע דערשײנט אין צענטער פון דער זײט און אונטן איז געשריבן: „הרב המה"ג ר' מאיר ליביש מלבים ז"ל". אויף דער דריטער זײט איז די דערקלערונג צו דער אילוסטראַציע, אין וועלכער סע ווערט דערציילט א קורצע ביאָגראַפיע פונעם בוקארעשטער רב צווישן די יאָרן 1859 — 1864. סע ווערט צוגעזאָגט אז אין די קומענדיקע נומערן וועט ווערן פארעפנטלעכט א באשרײבונג „דיא געהײמניססע פאָן בוקארעשט", וועגן די צרות וואָס יענער רב האָט געהאט איבערצוטראָגן אין בוקארעשט.

סע ווערן אָנגעגעבן די מיטארבעטער אין אויסלאנד: „גאָלדפאדען, ליגעצקי, שמ"ר, דינעזאָהן, שלום עליכם אונד דיא עהרענהאפטעסטע משכילים דעס אינלאנדעס: ווי החה"ש הלל כהנא, מ.ש. ראבענער, ישראל טעללער, מ. בירנבוים, ד"ר באכער גאָלדרינג, י.מ. האָלענדער, דוד כהנא, סג"ל עטצ."

אויף דער צווייטער זײט פונעם נומער איז פארעפנטלעכט א העברעאישער שיר, אַן אקראָסטיך „לוית חן" פון מתתיהו שמחה ראבע־נער. די אותיות פון די אָנהײב שורות זענען „דובער סופרין".

פאַראַן א ליד, אין פּאָרזעצונגען "דער קיטטעל" פון ה. ליבערעסקו.

אויף דער דריטער זײט איז פארעפנטלעכט א פאראָדיע אויף די י"ג עקרים פונעם רמבם, א זאפטיקע סאטירע פון 13 פרינציפּן, געחתמעט סנפיר (מסתמא איז עס "סופרין"). עס איז גײסטרײך, מיט א ביסל פעפער און זאַלץ...

דערנאָך איז פארעפנטלעכט א בריוו אין פערזן פון א. גאָלדפאדען צום רעדאקטאָר, אונטערן טיטל "א יוד זאָלסטו זײַן!".

אין בריווקאסטן ווערט אויפגעקלערט, פאר וואָס עס האָט זיך כונאַנ־דערגעטײלט דאָס נײַע פּאָלקסבלאט.

הגם, אין אלטן פּאָלקסבלאט האָט סופרין נישט פיגורירט ווי א רע־דאקטאָר, האָט ער מסתמא דאָרט ביז איצט מיטגעארבעט.

אזוי האָט מען נישט געוואוסט, אז א צײַט האָט סופרין רעדאגירט אויף דעם היועץ. ערשט ווען ער האָט זיך מסתמא צעקריגט מיט דער רע־דאקציע, ערשט דעמאָלט איז דערשינען אין נומער 221 פון 5טן יולי 1880 פּאָלגנדיקע מודעה: „היות הער בערל סופרין, וועלכער האָט רעדאגירט די צײַטונג במשך דער שווערער קראנקײט פונעם רעדאקטאָר, זענען זײַנע בריוו געווען אדרעסירט צו דער רעדאקציע, אָבער איצט איז ער „ענט־לאסען" געוואָרן און די אדמיניסטראציע ווײסט נישט וואו ער געפינט זיך,

אז מע זאָל אים צושיקן זיינע פּריוואַטע בריוו, זאָל מען זיי אדרעסירן צו אים דירעקט".

אין 16טן יולי ווערט ווידער געזאָגט אין היועץ, אז: „עזרא הסופר" וואָס חתמעט ארטיקלען איז נישט „דער הער בערל סופרין אונזערער גע- וועזענער מיטארבייטער".

אזוי, אז מעגלעך האָט ער אויך איצט געארבעט אין דער רעדאקציע און זיין נאָמען איז נישט געווען צווישן די רעדאקטאָרן.

דער אופן פון פארעפנטלעכן בילדער פון רבנים איז פאָרגעזעצט געוואָרן אויך אין די קומענדיקע נומערן (ביז 4), וואָס איך האָב געזען.

סע זענען געווען געחתמעט אונטער ארטיקלען אויך: מ. בירנבוים, ליברעסקו.

38

דער פאָלקס דאָלמעטשער

וועכענטליכעס אָרגאן פיר פאמיליע, ליטעראטור, האנדעל, פאָליטיק אונד אללגעמיינע אינטערעססען דעס יודענטהומס.

דערשינען אין ראמאן, צווישן 28 יאנואר און 26 פעברואר 1894.

פאָרמאט: 30/43 צמ.

איך האָב נישט געפונען קיין איין נומער.

39

דיא יודישע פאָסט

וועכענטליכעס בלאטט פיר אללגעמיינע אינטערעססען דעס יו- דענטומס.

ערשיינט דורך ישראל קונאָוויטש. יעדען פרייטאָג.

דערשינען אין יאס צווישן 3טן פעברואר און 3טן מערץ 1895.

פאָרמאט: 27/37 צמ, 4 זייטן, 3 קאָלומנעס.

אין ערשטן נומער: 1). וואָס ברענגט דיא יודישע פּאָסט?; גר בארץ נכריה (י. קונאָוויטש); די לאגע פון פרעמדע אין לאנד (וועגן ערדארבעט אין ארץ ישראל).

2). יודישע אינטערעסען; וויכטיגע מיטטיילונגען.

3). וואָט הערט זיך נייעס?; אינלאנד, אויסלאנד; לפרשת יתרו; פאבעל; תלמודישע שפּריכווערטער.

4). אנאָנסען.

דער נומער 3-4 האָט שוין א ביסל א גרעסערן פאָרמאט: 28/38 צמ.

1). די יאסער געמיינדע;

2). אויפרוף פון פרעזידענט פון „חובבי ציון", שמואל פּינילעש. פעליטאָן פון יל"ק (אפשר איז עס קונאָוויטש?).

אין נומער 4: איז דאָ א קאָרעספּאָנדענץ פון פינקעלשטיין, אז „מיכל עזיאל איננו" (געשטאָרבן אין 1טן מערץ 1895, דער רעדאקטאָר פון היועץ).

די דאָזיקע נומערן האָב איך געפונען אין דער פעדעראציע.

40

בוקארעשטער איזראעליט

וואָכענשריפט דער אונטערהאלטונג אונד דער וויססענשאפט.
ערשיינט יעדען פרייטאַג פאָן ש. טריימאַך.

איך האָב געפונען אין דער אקאדעמיע איין נומער פון דער דאָזי-קער צייטונג:

נומער 1, ערשטער יאָרגאנג. 29סטער מערץ 1895, בוקארעשט.

פאָרמאט: 16/24 צמ, 16 זייטן.

פונעם אינהאלט:

1), געשיכטע דער יודען, פרייא בעארבייטעטער אויסצוג פאָן פּראָפעסאָר דאָקטאָר ה. גרעטץ גראָסעס ווערקע (אין פאָרזעצונגען);

2). דאָס שלאָס דעס שרעקענס. ראָמאן פאָן דעם פראנצאָזישען איבערזעצט פאָן לעאָפּאָלד שטאפּעלא;

3). די ערדע, פאָן מעהרערע ווערקע הערויסגענאָממען;

4). די עלעקטריציטעט, איהרע קראפט אונד געברויך, פאָן דען בעסטען פיזיק ווערקען בעארבייטעט;

5). פערמישטע נייעגקייטען;

6). קורזוס דער פראנצעזישען שפראכע.

צום סוף איז דאָ א מודעה:

„אן מיינע עדלע הערען אבאָנאמענטען דיא איהר מיך צור העראויסגאבע מיינעם דראמא'ס „דוד" אונטערשטיטצטען; דאָ אבער דיע רייזע-שפעזען דאָס געלד גרעסטענטיילס פערצעהרט דאסס איך דאס זעלבע ניכט צושטאנדע ברינגען קאָנען, זאָ שיקע איך יעדען הערען פיר זיין געלד דיעזע וואָכענשריפט צוא, אונד האָפע דאָס איהר מיך מיט אייערעם וואָהלוואָללען אונטערשטיטצען, אום מיר יעדער אין זיינער שטאדט קאָנקורס צו געבען, וואָפיר יעדעם מיין אינניגסטער דאנק ערטיילט ווירד",

41

דער גראגער

א פורים-אויסגאבע, וואָס איז דערשינען אין בוקארעשט אין יאָר 1895.

פאָרמאט: 33/48 צמ.

איך האָב דעם נומער נישט געפונען. אָבער איך וועל פארצייכענען, אז איך האָב געפונען אין דער אקאדעמיע א נומער „דער גראגער" וואָס איז דערשינען אין יאָר 1923, אין דער שטאָט טעקוטש — אָבער דער נומער האָט בלויז א יידישן נאָמען, אָבער דער תוכן איז אין דער רומענישער שפראך.

אזוי האָב איך אויך געפונען א נומער „התחיה" פונעם יאָר 1925, וואָס איז דערשינען אין דאָראָהאָי — אָבער אין דער רומענישער שפראך...

42

דער וואהרע היועץ לבית ישראל ברומניע

מיטן מאָטאָ: „פלא יועץ אל גבור אבי עד שר שלום״.

מיר האָבן אויבן, ווען סע האָט זיך גערעדט וועגן „היועץ״ אָנ־געוויזן כמעט אלץ, וואָס מיר האָבן געהאט צו זאָגן וועגן דער דאָזיקער צייטונג, וואָס האָט מאריך ימים געווען, א פערציק יאָר, איצט וועלן מיר בלויז צוגעבן, פאר וואָס סע האָט זיך געביטן דער טיטל און פון סתם „היועץ״ איז געוואָרן „דער וואהרע היועץ״.

אין מערץ 1885 האָט זיך די רעדאקציע צעטיילט, נאָכן שטאַר־בן פון איר רעדאקטאָר יחיאל מיכל עזיאל, מסתמא וועגן ירושה־סיכסו־כים, און אחוץ דעם היועץ, וואָס איז א צייט אָנגעפירט געוואָרן דורך דער אלמנה פון י. מ. עזיאל, איז דערשינען „דער וואהרע היועץ״ אונ־טער דער רעדאקציע פונעם זון, יאָזעף עזיאל.

וויפל צייט ס׳ זענען דערשינעןביידע צייטונגען, פאראלעל, ווייס איך היינט נישט צו זאָגן. איך האָב נישט געזען קיין פאראלעלע נומערן אָבער אז זיי זענען דערשינען כאָטש א קורצע צייט גלייכצייטיק, דאָס האָב איך געפונען אין דער בראָשור „דריטע גענעראל־פאַרזאמלונג, חובבי־ציון אין רומעניען״, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 14־15טן אפריל 1897 אין גאלאץ. דאָרט אויף זייט 12 איז אויסגערעכנט די פרעסע, וואָס איז געווען פארטרעטן דורך: ה׳ יאָזעפזאָהן פאר היועץ ישן און יאָזעף עזיאל פאַרן וואהרע היועץ. די דאָזיקע בראָשור איז דערשינען אין יאָר 1897.

אָבער מיט דער צייט איז דער „היועץ״ מער נישט דערשינען און עס איז געבליבן „דער וואהרע היועץ״, וועלכער האָט געהאט דעם אונ־טערטיטל: „געגרינדעט פון אדוני אבי המנוח ,מיכל עזיאל׳ ז״ל אים 12 יוני 1874״

אין דער דאָזיקער צייטונג האָבן מיטגעאַרבעט אלע יענע וואָס האָבן געקאָנט שרייבן יידיש: א. ד. ראָזען, יצחק אגענט, פריילײן עזיאל מאקס יוסטער, ראפאָפאָרט, אנטשעל שלאָמאָוויטש, ישראל שעכטער, ד״ר ווײנשטאָק, ב. סארעף, ד״ר ראבינאָוויטש, ד״ר נימעראָווער, ס. ראבינ־סאָן, לאזאר כתבן, ד״ר בלאָך, יצחק כהנא, נפתלי פאָפער, יאקאָבזאָן,

יוספזאָן, חיים-זעליק דרוקער, קאָרנפעלד, ד״ר שוואַרצפעלד, דוב סופרין א. רוקח, ב. כהנא און פיל אנדערע.

דער „היועץ" צי „דער וואהרע היועץ" האָבן אנטוויקלט א ברייטע פארלעגערישע טעטיקייט, סיי צו דרוקן בראָשורן, ביכלעך, און אויך איינמאָליקע אויסגאַבעס לכבוד א יום-טוב. יענע אויסגאַבעס וואָס איך האָב געהאט וועגן זיי א ידיעה האָב איך אויך פארצייכנט, איינע פון די דאָזיקע אויסגאַבעס, וועל איך דאָ דערמאָנען, הגם כראָנאָלאָגיש וואָלט עס געדארפט פארצייכנט ווערן שפעטער:

43

פאָלקס שטימע

סופלימענט לא „היועץ" נומ. 1078.

פאָרמאַט 27/37, 4 ז' 3 קאָלומנעס.

דאָס איז א ספעציעלע ביילאגע, א פאשקוויל קעגן דעם נאָרימטן חזן בערל וולאַדאָווסקי, וועלכער איז נאָר וואָס אויפגענומען געוואָרן צו זיין חזן אין דער בוקארעשטער גרויסער שיל.

נאָר איידער אריינצוגיין אין תוכן פון דאָזיקן נומער, וועל איך פעסטשטעלן אז דער „היועץ" נומער 1078 איז דערשינען דעם 26סטן נאָוועמבער 1888, בעת די „פאָלקס שטימע" פארעפנטלעכט אויף דער פערטער זייט א מודעה: „עס ווירד היערמיט בעקאַנט געמאַכט, דאַסס פרייטאָג דען 39טען אונד זאַמסטאַג דען 30טען סעפטעמבער 1906 ווירד מאַן זעהען קענען אין צירקוס סידאָלי ירושלים — ארץ ישראל נעבן אַנדערע מערקווירדיגקייטען פאָם הייליגען לאַנדע...

...דיעזע פאָרשטעלונגען זינד ניכט ווי ביים פאָטאָפלאַסטיקום. וויא אללעס נור אלס פאָטאָגראַפיע געצייגט ווירד: דער קינאָמאַטאָגראַף צייגט אונז אללעס לעבענד, וויר זעהען אללעס גענוי זאָ ווי איר דאָרט ווערען. דאָס גאַנצע לעבען אויף דען שטראַססען, דען גאַנצען האַנדעל, אללעס לעבט, אללעס בעוועגט זיך".

איז דאָך פון דאָזיקן אַנאָנס צו זען אז די צייטונג איז דערשינען שפעטער מיט 18 יאָר ווי יענער נומער פונעם „היועץ".

„היועץ“ נומער 1078 האָט קיין שום שייכות נישט צום חזן וואָ-דאָווסקי. יאָ, אין לייטארטיקל איז יאָ פאַראַן א קעגנערשאַפט צו א כלי-קודש, אָבער נישט צום חזן, נאָר צו א שוחט. אונטערן טיטל „ר׳ וועל-וויל דער באביס“, ווערט געזאָגט: „מיר האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן אי-בער די שוחטים און האָבן געוואָלט זיי אַנידערשטעלן אין דער גאַנץ לעבנסגרעסע בלי משא פנים, און האָבן צוגלייך געוואָלט צייגן אז זיי זענען גאָר אזוי פיל נישט שולדיק. די שולד קומט פון אן אנדערער זייט. צום אומגליק אָדער בעסער געזאָגט צו זייער גליק, איז אריינגע-טרעטן חנוכה. נו, וויל דאָך א ייד א ביסל הערן פון די בני מתתיהו און פון דעם דריידל, ווארן אין אמת אריין איז די גאַנצע וועלט א דריידל, אָדער א גלגל החוזר בעולם, יעצט האָבן מיר געמיינט אז מיר וועלן שוין קענען זיך נעמען צו דער שוחטים-פראַגע. קומט אונדז אָן א בריוו פון ארץ ישראל, און א בריוו וואָס האָט אונדז באמת איבערראַשט, האָבן מיר דעם פאָרצוגג געגעבן ארץ ישראל און האָפן, ערשט שפּע-טער פון אונדזער ליבלינגספראַגע צו רעדן. דער בריוו לויטעט אזוי:...“

דער דאָזיקער ציטאַט ווייזט טאַקע, אז די רעדאַקציע האָט זיך גע-וואָלט אָפּגעבן מיט די כלי-קודש, אָבער — דאָס לשון און דער סטיל פון דאָזיקן ארטיקל (הגם מיט אונדזער אָרטאָגראַפיע!) איז אזוי ווייט ביז צום לשון פון דער „ביילאַגע“, אז מע קאָן נישט געפינען קיין פארגלייך.

אגב וויל איך באַמערקן, אז בכלל איז אין „היועץ“ געווען א מנהג, אז טייל מודעות זענען געווען פיל מער פארדייטשמערישט ווי די אר-טיקלען. און פאַרקערט. נאָך מער, אויך די ארטיקלען זענען נישט געווען קיין איינפאָרמיקע, סע זענען געווען גרויסע אינטערשיידן צווישן די אר-טיקלען. דאָס איז געווען אָפּהענגיק סיי אין מחבר פונעם ארטיקל, סיי אין דעם פעריאָד, ווען עס איז דערשינען, ווער עס איז דעמאָלט געווען דער אמתדיקער רעדאַקטאָר.

זוכנדיק דעם נומער 1078 פון „דער וואהרע היועץ“, וואָס איז דער-שינען דעם 27סטן סעפּטעמבער 1906, האָב איך טאַקע געטראָפן אז אויף דער ערשטער זייט, אונטן, איז צו לייענען אויף רומעניש: „קו סופּלי-מענט“, וואָס איז טייטש אז דער נומער האָט א ביילאַגע.

וואָס שייך דעם וואָרט „היועץ“ איז עס שוין אזוי אריין אין טעג-לעכן לשון, הגם דער „היועץ“ איז שוין דעמאָלט נישט דערשינען, נאָר אונטערן נייעם נאָמען פון „דער וואהרע היועץ“.

דער גאַנצער נומער „פאָלקס שטימע", כמעט אלע 4 זייטן, באַ־שטייען פון איין איינציק ארטיקל, אונטערן טיטל „דיא נייע מאָדע !", אין וועלכן סע ווערן אויסגערעכנט די חטאים פונעם חזן וולאַדאָווסקי, אויס־גערעכנט נומערירט פון איינס ביז 10; „מיר האָבן די ערשטע 10 פעלער דעם חזן וולאַדאָווסקיס געבראַכט, קעגן די עשר מכות מצרים, די אנ־דערע 10 גראָבהייטן קעגן די עשרה הרוגי מלכות. אָבער דאָס אלעס איז ווירקלעך ערשט נאָר דער 10טער טייל פון זיינע מעלות רעות".

וואָס ווערט נישט פירגעוואָרפן דעם חזן וולאַדאָווסקי?! סע ווערן אויסגערעכנט מיט איינצלהייטן אוממאָראַלישע מעשים, דערנאָך אז ער איז געווען א בעל־עגלה, אז ער איז געווען אין אָדעס אן אקטיאָר און געשפּילט אין גאָלדפאַדענס טרופּע ביי דער פּיעסע „שולמית" די קליינע ראָל פון „יואב הגידעוני"...

סע ווערט אים אויך פירגעוואָרפן אז ער, פּאָרט ארום אין די מאָל־דעווישע שטעטלעך דאַוונען ווי יעוועלכער חזן פון א מאָלדעוויש שי־לעכל, איזט דאָס פּאַסענד פאַר דער בוקארעשטער גרויסער שיל?"

צום סוף קומט דער גרעסטער פירוואָרף, וואָס מע האָט דעמאָלט אין יענער צייט געקאָנט זאָגן אין רומעניע, אז „ער איז א פרעמדער"... דאָס האָט מען דאָך פירגעוואָרפן פאַר אלע יידן, אז זיי זענען „פרעמדע", „צוגעקומענע". איז פאַר וואָס זאָל מען עס נישט פירווארפן (אמת, די אנטיסעמיטן מאַכן אזא פירוואָרף פאַר די רומענישע יידן!) פאַר א „צו־געקומענעם" חזן?!

„בוקארעשטער! מיר האָבן אונדזער שטימע דורך דער פעדער, קעגן דעם גרויסן באַגאַנגענעם אונרעכט, נישט אויס שלעכטיקייט אָדער קנאה, שנאה, ערהאָבן. ניין, ח"ו. מיר האָבן עס געטון נאָר אויס הערץ רייסן, ווייל מיר זענען בוקארעשטער געבוירענע... וואו אונדזערע אורעל־טערן און אנפּארוואַנדטע האָבן זייער געבעט צו גאָט פּאַררילכטעט, זיך פאַר דעם הייליקן הויז געאָפּפערט, מאָראַליש, מאַטעריעליש, וואָס איר הייטיקע באַזוכערס ווירד עס צוגעבן, דאָס דער גרעסטער טייל דיעזן הייליקן הויזעס האָט איר פון די אלטע געפונען, זאָל הייטע מקיים ווערן דער „בא זר במקדשך", א פרעמדער האָט דיין הייליקטום איבער־טרעטן".

אונטערגעחתמעט איז דער ארטיקל „דאָס פאָלק", מסתמה דערפאַר איז דאָס א „פאָלקס שטימע"...

צוליב וואָס האָב איך מאריך געווען מיט דער דאָזיקער ביילאגע־אויסגאבע? כדי צו זען, וואָס פאר א דאגות מע האָט דעמאָלט געהאט צווישן יידן, און אויף וואָס מע האָט אויסגעברענגט געלט צו דרוקן אזא מין פאשקוויל — און אויך א ביסל פונעם סטיל פון יענער צייט...

44

דער קאָמפאס

פארטרעט יודישע מענשליכע. סאָציאליסטישע אידעען און אינ־טערעססען.

דערשינען וועכנטלעך, קודם אין בראילא און שפעטער איבערגע־פירט קיין בוקארעשט אין יאָר 1896.

פאָרמאט: 33/48 צמ.

עס איז גענוג צו זאָגן, אז דער רעדאקטאָר איז געווען אלעזר רוקח און אפטער כדי צו פארשטיין אז די צייטונג איז געווען א ציו־ניסטישע.

איך האָב נישט געפונען קיין עקזעמפלאר פון דער צייטונג.

45

דער וועקקער

התעוררו, התעוררו כי בא אורך.
ערוואך, ערוואך דאָס ליכט קאָמט.
אָרגאן דער טאָציאל־דעמאָקראטישן גרופפע „לומינא״
ערשיינט יעדען פרייטאָג.

פאָרמאט: 33/48 צמ.

דער ערשטער נומער איז דערשינען אין יאס, דעם 1טן מאי 1896.
איך האָב נישט געפונען קיין איין נומער, אָבער פונעם פאקסימיל קאָן מען ארויסלייענען דעם ציל פון דער דאָזיקער, ערשטער צייטונג, וואָס האָט זיך אָנגענומען די קריוודעס פון די באַעוולעטע:

אין לייטאַרטיקל ווערט געזאָגט:

„נישט פאַר די רייכע, נישט פאַר די געזעטיקטע נגידים, נישט פאַר יענע וואָס האָבן גענוג מיטל זיך און זייערע קינדער אויסצובילדן, זאָגנדערן אָן אייך, יידישע ארבעטער! איר וואָס טראָגט פון דור דורות די קייטן דער ארמוט און נויט. אָן אייך ווענדט זיך דער וועקקער, איי־ערע צרות און אייער טרויריקע לאגע וויל ער באשרייבן, אום אייך גע־רעכטיקייט צו פארשאפן, וויל ער זיינע שטימע ערהעבן. אונד ווי איר אייך פון דער קנעכטשאפט באפרייען קענט, וויל ער אייך דעם וועג צייגן" (אונדזער ארטאגראפיע).

די רעדאַקטאָרן פון דער צייטונג זענען געווען די זעלביקע, וואָס פון דער רומענישער צייטונג „לומינא" (ליכט): מאַקס וועקסלער, ד"ר ליטמאַן געלערטער און לעאָן געלער. אזוי ווי זיי האָבן נישט געקאָנט שרייבן קיין יידיש — און דאָך האָבן זיי דערפילט, אז אנדערש וועלן זיי נישט דערגרייכן צום אָרעמען און בעל־מלאכה, האָבן זיי גענומען צו הילף דעם העברעאיש־יידישן לערער, זיידל העלמאַן, וועלכער האָט אי־בערגעזעצט די ארטיקלען פון רומעניש צי דייטש. ער האָט געמאַכט די קאָרעקטור, און שפּעטער ווען די מחברים האָבן זיך שוין אליין אָנגע־הויבן „דערמאַנען" פון די קינדער־יאָרן זייער יידיש־לשון, האָט ער זיי אויסגעבעסערט.

העלמאַן האָט געאַרבעט מיט פלייס, הגם ער איז נישט געווען קיין סאָציאַליסט. אים האָט אָבער צוגעצויגן די מלאכה, וואָס ער האָט ליב געהאַט. ער האָט אזוי ארום געהאַט די געלעגנהייט אָפּצודרוקן אויך פון זיינע „פּאָעזיעס".

שוין אין ערשטן נומער האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין ליד „רכב וצלח", אין וועלכן ער באַזינגט דאָס דערשיינען פונעם „וועקקער". דאָס ליד איז אַן אקראָסטיך, די אותיות פון די אָנהייב־שורות שטעלן צוזאַ־מען דעם נאָמען פון דער צייטונג: „דער וועקקער".

טייל מחברים, ווען זיי האָבן געשריבן ווען אַט דער ערשטער סאָציאַליסטישער צייטונג פון רומעניע, האָבן געזוכט דעם מקור פארן טיטל פון דער צייטונג. לויט מיין מיינונג איז עס גענומען פון דער דעמאָלטיקער רומענישער פרעסע. סע זענען געווען אָפטע נעמען „דעש־טעפּטאַרעא", דאָס הייסט „דערוועקונג". פון דאָ ביז צו דער סאָציאַליס־טישער גרופּע „לומינא" (ווי געזאָגט, ליכט!), דאַרף מען מאַכן בלויז איין שפּאַן, כדי צו נעמען ווי דעמאָלט איז געווען דער מנהג, פאַר א

מאַטאָ, דעם פערז פון שבתדיקן שיר „לכה דודי“, וועלכער מאכט פאר־בינדונג צווישן וואָרט דערוועקן און ליכט. אזוי האָט געקאָנט געבוירן ווערן אויך דער טיטל „דער וועקקער“.

עס איז כדאי צו באמערקן, אז הגם א ראדיקאלע צייטונג, האָט זי אָבער דאָך נישט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פונעם משכּילישן העברעאישן מאָטאָ פאר זייער צייטונג.

און נאָך עפּעס — הגם די צייטונג האָט זיך אָפן ארויסגעזאָגט קעגן ציוניזם, קעגן ישוב ארץ־ישראל, האָבן זיי אָבער געפּרעדיקט „ריינעם נאציאָנאליזמוס“:

„כאָטשבי מיר זענען אינטערנאציאָנאל, וויר זאָגן דאָס אלע פעל־קער אָנע אונטערשיד פון נאציאָן אונד רעליגיאָן דארפן זיין ברידערלעך פאראייניקט, זאָ פארוואַרפן וויר דאָך נישט דעם ריינעם נאציאָנאליזמוס. מיט דעם, וואָס מיר זענען אינטערנאציאָנאלע סאָציאל־דעמאָקראטן, הערן מיר נישט אויף צו זיין אויך יידן. דען דער מענטש, וואָס קען זיך נישט עמפּאָר הייבן, אום זיין פאָלק פון דעם וואָס ער שטאמט, צו ליבן, פאר דעם זיך צו אָפּפערן, דער קאָן נאָך ווייניקער זיין זאָ אידעאליסטיש, אום זיך פאר פרעמדע צו אָפּפערן. אונד עבן אזוי ווי איין מענטש, ווען ער באפריינדט זיך מיט מערערע אנדערע, הערט ער נישט אויף, זיין פאמי־ליע, עלטערן, קינדער, ברידער צו ליבן, זאָ איזט אויך מיט דעם פאָלק דער וואָס איז אינטערנאציאָנאל, וואָס ליבט אלע פעלקער, הערט נישט אויף אויך זיין פאָלק צו ליבן...“

אָבער די קלאסן־אינטערעסן האָבן תמיד געהאט די בכורה:

„די יידישע נאציאָן צו פארטיידיקן אונד פאר איר צו קעמפן דאָרט, וואו זי ווירד פּאָליטיש אונטערדריקט. דאָרט, וואו זי ווירד פון מענטשנרעכט בארויבט, אונד אים אלגעמיינעם פאר פרייהייט און גלייכ־הייט, ווייל דאָרט וואו איין קלאסע וויל די אנדערע אויסבייטן, דאָרט האָט די ברידערשאפט באלד אויפגעהערט“.

איך האָב געבראכט, מיט אונדזער אָרטאָגראפיע, עטלעכע שורות, כדי צו זען די פּאָליטישע ליניע פון דער גרופּע „לומינא“, וועלכע האָט זיך פּרינציפּיעל אויסגעשיידט פון דער אָפיציעלער ליניע פון די דעמאָלטיקע סאָציאל־דעמאָקראטישע (רומענישע) מנהיגים, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאָדערן גלייכבארעכטיקונג פאר די יידישע בירגער, כדי סע זאָל חלילה דערפון נישט געניסן אויך דער יידישער „קאפּיטא־ליסט“. איז צוליב דעם הייליקן „קלאסן־פּרינציפּ“ האָט מען מקריב גע־

ווען דעם יושר-פרינציפּ, אויך פאר די נישט-קאַפּיטאַליסטן, נאָר פּשוטע אָרעמע יידישע בעל-מלאכות...

די דערמאָנטע גרופּע, די רעדאַקטאָרן פון דער רומענישער צייטונג „לומינא" האָבן אָפן ארויסגעזאָגט זייער אני-מאמין, וואָס איז געווען אין סתירה צו די רומענישע מנהיגים פון דער פּארטיי. אזוי למשל, האָט מאַקס וועקסלער געשריבן אין א לענגערן וויכוח-ארטיקל:

„איך שטעל זיך נישט אנטקעגן דער אסימילאַציע, איך וואָלט פאַרקערט גערן רעקאָמאַנדירט, אז פעלקער זאָלן זיך אסימילירן און צונויפגיסן. עס וואָלט זייער שיין געווען, ווען עס זאָל אויף דעם אופן נעמען א סוף צו דער שינאה צווישן דער רומענישער און יידישער נאציע; עס וואָלט גוט געווען, אז די זעלביקע מנהגים, די זעלביקע שפראַך, די זעלביקע אידעאַלן זאָלן פאַראייניקןביידע פעלקער. אָבער צום באַדויערן האָבן זיך די נאַציעס זייער אייגענע אָרגאַנישע אנטוויקלונג, וועלכע לאָזט זיך נישט בייטן לויטן גוטן ווילן פון איין צד, אָדער לויטן שלעכטן ווילן פון אַן אנדערן צד, פאָדערן פון א נאַציע זיך צו אסימילירן הייסט שטערן איר אין דער פרייהייט פון אנטוויקלונג".

מאַקס וועקסלער פאַראורטיילט די „פאַררעטערס", וואָס פאַרלאָזן זייער נאַציע גראָד דעמאָלט ווען זי ווערט גערודפט, און קומט צו דער מסקנה:

„נישט פאַלעסטינע איז מיין פאָטערלאַנד, נאָר רומעניע; נישט די ביבל און תלמוד זענען מיין גלויבן — איך בין א סאָציאַל-דעמאָקראַט, א מאַרקסיסט. אָבער היות ווי איך טראָג דעם אייגענעם גורל ווי יענע נאַציע, פון וועלכער איך קום ארויס, היות ווי איך בין צוזאַמען מיט מיין פאָלק געשטעלט אין דער זעלביקער אויסנעם-פּאָזיציע, פיל איך זיך סאָלידאַריש מיט מיין פאָלק און איך וועל תמיד שטיין אויף זיין זייט. איך פיל אין זיך דעם חוב צו זאָגן: איך בין אויך א ייד!".

אָט די שאַרפע חילוקי דעותן מיט די מנהיגים, די אָפיציעלע רומענישע מנהיגים, האָט געבראַכט, אז פון איין זייט זאָל זיך צעפאַלן די גאַנצע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. די מנהיגים האָבן גאַנץ פּשוט פאַרראַטן די אידעע פון סאָציאַליזם און זיך אליין אויפגעלעזט, און אריבער צו דער בירגערלעכער ליבעראַלער פּארטיי, וועלכע וואָלט מכלומרשט געקעמפט פאַר די זעלביקע צילן... די יידישע גרופּע ווידער, האָט פאָרגעזעצט איר קאַמף — אָבער די מיטלען האָבן געפעלט ממשיך צו זיין.

דער לעצטער נומער פונעם „דער וועקקער" איז דערשינען דעם 27סטן סעפטעמבער 1897.

אמת, די פארטיי-וויכוחים זענען נישט אפגעשפיגלט געווארן אין די ארטיקלען פון „וועקקער". די רעדאקטארן האבן געוואלט שוינען דעם יידישן לייענער וועגן די רייסערייען אין די סאציאליסטישע רייען, וואס וואלט געקאנט ווארפן א שאטן אויפן סאציאליסטישן אידעאל, וואס איז כאר-שוועכט צוליב אזעלכע וויכוחים.

אזוי האט געענדיקט דאס דערשיינען פונעם ערשטן ראדיקאלן אר-גאן אין יידיש פון רומעניע.

כדי מיר זאלן זיך אפגעבן חשבון פון די ראנגלענישן פאר איר עקזיסטענץ וועל איך ברענגען דאס עדותשאפט טאקע פון דער צייטונג גופא.

אין נומער 23 פון 27 סעפטעמבער 1896 דערשיינט אן ארטיקל, אין וועלכן די רעדאקציע שילדערט אירע שוועריקייטן. „די 400 אבא-נענטן צאלן נישט און מחמת דעם וועט זי מוזן אונטערברעכן דאס דער-שיינען אויף איין חודש." סע ווערט אבער צוגעזאגט, אז זי וועט ווידער דערשיינען אנהייבנדיק פונעם 1טן נאוועמבער.

ליידער איז דאס געווען דער לעצטער נומער.

ווי מיר וועלן זען, איז די צייטונג אויפגעשטאנען תחיית המתים, אבער שפעטער מיט א 20 יאר.

46

דער ריכטיגע קאמפאס

פערטרעטע יודישע, מענשליכע סאציאליסטישע אידעען און אינ-טערעססען.

דערשינען וועכנטלעך אין בוקארעשט.

דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 11טן יוני 1897.

איך האב נישט געפונען קיין איין עקזעמפלאר פון דער דאזיקער אויסגאבע.

47

אהבת ציון

אָרגאַן דיא ציאָניסטישע אידעע צו ערוועקען. פּאַרטרעט אויך דיא אַללגעמיינע יודישע אינטערעססע פאָן אינ- אונד אויסלאַנדע.

ערשיינט צוויי מאָהל מאָנאַטליך. רעדאַקטירט פאָן איין קאָמיטעט. דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 28סטן פעברואר 1898 אין גאַלאַץ.

צו ערשט איז די צייטונג דערשינען אין 12 זייטן: 8 רומעניש און 4 יידיש אָנהייבנדיק פונעם נומער 7 איז די צייטונג דערשינען בלויז אין 4 זייטן (אין א פאָרמאַט פון 33/48 צמ.), פון וועלכע 3 אין רומע-ניש און בלויז איין זייט אין יידיש.

איך האָב געפונען אין דער אַקאַדעמיע איין נומער (11 פון 17טן יולי 1898, ערשטער יאָרגאַנג, גאַלאַץ).

פאָרמאַט: 32/46 צמ, 4 זייטן, 5 קאָלומנעס.

אין תוכן פון דאָזיקן נומער: איינלאַדונג אַן אַללען געעהרטען קאָמיטע׳ס אונד סעקציאָנען דער חובבי ציון אין רומעניען׳, געחתמעט: „מיט ציונס גרוס“, דער פרעזידענט שמואל פינילַיש, דער סעקרעטאַר מאַקס ראָזענצווייג.

א תשעה-באָב ארטיקל פון ר.י.ם: „לא חרבה ירושלים אלא מפני שנאת חנם!“

„א וואָרט צו מיין ברודער עשו“ (פרייא נאָך לאָרד בייראָן, אויס דעם ענגלישען) פאָן מ. בירנבוים, מאַינעשט 1898.

„לעבליכע רעדאַקציאָן!“ (מ. בירנבוים). ער אינפאָרמירט וועגן דער טעטיקייט פון מענער-פאַראיין „נס-ציונה“ און „מבשרת-ציון“.

דערנאָך קומט א מודעה פון דער רעדאַקציע: „אויס מאַנגעל אַן רוים איזט דיא פאָרטזעצונג דעס ארטיקלס „ישנו עם אחד„ (דאָס פאָלק) פיר דעם נעכסטען נוממער פערשאָבבען וואָרדען“.

ווי עס איז צו זען פון דעם דאָזיקן נומער, זענען די רומעניש זייטן געווען אויך א העכערן ניוואָ ווי די יידישע.

די דאַזיקע צייטונג איז געווען דער אָפיציעלער אָרגאַן פון „ציוניסטישן צענטראַל-קאָמיטעט פון רומעניע", וואָס האָט געהאַט דעם וואוינאָרט אין גאַלאַץ. האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די באַשלוסן פונעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס פון באַזעל און פּראָפּאַגירט פּאָליטישן ציוניזם.

48

דער יודישע גייסט

פערטרעט אללע מאטעריעלע און גייסטיגע יודישע אינטערעססען.
ערשיינט צוויי מאָל אין דער וואָך.
רעדאקטאָר: אלעזר רוקח. געגרינדעט גרשון כהן.

פאָרמאַט 33/48 צמ, 4 זייטן, 4 קאָלומנעס.

דער ערשטער נומער פון דער דאַזיקער צייטונג איז דערשינען דעם 13טן מאַי 1898 אין יאַס. כ"א אייר התרנ"ח.

הגם מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט א יידישער צייטונג, וואָס דערשיינט כמעט צוויי יאָר, אין א שיינעם ליטעראַרישן יידיש פאַר יענער צייט, מיט גייסטרייכע אַרטיקלען — דאָך ווערט מען אומזיסט זוכן עפּעס דאַטן וועגן אָט דער צייטונג. אפילו זלמן רייזען אין זיין „לעקסיקאָן פון דער יודישער ליטעראַטור און פּרעסע" פאַרצייכנט נישט דאָס דערשיינען פון דער דאַזיקער צייטונג. אמת, ווען ער שרייבט וועגן אלעזר רוקח דערמאָנט ער אין האלבע לבנות, אַז ער האָט רעדאַגירט א רייע צייטשריפטן אויף יידיש און העברעאיש, צווישן וועלכע אויך „דער יודישע גייסט". אזוי פיל און נישט מער.

מיר האָבן געפונען עטלעכע נומערן אין דער פעדעראַציע, און וועלן מיר איבערגעבן דעם תוכן פון איין נומער, כדי דער לייענער זאָל זיך קאָנען שאַפן א בילד וועגן דער צייטונג.

דער לייטאַרטיקל איז דערשינען על פּי רוב אָן א חתימה, זעלטן איז געווען געחתמעט טאַקע דער רעדאַקטאָר, אלעזר רוקח, אָבער תמיד איז עס געווען אָנגעשריבן גייסטרייך, קלאָר און פאַרשטענדלעך, אין א יידיש וואָס אימפּאָנירט אויך היינט.

אַט, למשל, דער לייטאַרטיקל פון נומער 104 פון 2טן מערץ 1899, אין אָריגינאַל און אָרטאָגראַפיע פון דער ציימונג:

„די היסטאָרישע פאַרטונע“.

ס'איז א באַקאַנט וואָרט, „אַז צווישן דעם ערהאבענעם און'ם נידריגען איז נאָר א שריט!“ דאָס לעבען איז אזוי צוזאַמען געוועבט און צוזאַמען געפלאָכטען אין איינעם, די מקרים, די עראייגניסע זענען אזוי פארשפינט, אַז ס'בלייבט ניט קיין פלאַטץ צווישן איין זאַך און די אַנדערע האָטשע די זאַכען זענען גרויסע קאָנטראַסטען!“.

אזוי הייבט זיך אָן דער לייטאַרטיקל וועגן דרייפוס-פּראָצעס.

כדי צו דעמאָנסטרירן די מיינונגען פונעם מחבר, וועל איך ברענגען אויך דעם סוף פונעם אַרטיקל:

„דער אמת מוז דאָך זיגען! א בעוויז, אַז זאָלא'ס נבואה איז מקוים וואָרן און אזוי וועט ווייטער מקוים ווערן דאָס אַלעס, וואָס יעדער עדלער מענש דענקט און האָפט אַז פראַנקרייך וועט עס דורכפיהרען.

דאָס פראַנצעזישע פאָלק איז פאָרט דער קעסעל, אין וועלכן ס'קאָכען זיך אויס אַלע פרייהייט'ס אידען.

דאָס פראַנצעזישע פאָלק ווייזט תמיד איבער, „אַז ס'וויל פריי זיין!“ און ווער ס'וויל פריי זיין איז שוין פריי!“

נאָך אזא לייטאַרטיקל קומט געוויינטלעך „די פּאָליטישע ביהנע“, איינגעטיילט אין „אינלאַנד“ און „אויסלאַנד“. דאָס זענען געווען קאָמענטאַרן צו די געשעענישן, וועגן די געשעענישן גופא האָט מען געקאָנט לייענען אויף דער צווייטער און אויף דער דריטער זייט. „ידיעות פונ'ם לאַנד“ און „ידיעות פון דער וועלט“.

אין המשכים, אונטער דער רובריק מיטן טיטל „פעליטאָן“ האָט מען געקאָנט לייענען „קאַפּיטאַן דרייפוס“, געוויינטלעך אויף דער צווייטער זייט. דאָ האָט מען אויך געפונען אַן אַרטיקל וועגן געזעלשאַפטלעכע פראַגן, וואָס דער רעדאַקטאָר פלעגט אָנשרייבן איז א זייער פּאָלעמישן טאָן, וואָס רייסט אַרונטער אייניקע עסקנים, וואָס אין זייערע רייד זענען זיי „בעלי-טובות“ אָבער פאַקטיש זענען זיי... אַלעס וואָס אין דער קאָרט.

אויף דער דריטער זייט איז אָפּגעדרוקט א קאָרעספּאָנדענץ פון רוסטשוק (בולגאַריע); א רעצענזיע איבערן פר „דברי הימים לבית ישראל“ אונטערן טיטל „פונ'ם ביכערטיש“.

אויף דער פערטער זייט פון דער צייטונג זענען כמעט נאָר אַנאָנסן.

אזוי זעט אויס א נומער פון „דער יודישע גייסט", פארשטייט זיך, אז נישט צופעליק האב איך אויסגעקליבן דעם דאזיקן נומער, נאר ווייל ער האט אויך א טשיקאווע מודעה פון דער רעדאקציע:

„דער נומער 104 פונ'ם „יודישן גייסט" האט נישט געקענט ערשיינען פאריגען מאנטאג אין פאלגע דער אונפארזיכטיגקייט פון אן ארבייטער, וועלכער האט צעבראכען די דריטע זייט פונ'ם בלאט ווערענד מ'האט העריינגעגעבען אין דער מאשינע".

צי דאס איז געווען דער אמתער מאטיוו, פאר וואס די צייטונג האט פארשפעטיקט מיטן דערשיינען עטלעכע טעג, איז נישט זיכער, הגם, בדדי הווי עובדא, סע האט מיר אויך פאסירט אזא פאל, צוריק מיט פינף און דרייסיק יאר, ווען איך האב געארבעט ביי „דאס יודישע ווארט" פון טשערנאוויץ, און אויך נישט לאנג, ביי דער בוקארעשטער „צייטשריפט", האט עס אויך פאסירט — נישט איצט געדאכט!... דאך קען מען ספקן אין דעם, ווייל שפעטער מיט פינף נומערן, אין נומער 109 פון 11טן אפריל, פארענטפערט זיך דער רעדאקטאר אין לייטארטיקל „דער וויל און דער קען": „זייט די וועלט שטעהט, און זינט די מענשהייט האט זיך אנגעהויבען צו ענטוויקלען איז א גרויסע און שטארקע מלחמה צווישן דעם מענשליכען „ווילען" און זיין „קענען". כמעט יעדער מענש פון זיין מדריגה דאלט אין איין בלוטען אין דער דאזיגער גרויסער און עביגער מלחמה"... און ווייטער שרייבט ער: מיין „ווילען" האט נעבעך אויך דא אין דער לעצטער צייט זעהר א סך געליטען מיט מיין בעסטען „רצון" וואס כ'האב געוואלט און וויל אז דער „יודישער גייסט" זאל ערשיינען פינקטליך צו דער צייט דריי מאל אין דער וואך, האב איך ליידער גארניט געקענט אויספיהרען. פארשידענע סיבות האבען זיך מיר אין וועג געשטעלט... ועל כולם בין איך זעהר שטארק ניט געזונד געווען".

פון אט דעם ארטיקל קאן מען זען, וואסערע שוועריקייטן מע האט געדארפט בייקומען, כדי פארצוזעצן דאס ארויסגעבן פון דער צייטונג. און דאך איז די צייטונג דערשינען כמעט צוויי יאר, דער לעצטער נומער איז דערשינען דעם 2טן דעצעמבער 1899.

אמת, זינטן נומער 140 פון 10טן יולי 1899 ביזן 11טן אויגוסט איז די צייטונג דערשינען בלויז צוויי מאל אין דער וואך. אבער מע דארף געדענקען, אז גלייכצייטיק איז דערשינען אין בוקארעשט „דער ווארע „היועץ", וואס איז געווען א קאנקורענץ.

No. 6

DER JÜDISCHE GEIST

דער יודישע גייסט

ערשיינט דריי מאל אין דער וואך

No. 3

TALPIJOIS

תלפיות

REDACTIA

אין דער צייטונג האָבן מיטגעארבעט: וו. פאלק, דוד הירש שוואַרץ, אברהם גאָלדענבערג, איציק יאמפּאָלסקי, שמואל פּינילעס, ק. שאפּירא.

כדי צו געבן א בילד, נישט בלויז פון דער דאָזיקער צייטונג, נאָר פון דער דעמאָלטיקער יידישער פּרעסע, וועל איך ציטירן א זעלטענעם דאָקומענט, לויט מיין מיינונג, וועלכער סע געפינט זיך ביי דער פעדע-ראציע. דאָס איז אן אָריגינעלער אָפּמאך, אין רומעניש, געחתמעט פון די שותפים: ל. רוקח, ברידער שאראגא עט לעבאָוויטש און גרשון כהן, וועלכע האָבן זיך איינפארשטאנען ארויסצוגעבן א זשארגאָנישן זשורנאל און א העברעאישן אין פאָלגנדיקע תנאים:

„1). סיי דער זשארגאָנישער סיי דער העברעאישער זשורנאל זענען דאָס אייגנטום פון די דריי שותפים.

2). דער זשארגאָנישער זשורנאל וועט האָבן דעם טיטל „דער יו-דישע גייסט" און דער העברעאישער „תלפיות".

3). דער זשארגאָנישער זשורנאל וועט ארויס דריי מאָל אין דער וואָך און דער העברעאישער איין מאָל א וואָך לכל הפחות אין 600 עקזעמפּלארן.

4). דער אבאָנאמענט פון זשארגאָנישן זשורנאל וועט זיין 14 ליי א יאָר און פארן העברעאישן 12 ליי יערלעך. דער זשארגאָנישער זשור-נאל וועט פארקויפט ווערן אויך אין איינצלנע נומערן, צו 10 באני אן עקזעמפּלאר.

5). אויב דער זשארגאָנישער זשורנאל וועט דערגרייכן א זיכערן טיראזש פון 3000 עקזעמפּלארן וועט עס דערשיינען טעגלעך, פאר 25 ליי א יערלעכער אבאָנאמענט און סע וועט זיך פארוויכערן פארן הער רוקח די נויטיקע מענטשן פאר דער רעדאקציע.

6). הער רוקח איז מחויב אליין צו מאכן די גאנצע רעדאקציע פון ביידע זשורנאלן.

7). הער קאָהן איז מחויב צו מאכן די אדמיניסטראציע, קאָרעקטור און איבערזעצונגען פון די ידיעות פאר ביידע זשורנאלן.

8). הער קאָהן איז מחויב צו געבן די 425 קילאָגראם העברעאישע אותיות, לויט דער פאקטורע וואָס ער האָט.

9). די הערן שאראגא עט לעבאָוויטש דארפן צו פארפיגונג שטעלן פארן זשורנאל א מאשין און א מאשיניסט, קאסטנס פאר די אותיות, בלינד-מאטעריאל פארן זאץ און אויך א צימער פאר דער זעצעריי און רעדאקציע.

10). קיין איינער פון די שותפים האט נישט קיין רעכט אויף קיין שום ספעציעלן שכר.

11). אויב דער זשארגאנישער זשורנאל וועט דערגרייכן א טיראזש פון העכער 3000 עקזעמפלארן, דעמאלט וועלן די הערן שאראגא עט לעבאָוויטש האבן דאס רעכט צו באקומען צו 5 ליי פאר יעדע טויזנט עקזעמפלארן, וואס וועלן איבערשטייגן דעם סכום.

12). אלע איינקאסירונגען פארן זשורנאל, ווי: אבאָנאמענטן, אנאָנסן, סובסידיעס וכדומה וועלן אריין אין דער שותפותדיקער קאסע.

13). פאר סיי וועלכער איינגעמאָנטער סומע וועט מען געבן א קבלה, געחתמעט און מיטן זיגל פון דער אדמיניסטראציע.

14). דאס פארמעגן און דעם זיגל וועט מען האלטן אין אן אייזערנעם סייף מיט צוויי שליסלען, פון וועלכע איינעם וועט האלטן הער קאהן און איינעם די הערן שאראגא עט לעבאָוויטש.

15). דער הער רוקח וועט באקומען פארויס הונדערט ליי א חודש, וואס וועט אראפגערעכנט ווערן פון זיי חלק ריווח.

16). די הכנסות פון סיי וועלכער דרוקזאך מיט העברעאישע אותיות און מיטן פערסאנאל פון דעם זשורנאל וועלן אריין אין דער שותפותדיקער קאסע.

17). דער הער רוקח איז זיך מחייב זיך צו באטייליקן אין שותפות 3 יאר, ווען ער קאן זיך באפרייען און זיך צוריקציען, אויב ער וועט וועלן, אז דעם ער זאל האבן א רעכט אויף די זשורנאלן. אויב אָבער ער וועט וועלן ווייטער בלייבן אין שותפות, נאכן טערמין פון די דריי יאר, קאן ער בלייבן ווייטער מיט די זעלביקע רעכטן כון דעם דאזיקן אפמאך. אין פאל פון צוריקציען, דארף דער הער רוקח דאס מודיע זיין מיט דריי חדשים פריער.

18). צוריקציענדיק זיך פונעם שותפות, האט דער הער רוקח דאס רעכט צו באקומען אנטשעדיקונג אין געלט אויף זיין חלק פונעם פארמעגן אין פאפיר, אותיות, וואס וועלן אין דער צווישנצייט צוגעקויפט ווערן איבער די 425 קילא א״א, וואס סע האט דער זשורנאל.

19). אויב מע וועט דארפן אויפלעזן דאס שותפות (אין פאל אז סע וועט זיך נישט לוינען דער זשורנאל) בלייבט דאס פארמעגן פאר די דריי שותפים און די הערן שאראגא עט לעבאָוויטש דארפן צוריקגעבן

פארן הער קאהן די אותיות וואס ער האט אריינגעבראכט אין שותפות אראפרעכענענדיק 5% פאר יעדן יאר, וואס די אותיות זענען גענוצט געווארן.

20). דער ריינער ריווח, נאכן אראפרעכענען אלע הוצאות (דאס הייסט דער לוין פונעם זעצער, פאפיר, די צייטונג־אבאנאמענטן, וואס די רעדאקציע האט נייטיק, די הוצאות פון זאמלען אבאנירטע, פאסט, רע־גיסטערס און ביורא־הוצאות) ונעט פונאנדערגעטיילט ווערן אין דריי חל־קים צווישן די דריי שותפים צום סוף פון יעדן טרימעסטער.

21). דער הער קאהן איז מחויב צו מאכן א בילאנץ צום סוף פון יעדן טרימעסטער, וועגן די איינקאסירונגען און הוצאות, וואס זענען געמאכט געווארן מיטן ארויסגעבן דעם זשורנאל, וואס וועט באשטעטיקט ווערן מיט א פראטאקאל פון די אנדערע שותפים.

22). ביז די איינקאסירונגען וועלן זיך אנהייבן, וועלן אלע הוצאות אוואנסירט ווערן דורך די הערן שאראגא עט לעבאוויטש און פון הער קאהן, אין גלייכע חלקים יעדער איינער.

23). דער פאראיין דערקלערט זיך געגרינדעט אין טאג פון 25סטן אפריל (אלטער סטיל) אין היינטיקן יאר 1898 און יעדער איינער פון די שותפים איז זיך מתחייב בייצוטראגן מיט זיין אינטעלעקטואלן חלק עס זאל דערשיינען שפעטסטנס דעם 10טן מאי, אלטער סטיל, אין יאר 1898.

געמאכט היינט, אין יאס, דעם 22סטן אפריל 1898.

געחתמעט: ברידער שאראגא און י.י. לעבאוויטש; ג. קאהן; ל. רוקח.

אמת, איך האב פארנומען א גרעסער שטיקל ארט מיטן ציטירן דעם גאנצן אפמאך, אבער איך האלט אים פאר זייער וויכטיק, ווייל ער אינפארמירט אונדז וועגן אופן, ווי אזוי עס האט זיך געשלאסן דעמ לט אוא שותפות.

ווער איז געווען דער רעדאקטאר אלעזר רוקח, וועלכער האט זיך אונטערגענומען צו רעדאגירן גלייכצייטיק א יידיש בלאט, דריי מאל אין דער וואך, און א וואכנזשורנאל אין העברעאיש?

ווער איז געווען דער „אומרואיקער גייסט", וואס האט אויפגעטריי־סלט די מאלדעווע און כמעט דאס גאנצע יידנטום פון רומעניע, פון סוף ביינצנטן יארהונדערט?

אלעזר בן יהושע רוקח איז געבארן אין יאר 1854 אין ירושלים, אין אן אנגעזעענער חסידישער משפחה (דער העברעאישער „לקסיקון ציוני" פון ש.ל. ציטרון, דערשינען אין ווארשע אין יאר 1924, גיט אן זיין גע־

בוירן-שטאָט צפת. אנדערע דריי לעקסיקאָנען: רייזען, די גרויסע יידישע נאַציאָנאַל-ביאָגראַפיע פון ווינינגער, און די ירושלימער ענציקלאָפּעדיא יודאיקא, גיבן אָן ירושלים ווי זיין געבוירן־שטאָט).

צו די דרייצן יאָר האָט מען אים חתונה געמאכט אין צפת. דאָרט איז רוקח געקומען אונטער דער השפעה פון דער ניי־העברעאישער ליטע־ראַטור און האָט אָנגעהויבן זיך אָפּצוגעבן מיט וועלטלעכע לימודים, פאַר וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין נישט ווייניק רדיפות מצד די פאַנאַ־טישע אַלטע חלוקה-יידן פון דעמאָלטיקן צפת.

ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין פאַרשידענע העברעאישע און יידישע פּובליקאַציעס, אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן וועגן לעבן פון די צפתער יידן, וועלכע הגם זיי זענען נישט געווען געחתמעט מיט זיין נאָמען, האָ־בן זיי דאָך אים נישט געבראַכט קיין „כבוד" און קיין רו. ער האָט באַ־קעמפט דאָס לעבן אין צפת פון די חלוקה-געלטער און האָט פּראָפּאַגירט זיך צו נעמען צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, בפרט צו ערדאַרבעט.

אויב אין היינטיקן זומער פונעם יאָר 1977 האָט מען אין דער יידישער וועלט געפייערט 95 יאָר זינט דער גרינדונג פון „ראש פינה", דורך עולי רומניה — דאָס קאָן מען פאַרדאַנקען אויך דעם געוועזענעם רעדאַקטאָר פון „דער יודישע גייסט" א. רוקח, ווייל דער דעמאָלטיקער „גיי־אוני" איז דער היינטיקער „ראש פינה".

אָבער סע האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די סומע וואָס די אַלע זיבעצן משפחות האָבן צוזאַמענגעלייגט קלעקט נישט אויף צו בויען וואוינהייזער און אויף מכשירים, מיט וואָס צו באַאַרבעטן די ערד. איז האָבן זיי באַשלאָסן אַרויסצושיקן אלעזר רוקחן קיין אייראָפּע, כדי ער זאָל זאַמלען געלט פון פאַרמעגלעכע נדבנים פאַר די נייע קאָלאָניסטן.

די צפתער תושבים האָבן געזען אין דעם א גרויסע סכנה פאַר זייער עקזיסטענץ. זיי האָבן מורא באַקומען, אַז אויב רוקח וועט אויפ־קלערן די צוועקלאָזיקייט פון די חלוקה־געלטער און אים וועט זיך איינ־געבן צו איבערצייגן די מנדבים אַז בעסער זאָלן זיי אָט די געלטער שענקען פאַר פּראָדוקטיווע פאַרמער, וועלכע אַרבעטן מיט זייערע אייגענע הענט די ערד פון די אָבות, וועלן זיי בלייבן אָן פּרנסה.

איז האָבן זיי אָנגעווענדט אַלע מיטלען, כדי צו פאַרהינדערן זיין רייזע. קודם האָבן זיי געסטראַשעט זיין משפחה. דערנאָך, אַז זיי האָבן דערפאַרן אַז ער גרייט זיך צו פאָרן קיין רוסלאַנד, האָבן זיי אים פּשוט

געמסרט, אז ער איז א „ניהיליסט", וואָס איז צו יענער צייט געווען דאָס שרעקלעכסטע וואָרט אין צאַרישן רוסלאַנד.

ער האָט געהאַט א מזל, וואָס דער רוסישער קאָנסול, וועלכער האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט אים צו דער צייט געוואָרנט, וואָס פאַר א סכנה סע וואַרט אויף אים, אויב ער וועט פאָרן קיין רוסלאַנד.

צוליב דעם האָט רוקח באַשלאָסן צו קומען קיין רומעניע, וואו ער האָט אנטוויקלט זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט, אין אינטערעס פון זיין אידעע.

קודם האָט ער מיטגעאַרבעט אין „היועץ". דערנאָך האָט ער אליין ארויסגעגעבן אין בוקארעשט א העברעאישע צייטונג „יזראעל". שפעטער האָט ער זיך איבערגעצויגן קיין גאַלאַץ, וואו עס איז געווען דער צענטער פון דער באַוועגונג „חובבי ציון", „דורש לציון" און דערנאָך פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון רומעניע, וואו ער האָט ארויסגעגעבן די דערמאָנטע צייטונג „די הָאָפנונג".

שפעטער איז ער געקומען קיין יאַס און האָט אָנגעהויבן ארויסגעבן „דער יודישע גייסט", און ווי מיר האָבן געזען, האָט ער גלייכצייטיק (זינטן 15טן מאַי 1898) רעדאַגירט אויך דעם העברעאישן „תל-פיות".

ער איז געווען זייער א פּעאיקער זשורנאַליסט. אָבער ער האָט געהאַט א זייער גרויסן חסרון: זיין פען איז געווען צו שפּיציק און צו שאַרף, נישט שוינענדיק זיינע קעגנער, אויך ווען זיי זענען געווען „דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל".

דערמיט וויל איך דערקלערן, פאַר וואָס ער האָט זיך נישט געפונען קיין אָרט. תמיד האָט ער געמוזט נעמען דעם וואַנדערשטעקן און זוכן א ניי אָרט.

עס איז, בכן, קיין איבעררַאשונג, וואָס רוקח האָט געמוזט אין יאָר 1901 פאַרלאָזן רומעניע און זיך איבערציען קיין גאַליציע, וואו ער האָט פאָרגעזעצט זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט.

די ירושלימער ענציקלאָפּעדיא יודאיקא, דערשינען אין יאָר 1971, כאַראַקטעריזירט אים ווי א מענטש, וואָס איז געווען גלייכצייטיק אי א ראָמאַנטיקער, אי א רעאַליסט.

אין יאָר 1914 איז אלעזר רוקח געשטאָרבן אין דראָהאָביטש. אָבער די רעזולטאַטן פון זיין טעטיקייט אין רומעניע לעבן נאָך היינט אין „ראש-פינה"...

49

די אידישע צוקונפט

אין יאס האט געזאלט דערשיינען אין יאר 1898 א צייטונג מיט אזא נאמען, ווי א וואכנשריפט, ארויסגעגעבן פון מ. מ. מיהעליס.

איך האב נישט געפונען קיין איין נומער.

50

דיע יודישע צוקונפט

ארגאן פיר ציוניזמוס, קולטור אונד אלגעמיינע יודישע אינטערעססען".

יאס, 1899.

ערשיינט אין אללען ווערגטאגען (שפעטער איז געווען „ווערקטאגען).

פארמאט: 23/33 צמ, 4 זייטן, 3 קאלומנעס.

דושיראנט: מ. מיהאילעסקו.

אין זלמן רייזענס לעקסיקאן ווערט געבר.ענגט די צייטונג, אן דער דאטע פונעם דערשיינען, און דער רעדאקטאר איז אנגעגעבן „ה. כה„" (מסתמא צוליב דער רוסישער טראנסקריפציע, וואו „ג" מיט „ה" איז זיך מתחלף). מסתמא איז עס גרשון כהן, וועגן וועלכן מיר האבן שוין אויבן דערמאנט

דא זאל אבער אונטערגעשטראכן ווערן, אז דאס איז געווען די דריטע טאגצייטונג, וואס איז דערשינען אין רומעניע סוף נײַנצנטן יארהונדערט.

אמת, דאס דערשיינען טעגלעך האט נישט געדויערט פיל צייט. אבער א פאקט איז, אז אזוי האט זי אנגעהויבן דערשיינען „אין אללען ווערקטאגען". דאס הייסט יעדן טאג, אחוץ שבת און יום-טובים.

איך באזיר מיך אויף די נומערן, וואס איך האב געפונען אין דער פעדעראציע: אנהייבנדיק פונעם נומער 2 פון 24סטן יולי 1899 נומער 8 (3טער אויגוסט), נומער 12 (7טן אויגוסט). 18 (17טן אויגוסט), 19, 20, 21) 18, 19, 20סטער אויגוסט).

No. 11 DIE JUEDISCHE ZUKUNFT

דיע יודישע צוקונפט

5 באני א נומער

Jassy, 30. Sept. 12 Oct. 1899

No. 2 DIE JUEDISCHE ZUKUNFT

דיע יודישע צוקונפט

5 באני א נומער

Redacţia şi Administraţia Str. Academiei 5.

Jassy, 24 Julie 5 Aug. 1899

שפעטער איז די צייטונג שוין דערשינען כמעט יעדן צווייטן טאָג.

דער תוכן פונעם דערמאנטן נומער 2, פון כ״ט אב (24סטער יולי) 1899, יאס:

דער לייטאַרטיקל „דיע קולטורעלע זייטע דער ציוניסטישען בעוועגונג" הייבט זיך אָן מיט „דער הויפטציעל פאָם ציוניזמוס איז דאס צוריקקעהרען צום יודענטהום...", געחתמעט פון אלחנן צבי דוכס.

דערנאָך איז א בילד פון מאקס נאָרדוי, אָבער דער אינטערוויו מיט מאקס נאָרדוי איז ערשט אויף דער פערטער זייט (כּון בן יעקב).

ידיעות פון דער ציוניסטישער באוועגונג; אן אַרטיקל לכבודן פופציקסטן געבוירן-טאָג פון מאקס נאָרדוי (אויף דער צווייטער זייט).

צווישן די ידיעות געפינט זיך אויך דאָס נייעס, אז „אויסער דער שטאָדט יאססי וואורדע ה׳ דר. ליפּפּע געוועהלט פיר דען 3 נאַציאָנאַלער קאָנגרעס אין פאָלגענדע שטעדט פאָן גאליציען: לעמבערג, קאָלאָמעא, וויזשניצא, גאָדאָ, דאָלינא אונד ראָזשניטאָוו". איך מיין, אז דאס קאָן זיין א באוויז, אז נישט בלויז די ציוניסטישע אָרגאניזאציעס פון רומעניע און גאליציע האָבן געהאט פארבינדונגען, נאָר אויך די דאָזיקע צייטונג איז פארשפרייט געוואָרן אין די דאָזיקע שטעט.

זינט נומער 31, פון 20סטן סעפּטעמבער 1899 איז דער פאָרמאט א ביסל א גרעסערער: 27/37 צמ, 4 זייטן, 4 קאָלומנעס. איצט איז שוין אָנגעגעבן אן אנדערע אדרעסע פאר דער רעדאקציע און סע פעלט דער נאָמען פונעם דזשיראַנט.

סע געפינט זיך אויך דער נומער 53 פון 13טן נאָוועמבער 1899.

צי זי איז טאַקע דערשינען, ווי טייל זאָגן, 4 מאָל אין דער וואָך זינטן 2טן אָקטאָבער און ביז ווי לאנג די צייטונג איז דערשינען האָב איך נישט געקאָנט פעסטשטעלן.

51
דגל טריעטש

אָרגאן פיר יהידישער עמיגראציאָן נאָך ציפּערן. בעגרינדעט אויף דירעקטע קאָרעספּאָנדענץ אונד אָבגעהאלטענע אינטערוויוען מיט דעם אללבעקאנטען הייסען ציוניסט אונד פאָטער דער ציפּעראנישע יודען קאָלאָניזירונגס אידעע הערר דייוויס טריעטש.

ערשיינט יעדען פרייטאָג, מיטעלס אונטערשטיצונג דער פעריינעס ק"ץ הימים.
רעדאַקטירט פון אברהם חיים כ"ץ המכונה אחיך.

דערשינען אין בוקארעסט, דער ערשטער נומער אין אדר שני תר"ס (1800), לכבוד דעם וויזיט פון דוד טריעטש, וועלכער האָט אין דער גרויסער בהלה פון עמיגרירן פון רומעניע, געזוכט וועגן אויך צו קאָלאָניזירן יידן אויפן אינדזל ציפערן.

אמת, איך האָב נישט געפונען קיין איין נומער פון דער דאָזיקער צייטונג, אָבער דאָך האָט מיך פאראינטריגירט, אז א "הייסער ציוניסט" איז דער פאָטער פון דעם קאָלאָניזירן מיט יידן ציפערן?!

ד"ר קיסמאַן, אין זיין בוך "שטודיעס צו דער געשיכטע פון רומעניש יידן אין 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט" ציטירט, אין שייכות מיט דעם, פונעם דזשואיש קראָניקל פון 29סטן יאנואר 1900, אז טר עטש האָט דאָס געטאָן ווייל ער איז "אויפגעטראָגן אויפן ציוניסטישן עקזעקוטיוו-קאָמיטעט, ווי מע זאָגט, מחמת דעס וואָס מען האָט אים פוגע-בכבוד געווען אויפן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס".

פאר מיר איז אָבער ד"ר קיסמאַן, אין דער הינזיכט, פסול לעדות, אויך ווען ער איז זיך סומך אויף א "ציטאַט". בכלל, וועל איך זאָגן אויך מיט דער געלעגנהייט, אז ציטאַטן האָבן זייער א קליינעם ווערט. יעדער מחבר וועט ציטירן דאָס, וואָס אים טויג, צו זיין מיינונג. א ציטאַט קאָן מען אזוי, אויף אזא מין אופן ציטירן, אז דאָס זאָל זיין דווקא דער היפוך פונעם דאָרט געזאָגטן, דגם מע וועט נישט ענדערן קיין קוצו של יוד. עס איז געגנוג, מע זאָל שטעלן א קאָמא, צי נאָר א פינטעלע, דאָרט ווי סע לוינט זיך פארן מחבר... והא ראייה, מישט צוריק, זייט מוחל, עטלעכע בלעטלעך פון דאָזיקן בוך, און איר וועט טרעפן דעם מאָטאָ פון דער צייטונג "יהודית", וואָס איז אויך א ציטאַט — נאָר דווקא להיפוך פונעם מקור...

זוכנדיק א ביסל מאַטעריאַל פארן דערקלערן דאָס רעטעניש, האָב איך אויסגעפונען, אז אָפגערעדט, צי טריעטש האָט יאָ געהאַט צי נישט געהאַט קיין סיכסוכים מיט דער אָפיציעלער אָנפירערשאַפט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט ער אָבער געהאַט זיין פערזענלעכע מיינונג פראָפּאַגירנדיק זיין אידעע פון א "גרעסערן פאַלעסטינע", וואָס זאָל ארייננעמען דאָס אינדזל קיפּראָס, וואָס איז בשכנות פון ארץ ישראל,

און אויך על-אריש, פון סני. דאָס האָב איך געפונען אין ווינינגערס „יידישע נאציאָנאַל-ביאָגראַפיע“,

אז דער פּלאַן איז מיאוס אדורכגעפאלן, איז שוין איבעריק צו זאגן היינט.

52
הישראלי

כי נער ישראל ואהבהו (הושע יא—א)

דערשינען איין מאָל אין דער וואָך אין דער שטאָט ראָמאַן, רע־דאגירט פון אלעזר שמשון ראַפּאַפּאָרט. אין יאָר 1900.

איך פארצייכן אויך, אז א. ש. ראַפּאַפּאָרט האָט ארויסגעגעבן אין ראָמאַן פּורימדיקע וויצבלעטער „ויזתה“ און „המן-טאש“.

איך האָב נישט געפונען קיין איין נומער פון די דאָזיקע צײַ־טונגען.

53
דער אויסוואנדערער

דערשינען אין בוקארעשט, אין 30סטן מאי 1900, צווייִשפּראַכיק: יידיש און רומעניש.

פאָרמאט: 27/37 צמ.

צווישן די בערך 65 בלוגבלעטער צייטונגען, איינמאָליקע אויסגאבעס, וואָס די צו פוס עמיגראנטן פון רומעניע האָבן ארויסגעגעבן אין יאָר 1900, זענען פאראן מאטעריאלן אויף יידיש, דערמאנטע אין י. קאראס ארבעט אין „ייוואָבלעטער“ נומ' 352 (1951) ז' 292־298:

1. „דאָרול“, ארויסגעגעבן פון די באָטאָשאנער עמיגראנטן אין יוני 1900, ברענגט א יידיש ליד פון יצחק בלומענפעלד.

2. „יציאת רומניה“, 2 זייטן אויף יידיש, אין דעם בלאט „דרו־מעצי דין יאס“ פון 20סטן יוני 1900.

3. „גרופול עמיגראנציל‌אַר דין דוש“, דערשינען אין 11טן יוני 1900, איז צווייִשפּראַכיק, יידיש און רומעניש.

4. „דאָס ליד כּון דעם עולה רגל“, דערשינען אין בוהוש אין יאָר 1900.

5. „ליד דער אויסוואנדערע פאַן פאַקשאַן“, דערשינען אין פּיאַטרא נעאַמץ, 1900.

54

דאָס ליכט

דער איינציגער אָרגאַן פיר אַלגעמיינע אינטערעססען דעם רומענישען יודענטום.

דערשינען אין בוקארעשט, אין יאָר 1901, פון 27סטן פעברואר ביזן 3טן אָקטאָבער. בסך הכל 32 נומערן.

איך האָב נישט געזען קיין איין נומער.

אין שייכות מיט דער דאָזיקער פובליקאַציע קאָן איך נאָך צוגעבן א ידיעה, דערשינען אין אַן ארטיקל וועגן יידישע צייטונגען אין רומעניע, אין „יודישען טאגעבלאט“ פון ניו־יאָרק: פון 20סטן מערץ 1910 „עס זע־נען נאָך ערשינען צייטונגען: „השופר“, „דאָס ליכט“, „דאָס נייע ליכט“, „דער ציוניסט“ און אנדערע“.

דאָס ארטיקל איז געחתמעט פון מ. ברוינשטיין.

קראָניקא איזראַעליטא

א וואָכנצייטונג, אין דער רומענישער שפּראַך, דערשינען אין בו־קארעשט צווישן די יאָרן 1901 — 1910.

דאָך ווערט די צייטונג פאַרצייכנט, ווען סע ווערט גערעדט וועגן פּובליקאַציעס אין יידיש, ווייל אין דער דאָזיקער צייטונג האָט ד“ר יעקב

סאַטעק אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן פעליטאָנען אין דער יידישער שפּראַך, אין דער לאַטייניִשער טראַנסקריפּציע. ווער איז געווען ד״ר סאַטעק?

ד״ר יעקב סאַטעק (ראָזענצווייג) לעטעאַנו איז געבוירן אין יאָר 1858, אין מאָלדעווישן שטעטל באַקוי, וואו ער איז א צייט געווען פּראָפעסאָר אין דער יידישער שול. דעמאָלט האָט ער זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט פילאָלאָגיע (מסתמא נאָכן מוסטער פון א מאָזעס שוואַרצפעלד, ד״ר משה גאַסטער און לאַזאַר שיינעאַנו).

ביי דער געלעגנהייט האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אָן די שוועריקייטן, וואָס זיינע תלמידים, הגם זיי האָבן אין דער היים גערעדט יידיש, האָבן אין דער שול נישט געקאָנט לייענען און שרייבן אין יידיש. האָט ער קודם איינגעפירט דעם סקריפּטאָלאָגישן מעטאָד, צו באַניצן זיך מיט קאַרטעלעך אויף וועלכע סע זיינען געווען אויסגעמאָלן דער יידישער אלף־בית — דער־נאָך צו דער אידעע, צו לערנען יידיש מיט דער לאַטייניִשער טראַנס־קריפּציע.

שוין אין יאָר 1876, אין דער באַקויער רומענישער צייטונג „פּרעזענ־טול״ (פון וועלכער איך האָב געפונען איין עקזעמפּלאַר), האָט ד״ר סאַטעק אָנגעהויבן צו פּראָפּאַגירן די דאָזיקע אידעע, אז באַניצנדיק זיך מיט דער לאַטייניִשער טראַנסקריפּציע, וועט דאָס יידישע לשון לייכ־טער זיין אויסצולערנען פאַר די ברייטע מאסן, וואָס רעדן אין דער היים יידיש, אָבער זיי קאָנען נישט לייענען (בפרט אָן נקודות!) די יידישע שריפט.

אין צווישן האָט ער שטודירט מעדיצין, אויף דעם ווינער אוניווער־סיטעט, און געוואָרן א קינדער־דאָקטער. דאָרט, אין ווין, האָט ער זיך באַקענט מיט ד״ר נתן בירנבוים, וועלכער האָט דעמאָלט דאָרט שטודירט פילאָזאָפיע. אזוי איז סאַטעק אריינגעצויגן געוואָרן אין דער ציוניסטישער סטודענטישער באַוועגונג „קדימה״.

קומענדיק אהיים, האָט ער זיך באַזעצט אין בראַילא, וואו ער איז געווען קינדער־דאָקטער. אָבער ער האָט גלייכצייטיק אין דער דערמאַנטער צייטונג „קראָניקא איזראַעליטא״, ארויסגעגעבן פון יוסף פעטרעאַנו, איינ־געפירט א רובריק „אונדזער לשון״, וואו ער האָט געשריבן מיט לאַטיי־נישע אותיות, אנעקדאָטן, הומאָריסטישע מעשהלעך, געשעענישן וועגן דע־מאָלטיקן רוסיש־יאַפּאַנישן קריג.

אין יאָר 1902 האָט ער אין בראַילא ארויסגעגעבן „יידישע פאָלקס־לידער פון וואָלף זבאַרזשער עהרענקראַנץ״ אין 80 זייטן, מיט לאַטייני־שער טראַנסקריפּציע, אונטערן טיטל: „ציוניסטישע זשאַרגאָן ביבליאָטעק״.

מער קיין ביכער פון דער דאָזיקער „ביבליאָטעק״ זענען נישט דערשינען.

אין די העפטן „די ערשטע יידישע שפראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ״, וואָס זענען דערשינען אין ווארשע, 1934, ווי א „פרעמיע״ צו די „ליטעראַרישע בלעטער״ (אין דער ביבליאָטעק פון דער פעדעראציע) האָב איך געפונען שפורן וועגן סאָטעקס טעטיקייט אין דער דאָזיקער שפראַך־קאָנפערענץ, וואו ער האָט זיך באטייליקט ווי א דעלעגאט מצד רומעניע.

אין נומער 2 פון די דאָזיקע העפטן, אויף זייט 62, זענען אָנגעגעבן „רעפערענטן: אברהם רייזען (קראקוי), שלמה אייזנשטאדט (בערן), ד״ר י. סאָטעק (בראילא), א. פאלובא (סיעדלעץ).

אין דער דריטער העפט, אויף זייט 93-94, איז: „דר. י. סאָטעקס רעפעראט.

דאָס וואָרט באקומט ד״ר סאָטעק (בראילא, רומעניע). אין זיין רעפעראט רעדט ער בפרטיות וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער שפראך און איר אנטוויקלונג און וועגן דער פארפעסטיקונג פון איר אָרגאנישן צוזאמענבונד מיטן יידנטום״...

צום סוף פונעם באריכט ווערט געזאָגט:

„דער רעדנער גיט א פראקטישן פאָרשלאג: צו פארשפרייטן אין געוויסע האלבאסימילירטע ספערעס די יידישע ליטעראטור אין לאטייניש שריפט. דערמיט וועט מען צוציען די אינטעליגענץ, וואָס קען נישט לייענען דעם יידישן אלף־בית. לויט זיין פערזענלעכער דערפארונג האָט דער מיטל געבראכט צום צוציען 3000 נייע לייענער פאר דער יידישער ליטעראטור אין רומעניע. ער לייגט פאָר זיך ערנסט צו באשעפטיקן מיט דער פראגע וועגן דער לייטיינישער טראנסקריפציע״.

ביז אהער דער ציטאט פונעם באריכט פון דער קאָנפערענץ.

נאָכפאָלגנדיק די ווייטערדיקע טעטיקייט פון ד״ר סאָטעק, האָב איך געפונען אין דער רומענישער צייטונג „עגאליטאטעא״ פון 26סטן אָקטאָבער 1910, אונטערן טיטל „וועגן יידיש־דייטשן דיאלעקט״ שרייבט ד״ר סאָטעק:

„א פאָלק, וואָס וויל פאראייניקן זיינע זין אין איין נאציאנאַלן גוף אויף דער זעלביקער טעריטאָריע, דארף פלעגן זיין געמיינזאמע שפראך און ער זאָל זי אזוי שרייבן, אז זי זאָל פארשטענדלעך זיין פאר אלע.



[illegible]

Mein lieber Talmid, [illegible] Sotin-Milich! Piatra [illegible]

Eier-Briewel hot mich mamesch mechaje gewen. Endlich hot sich opgerissen einer a Meschigener zwischen asa Mönge Keiwe, [illegible], sate Breines, müss können güt essen — tfü! mein ich fressen, un Pocker spielen etc… ün aüf Literatur bichlach ün jüdische lifrat senen sie groisse Meiwinim, nischt wingiger wie a Woulach ef aüf Essroigem…

Bexizer ich [illegible] heint 3 N.M. kain Galatz ün kim ahin 11 Abend. Es wet mir a groisse Freide machen Euch zu kennen. Wer willt Ihr sol sein die Katz, was sol sich matriach sein über'n wasser (Donau)? — Also mitn 2ten Schif Morgen bin ich in Braila. [illegible]

Ich bin von Dr. Pinneles gerufen nach Galatz zu Schalosch [illegible] Sonntag. Wen-sche sol ich lesen in Braila? — Wi Ihr versteht. — Übrigens hob ich aich depeschirt mit a meminatschick. Ich kimm zu aich heint.

Sait mir recht wohl. | Schulem Aleichem

דער יידיש־דייטשער דיאַלעקט, געריינִיקט און געשריבן מיט לאַ־טיינישע אותיות וועט פאַרשטאַנען ווערן אומעטום, פון די יידן פון ניו־יאָרק ווי פון די פון וואַרשע פון פּראַג און פון בוקאַרעשט".

הגם ער איז נישט געווען טעטיק אין א ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז ער דאך געווען ביי דער מיינונג, אַז:

„דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט וועט זיכער צוריקגעבן דעם יידי־שן פאָלק זיין אַמאָליק פאָטערלאַנד, צוזאַמען מיט דער אויפגעלעבטער העברעאישער שפּראַך, אָבער אין די תפוצות זענען מיר מחויב זיך צו פאַראייניקן און זיך צונויפרעדן אין דער תפוצות־שפּראַך, אינעם דיאַלעקט, וואָס איז פאַרשטענדלעך פאַר אַלע".

אזוי ענדיקט זיך דאָס ציטירטע אַרטיקל, געשריבן מיט קנאַפּע 70 יאָר צוריק...

ווי געזאָגט, האָב איך געפונען אין דער פעדעראַציע דעם נומער 42 פון 2טן נאָוועמבער 1902 (צווייטער יאָרגאַנג) פון דער דערמאָנטער „קראָניקאַ איזראַעליטאַ". אויף דער צווייטער זייט איז דער (3טער) פעליטאָן „אונדזער לשון, מיסטער יידל היי פון וואַשינגטאָן שרייבט א פּאָסט־קאַרטל צו זיינעם א באַקאַנטן אין בראַילאַ", געחתמעט פון ד"ר סאָטעק. דער פעליטאָן איז אין דער לאַטיינישער טראַנסקריפּציע.

דער אויסרייד פון א „פּאָסטקאַרטל" האָט אויך מיך אָנגערעגט, אַז איך זאָל פאַרעפנטלעכן צוויי פּאָסטקאַרטלעך, דאָס מאָל רעאַלע (נישט, ווי אין דער צייטונג, פיקטיווען) יקר־המציאותן, וואָס זענען געשריבן געוואָרן צו ד"ר סאָטעק.

דאָס ערשטע פּאָסטקאַרטל איז פון שלום עליכם, וואָס ער האָט גע־שיקט פון פּיטרא־נעאַמץ, זייענדיק דעמאָלט אין רומעניע, צו ד"ר סאָטעק קיין בראַילאַ:

פּיאַטרא נ. 15/12 .06

מיין ליבער תלמיד, ד"ר סאָטעק מילכסאָהן! (איך ווייס נישט פון וואו סע האָט זיך גענומען דער נאָמען „מילכסאָהן" — פריינד אברהם ליס, דירעקטאָר פון „שלום־עליכם הויז" פון תל־אביב וועלכער האָט מיר גע־שיקט די קאָפּיע פונעם קאַרטל, מיינט, אַז דאָס איז א שלום־עליכמישער שפּאַס — וו.ט.).

אייער בריוול האָט מיך ממש מחייה געווען. ענדליך האָט זיך אָפּ־געריסן איינער א משוגענער צווישן אזא מענגע קליינע, רוהיגע, זאַטע בהמות, וואָס קענען גוט עססען — טפו! מיין איך פרעססען און פּאַקער שפּי־לען עטצ. און אויף ליטעראַטור בכלל און אויף יידישע בפרט זענען זיי גרויסע מבינים, נישט ווינציגער ווי א וואָלף אויף אתרוגים...

CZERNOWITZ
Herrn
Dr. Sotec
Braila
Rumänien



בקיצור איך פאר היינט 3 נ. מ. קיין גאלאץ און קום אהין 11 אבענד. עס וועט מיר א גרויסע פריידע מאכען אייך צו קעננען. ווער ווילט איהר זאל זיין די קאץ, וואס זאל זיך מטריח זיין איבערן וואסער (דאנאו) ? —

אלזא מיטן 2טן שיף מארגן בין איך אין בראילא. איך בין פון ש. פינקעלעס גערופן נאך גאלאץ צו שבת און זאנטאג. ווען זשע זאל איך לעזען אין בראילא? ווי איהר פערשטעהט. — איבריגענס האב איך אייך צוגעשיקט מיט א ממה-נפשך. איך קום צו אייך היינט.
זייט מיר רעכט וואהל.

שלום עליכם".

דאס פאסקארטל איז פון יאר 1906, ווען שלום עליכם איז געווען אין רומעניע. פאר אונדז, איצט אין דעם דאזיקן קאפיטל, איז וויכטיק, וואס אויך שלום עליכם האט אים געענטפערט מיט לאטיינישער טראנ-סקריפציע — אנרופנדיק אים „תלמיד".
דאס דאזיקע פאסטקארטל געפינט זיך איך דער ירושלימער נאצי-אנאל-ביבליאטעק.

דאס צווייטע פאסטקארטל, הגם עס איז שוין נישט אין לאטיינישער טראנסקריפציע, אבער צוליב זיין חשיבות פונעם אויטאר, ד"ר נתן בירנ־בוים, ציטיר איך עס (דער אריגינאל איז געווען ביי מיר און איך האב אים אוועקגעשיקט צו דער ירושלימער נאציאנאל־ביבליאטעק !):
„טשערנאוויץ 4 אקט. 1908.
זעהר געעהרטער ה' דאקטאר !

א שענעם דאנק אייך פאר אייער קארטעל און פאר דעם ארטיקעל, וואס איהר האט מיר אריינגעשיקט. דער ארטיקעל איז זעהר גוט און פיין. פון דעם אגענט, וואס איהר שרייבט מיר, אז ער וועט מיר שרייבען, האב איך ביז אצינד נאך קיין בריעף. איך האף, אז עס געהט אייך גוט און גריס אייך הערצליך.

מיין ווייב און מיינע קינדער גריסען אייך. מיט גרויס דרך ארץ, אייער ד"ר בירנבוים".

דאס קארטל איז עקספעדירט פון „דר. בירנבוימס וואכענבלאט" טשערנאוויץ צו הערן ד"ר סאטעק בראילא, רומעניען.
ד"ר סאטעק איז געשטארבן דעם 20טן אפריל 1939.

55

פאלעסטינא

ערשיינט איינסטווייל צווייא מאָהל וואָכנטלעך.

בוקארעשט 1901. פאָרמאט: 24/40 צמ.

אָנהייבנדיק פונעם 24סטן פעברואר איז צוגעגעבן געוואָרן צום אונטערטיטל: „דער איינציקער אָרגאן פיר אללגעמיינע אינטערעסען דעס רומענישען יודענטום“.

איך האָב נישט געפונען קיין איין עקזעמפלאר.

56

דגל מחנה יהודה

א ציוניסטישע צייטונג פיר אויפקלערונג אונד ליטעראטור. 1901. בוקארעשט.

רעדיזשירט פין בן מאיר.

סבו ציון והקיפוה ספרו מגדליה (תהלים מח).

ערשיינט יעדען פרייטאָג.

פאָרמאט: 27/37 צמ, 4 זייטן, 3 קאָלומנעס.

עטלעכע נומערן פון דער צייטונג האָב איך געפונען אין דער פעדעראציע. איך וועל פארצייכענען דעם נומער 4 פון 17/4 יאנואר 1902 וואו סע זענען פאראן ארטיקלען: „יודישע קאָאָפעראטיווע ווערקשטעלען“, „ואהבת לרעך כמוך“, געחתמעט „בן מאיר“,

אויף דער צווייטער זייט איז „די געריימטע רובריק, ציונס גלאנץ“ (ליד) פון י. ש. פד.; המשך פונעם ארטיקל וועגן „יודישע קאָאָפעראטיווע ווערקשטעללען“ פון מאָר. מא.

אויף דער דריטער זייט: „דאָס בעדייטונג פין זאנגווילס רעדען“; „דער פרייהייטס גייסט ביי דיא פערצייטיגע אידען“, פון בערנארד לאזאר (אין פאָרעזעצונגען).

אויף דער פערטער זייט: א ליד, „צום ציונס דינסט“ פון ג. פייער, דיא וואָכע כראָניק; מודעות.

*

„דגל מחנה יהודה“ איז געווען אן אָרגאניזאציע, וואָס האָט זיך אָפּ־געגעבן מיט ציוניסטישער און פילאנטראָפּישער טעטיקייט. דער לייטונג־

קאָמיטעט האָט געהאַט דאָס וואוינאָרט אין בוקארעשט, פונדאטורא פאוראר נומער 3. די אדרעסע פון דער רעדאקציע איז אויך דאָרט. די אָרגאַ־ניזאציע איז געגרינדעט געוואָרן דעם 1טן נאָוועמבער 1900.

הגם אונטערן טיטל פון דער צייטונג איז אָנגעגעבן דער רעדאק־טאָר „בן מאיר" ווייזט אויס אז דער אמתער נאָמען איז געווען מאָריס מאיער. אָט דעם נאָמען געפינט מען אונטערגעחתמעט אונטער לידער, וואָס זענען נישט אויפקצומאכן מיט דער האנט. זיי האָבן ריטעם, גראם און אויך צו א „מאָראל".

אין נומער 7 פון 13/4טן פעברואר 1902, אויף דער פערטער זייט איז דערשינען „פעראייניגטע אנגעלעגנהייטן", אין וועלכער ידיעה סע ווערט געזאָגט, אז „דיזע וואָך האָט זיך געגרינדעט היר אין בוקארעשט אייך ציוניסטישע סעקציאָן מיט דעם נאָמען „דגל יהודה", מיט דעם ציל מינד־לעך אונד שריפטלעך דאָס ציוניזמוס צו פערברייטן אונטער די יידישע מאסן, ווי אויך אויסצוזאָלן אויף עקאָנאָמישן שטייגער אקציען אונד שקלים וועגן די מיטגלידער.

די סעקציאָן האָט זיך געשטעלט אונטער דער לייטונג דעס הערן מאָריסס מאיער (בן מאיר), דער רעדיזשירער פון דיזער צייטונג".

און נאָך איין ידיעה: „וועגן מאנגל אין א זעצער האָט די צייטונג פארשפעטיקט צו דערשיינען. איצט האָט מען אנגאזשירט דעם אלט-באַ־קאנטן זעצער נאָך פונעם אלטן „היועץ", ה' יעקב שלאג, אזוי אז די צײ־טונג וועט ווידער רעגלמעסיק דערשיינען".

אין נומער 9 ווערט אָנגעזאָגט, אז דער קומענדיקער נומער וועט דערשיינען אין א גרעסערן פאָרמאַט.

דער נומער 15, פון 29סטן אפריל (9 מאי) 1902 דערשיינט די צייטונג אונטער א נייעם טיטל:

57
דגל יהודה

אין א נאָטיץ צו די לייענער ווערט געזאָגט, אז מע בעט אנטשול־דיקונג פארן פארשפעטיקן פונעם דערשיינען פון דער צייטונג, צוזאָגנדיק אז „פון איצט אָן וועט זי פּינקטלעך דערשיינען". די רעדאקציע האָט גע־ליטן א מעטאמאָרפאָזע, צוליב סיבות, וואָס מע זאָגט נישט ארויס, האָט

זיך דער שעף־רעדאַקטאָר צוריק געצויגן. איצט ווערט די צייטונג רעדי־גירט „פון אַ קאָמיטעט".

אויף דער פערטער זייט ווערט געזאָגט, אַז דער פאַראיין „דגל יהו־דה" האָט אָפּגעהאַלטן אַ גענעראַל־פאַרזאַמלונג און אויסגעוויילט אַ נייע לייטונג און אויך די רעדאַקציע פון דער צייטונג.

סע ווייזט אויס, אַז די רעדאַקציע האָט איבערגענומען „יימ"ר" (יצחק מאָסקאָוויטש, וואָס וועט שפּעטער רעדאַגירן דעם סאָציאַליסטישן „וועקער" פון יאַס), לויט די אַרטיקלען, דערציילונגען, וואָס זענען דער־שינען מיט זיין חתימה, אָדער „בן ישראל".

אין נומער 21 פון 14טן יוני 1902, איז פאַרעפנטלעכט אויף דער ערשטער און אויף דער פערטער זייט אַ מודעה: „פאָם נעכסטען נומער אָנגעפאַנגען ווירד אונזער בלאַטט ערשיינען אין דאָפּפּעלטעס פאָרמאַט". קיין שפּעטערן נומער האָב איך שוין נישט געזען.

58

דורשי ציון

אָרגאַן פיר ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ.

ולקחתי אתכם מן הגוים וקבצתי אתכם מכל הארצות והבאתי אתכם אל אדמתכם (יחזקאל ל).

דירעקטאָר סאָל. סעגאַל.

דערשינען אין בוקאַרעשט פון 9טן אויגוסט ביזן 29סטן נאָוועמ־בער 1902.

פאָרמאַט: 32/48 צמ, 4 זייטן, 5 קאָלומנעס.

איך האָב געפונען אין דער אַקאַדעמיע דעם נומער 8. דאָס לשון איז זייער דייטשמעריש, אַזוי ווי סעגאַל האָט געוויינטלעך געשריבן.

*

ביים אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זענען דערשינען אַ ריי פּובליקאַציעס, כמעט איינמאָליקע אויסגאַבעס, געלעגנהייטלעכע, וועלכע איך האַלט דאָך פאַר וויכטיק זיי צו פאַרצייכענען מעגלעך אַז טייל פון זיי זענען דערשינען אין מערער ווי איין נומער, נאָר מע געפינט זיי נישט מער. אָבער אַפילו בלויז די פּרוּוון דאַרף מען אויך פאַרצייכענען.

59
חנוכה

גאלאץ, 22סטער נאָוועמבער 1902. כ"ה כסלו תרס"ב.

פאָרמאַט: 22/32 צמ, זייטן, 3 קאָלומנעס.

דאָס איז א ספּעציעלע יום-טוב-אויסגאבע פון די ציוניסטישע סעקציעס: „שבואל פינילעס", „קדימה", „מאקס נאָרדוי" — אין 3 שפּראַכן: רו-מעניש, יידיש און דייטש.

דאָס יידישע ארטיקל וועגן חנוכה איז געחתמעט: יוסף פריש.

דער נומער געפינט זיך אין דער אקאדעמיע.

60
לבנון

(אויף רומעניש איז צו לייענען „ליבאנאָן")

כבוד הלבנון עליך יבוא (ישעיה ס״ יג).

אָרגאַן פונעם קרייז פאַר ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, פּיאַטרא נעאַמץ.

נומער 1, א׳ תשרי תרס"ב (1901).

פאָרמאַט: 22/32 צמ, 8 זייטן, 2 קאָלומנעס.

די פּובליקאַציע איז צווייִשפּראַכיק: רומעניש און יידיש (רומעניש איז דער רוב) אבער סע זענען דאָ לשנה-טובה באַגריסונגען אויך אין העברעאיש.

אין נומער 2 פון י"ח אייר 1902, איז דער פאָרמאַט א קלענערער: בלויז 4 זייטן (כמעט האלב יידיש). אויף דער פערטער זייט איז א ליד פון מאָריס ראָזענפעלד: „דער יודישער מאַי".

אַנשטאָט א קלאָרער דאַטע, פונעם יאָר, איז פאַרצייכנט: 1832 זינט חורבן". אזוי פיל מזל, וואָס דאָ און דאָרט פאַרוואַרפט זיך דאָס יאָר תרס״ב".

אין דער אקאדעמיע האָב איך געפונען דעם נומער.

61
תשעה באב

א צווייםפראכיקע אויסגאבע: רומעניש און יידיש.
דערשינען אין בערלאד, דעם 30סטן יולי 1902.
איך האָב נישט געפונען דעם עקזעמפלאר.

62
שומר ישראל

דערשינען אין בוקארעשט, וועכנטלעך, צווישן 7טן פעברואר און 8טן אויגוסט 1903. פאָרמאט: 29/40 צמ.
איך האָב נישט געפונען קיין איין נומער.

63
המבשר

בעלעטריסטישע מאָנאטשריפט פיר ציוניזמוס, קולטור, אינטערעסאנטע נאכריכטען, קונסט אונד אונטערהאלטונג.
ערשיינט 1 מאָל אין יעדען חודש (אויף בעסער פאפיר 10 באני איינע נומער). רעדאקטירט אונד הערויסגעגעבען פאָן ז. העללמאן (זמ״ן).

פאָרמאט: 15/21 צמ, 16 זייטן.
ערשטער נומער איז דערשינען ר״ח סיון התרמ״ג, 14טער מאי 1903, יאס.
דער צווייטער נומער איז דערשינען אין חודש תמוז, 13טן יוני 1903.
די איבעריקע נומערן זענען שוין נישט נומערירט, און האָבן אויך נישט קיין דאטע, זיי זענען ארויסגעגעבן געוואָרן געלעגנהייטלעך, אין זעלביקן פאָרמאט אָבער בלויז צו 4 זייטן:

„אתה בחרתנו“, אָריגינעלעס קאַפּלעּ. טעקסט אונד מוזיק פאָן ז. העללמאַן (הזמ"ן), געזונגגען פאָם בעליעבטען, ארטיסט.

"דרשה לבר מצוה", פאָן ז. העללמאַן (הזמ"ן) מיט לאַטייני־שער טראַנסקריפּציע

„ציונס צוואה“, איין גלות־ליעד. טעקסט אונד מוזיק פאָן ז. העללמאַן (הזמ"ן), געזונגען פאָם בעליעבטען ארטיסט.

„ישמחו“, אָריגינאַלעס קאַפּלעּ. טעקסט אונד מוזיק פאָן, ז. העללמאַן (הזמ"ן) געזונגען פאָם בעליעבטען ארטיסט.

„קינות אחרונות“, מספד מר עלי טבוחי קישינוב ועל חלליה. טעקסט אונד מוזיק פאָן ז. העללמאַן(הזמ"ן) מו"ל

„המבשר“. געזונגען. פאָם פּאָפּולערען אונד בעליעבטען ארטיסט ב. ל. זיגעלער.

יאססי, כ"ה סיון תרס"ג.

„אקדמות“, פערפאַסט אונד געזונגען פאָן ארטיסט העלמאַנעסקו (הזמ"ן) 1 ז'.

„אלון בכות“ צום עוויגען אָנדענקען. געווידמעט דעם יודישען טהעאַטער, על מות משכיל מכתם, מאת ז. העללמאַן (הזמ"ן), יאַס רומעניע.

דאָס איז אן אקראָסטיך „זעליג מאַגולעסקו“, וועמען דער מחבר באווײנט. אלע נומערן געפונען אין דער פעדעראַציע.

64

תקות ישראל

אָרגאַן פאַר ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע צווײשפּראַכיק: רומעניש און יידיש.

ערשטער יאָרגאַנג, נומער 1, יוני 1903 — יאַס.

פאָרמאַט: 22/32 צמ, 4 זייטן, 2 קאָלומנעס.

צו די 4 זייטן (האַלב רומעניש, האַלב יידיש) זענען צוגעגעבן אַן אומזיסטיקע הוספה, וואָס איז נאָר יידיש: זייט 5, 6 און 7 — זייט 8 איז ליידיק.

געפונען אין דער אַקאַדעמיע.

65
דער שקל

געלעגנהייטלעכע צייטונג. דערשינען אין 14טן מאי 1906, איך פּיאַטרא-נעאַמץ. אין רומעניש און יידיש.

ווייזט אויס, אז די ארויסגעבער זענען די זעלביקע ווי פון „לבנון״, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1902. דאָס קאָן מען באַמערקן פון דער דאַטע, וואָס איז אויפן זעלביקן אופן: סיון א׳תתלז לחורבן.

אונטערן טיטל (אויף רומעניש) זענען פאַראַן צוויי מאָטאָס: „כל העובר על הפקודים יתן״ (שמות ל-יד), און: „כל דעבר בימא יתן״ (ירו-שלמי שקלים א-ה).

פאָרמאַט: 22/32 צמ, 8 זייטן, 2 קאָלומנעס.

די זעקסטע זייט איז אין יידיש, אנטהאלט אן „אַפּפּעל״ וועגן א שקל-אַקציע געהחתמעט „פּאַלעסטינע-פערײַן״ און „פּאַלעסטינא שקל״.

דעם נומער האָב איך געפונען אין דער אקאדעמיע.

66
די יודישע וועלט

אין קאַטאַלאָג פון דער אקאַדעמיע פאַרצייכנט, אז עס איז דערשינען אין גאַלאַץ, דעם 1טן יאַנואַר 1905. דירעקטאָר: שעכטער. איך האָב עס נישט געפונען.

67
די יודישע צוקונפט

דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 16טן יולי 1907, אין יאַס. דאָס איז שוין די דריטע צייטונג, וואָס דערשיינט אונטערן זעלביקן נאָמען. דאָס מאָל איז זי רעדיגירט פון אורי קייש.

איך האָב נישט געפונען קיין איין נומער, ק.ו איך נישט אָנגעבן מערער איינצ'הייטן.

68

דיא ריכטיגע יודישע צוקונפט

ערשיינט צוויי מאָהל אין חודש. א בלאט פיר ציוניזמוס ליטעראטור אין ווי‏סנשאפט. דער העֶרויסגעבער אונד פאַלקס רעדנער אורי קייש. רעדאק־טאָר: לוי סג״ל.

פאָרמאט: 23/32 צמ, 8 זייטן, 3 קאָלומנעס.
דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 25סטן אָקטאָבער 1907.

איך פּרואוו געבן אַן אָביעקטיווע אינפאָרמאציע וועגן די יידישע צייטונגען וואָס זענען דערשינען אין רומעניע. איך וויל נישט משפּטן די מחברים, די רעדאקטאָרן, נישט זייער טאַלאַנט און נישט זייערע פּובליציסטישע פעאיקייטן, און אויך נישט זייערע קענטעניש. איך וויל זיך האלטן ביים פּרינציפּ, אז אויב א יידישע פּובליקאציע איז דערשינען אין יענער צייט, אין יענער פאָרעם און מיט יענעם אינהאַלט — האָבן מיר היינט נישט דאָס רעכט צו משפּטן און אוודאי נישט חלילה צו פאַראורטיילן. דאָס זאָג איך אויך פון אייגענער דערפאַרונג. האָב איך דען יאָ געקאָנט אַלע מאָל טאָן אַלץ, ווי אַזוי איך וואָלט געוועז וועלן?! האָב איך דען יאָ געקאָנט שרייבן אַלץ, וואָס איך האָב דעמאָלט געטראַכט; צי האָב איך געקאָנט דרוקן, אַזוי ווי איך האָב עס אָנגעשריבן?! האָב איך דאָך אַליין געמוזט נישט זעלטן זיך צופּאַסן צו געוויסע תנאים און אומשטאַנדן, (יאָ, גורם געווען — נישט משפּיע געווען), אַז סע זאָל צו מאָל ארויס נישט אַזוי, ווי איך וואָלט געוועז וועלן... אָט פאַר וואָס איך האַלט, אַז מערער רעכט צו משפּטן האָבן געהאַט יענע, וואָס האָבן געלעבט אין יענעם דור, ווען די פּובליקאציע איז דערשינען, בפרט ווען זי איז דערשינען א לענגערע צייט.

פאַר וואָס מאַך איך די דאָזיקע פאַראַנטעזע? ווייל צוטרעטנדיק צו דערמאָנען „דיא ריכטיגע יודישע צוקונפט" און איר מחבר אורי קייש, וואָס איז נישט בלויז פון איינעם אָפּגעפרעגט געוואָרן, מוז איך זאָגן, אַז

DIE RICHTIGE JÜDISCHE ZUKUNFT
די ריכטיגע יודישע צוקונפט

RICHTIGE JÜDISCHE ZUKUNFT
די ריכטיגע יודישע צוקונפט

DIE RICHTIGE JÜDISCHE ZUKUNFT
דיא ריכטיגע
יודישע צוקונפט

איך האָב געבלעטערט די עטלעכע עקזעמפּלאַרן, וואָס איך האָב געפונען אין דער פּעדעראַציע, און געזוכט צו געפינען אַ זכות.

קודם איז, ווייזט אויס, אורי קייש געווען בלויז דער אַרויסגעבער. מיט דער רעדאַקציע גופא האָט זיך אָפּגעגעבן לוי סעגאַל.

איך וועל איבערגעבן אַ תוכן פון אַ נומער (8, פון 23סטן נאָ־וועמבער 1907), כדי מע זאָל זיך שאַפן אַ בילד וועגן דער דאָזיקער צייטונג:

דאָס לייטאַרטיקל: „חג המכבים" געחתמעט פון אורי קייש; „חנוכה" פון לוי סעגאַל, איז אַ צווייט אַרטיקל; אַ ליד פון ראָזענפעלד; „די יו־דען לאַגע אין רומעניע" געחתמעט „בג"ן"; אין פאָרזעצונגען דרוקט זיך: „דיא יודישע אוצרות"; „אַ יוד אין רוסלאַנד אַלס פיהרער פון די רוסי־שע כאַליגאַננעס" (סע רעדט זיך וועגן איינעם גרינגמוט, דער פירער פון די שוואַרץ־מאַהניקעס); „באַראָן גינזבורג אין פעטערסבורג" „חנוכה־ליכט" (אין פאָרזעצונגען) געחתמעט: „אַ יוד אַ מענש"; און הומאָר.

דער נומער 21 (פערטער יאָרגאַנג) פון 4טן דעצעמבער 1910, יאָס האָט שוין אַן אַנדערן פאָרמאַט: 32/48 צמ, 4 זייטן, 4 קאָלומנעס.

דאָס מאָל איז שוין געבליבן אַליין אורי קייש, „רעדאַקטאָר־הערויס־געבער". אין דאָזיקן נומער איז פאַרעפנטלעכט: „זענען דאָ ביי יודען גרויסע מענטשען?" געחתמעט „בן שרה"; „ווי זאָגט איהר רבותי, מעג מען זאָגען דעם אמת?" פון אורי קייש; „ווי אַזוי לעבט אַ יונג פּאָהר פאָלק נאָך דער חתונה?"; „דער טויער פון טיטוס׳ן", איהר פרעגט וואָס דער שקל איז?" פון אורי קייש; „יודען אין צידון"; „בריעף פון פּאַריז"; „נאַציאָנאַל־רעליגיעזע רעדנערס" פון אורי קייש; „יאַנקעל ווערט אויס פּרעזידענט" (צווייטער קאַפּיטל), געחתמעט: „אויף ווידער זען".

דער ראש־השנה נומער 40 פון סעפּטעמבער 1911, יאָס, האָט שוין ווידער אַן אַנדערן פאָרמאַט: 65/74.5 צמ, 4 זייטן, 9 קאָלומנעס.

דער נומער איז אויך פול מיט אורי קיישס רעטאָרישע אַרטיקלען. איך די טיטלען, וואָס איך ציטיר זאָגן עדות אויף זיין רעטאָרישן סטיל, אָבער אויך אויף זיין אָנערקענטן רעטאָרישן טאַלאַנט. איך האָב געטראָפן עלטערע יידן, וואָס האָבן געקאָנט פּערזענלעך אורי קיישן, און זיי האָבן עדות געזאָגט, אויך ווען ער איז נישט געווען קיין ליטעראַט — איז ער אָבער געווען אַ טאַלאַנטירטער רעדנער. דער עולם האָט אים גערן אויסגעהערט און געקומען צו זיינע פאָרטראַגן.

דערפאר האָב איך אויבן געזאָגט, אז איך וועל ליבער זוכן די מע־לות, ווי די חסרונות. און מעלות זענען פאראן כמעט אומעטום. מע דארף זיי נאָר זוכן. אָט למשל, קאָן מען באמערקן, אז מיט דער צייט, ווען דער פאָרמאט האָט זיך פאַרגרעסערט האָט זיך אויך דער תוכן כּארבעסערט. א סימן, אז סע זענען צוגעצויגן געוואָרן אין דער רעדאקציע נייע מיטאר־בעטער, וואָס האָבן געקענט גאנץ גוט יידיש און געהאַט טאלאנט, אָנצו־שרייבן אַן ארטיקל צי א פעליטאָן.

ווער זיי זענען געווען די מיטארבעטער, וועלכע האָבן געהאט א גוטע השפעה אין דער רעדאקציע, קאָן איך זיך איצט נישט דערוויסן, ווייל זיי האָבן געחתמעט מיט פארשידענע פסעוודאָנימען. א מאָל „איצעלע“, א מאָל „איש הנעלם“. אָבער גלייכצייטיק האָט מען אָנגעהויבן איבער־דרוקן אויך פון אנדערע צייטונגען (אזוי מיין איך, אז זיי האָבן נישט צוגעשיקט זייערע ארטיקלען צו דער רעדאקציע — אָבער, מע קאָן דען וויסן? אפשר האָבן זיי טאקע יאָ געשיקט. נישט האָבנדיק קיין אנדערע טריבונע, קיין אנדערן עמוד, האָבן זיי זיך געשטעלט אויך צו דעם „שטענ־דער“ דאווענען!...). אזוי למשל קאָן מען לייענען געחתמעט פון ד״ר נתן בירנבוים, אַן אנדער ארטיקל פון גדליה בובליק, וועלכע זענען אפשר דערשינען צו ערשט אין די פוילישע יידישע צייטונגען.

אמת, אויך צו די איבערגעדרוקטע מאטעריאלן פלעג מען צו מאָל „צוטשעפען“ עטלעכע פראזן, וואָס האָבן צעקאליטשעט דאָס ביסעלע פובליציסטישע צי ליטערארישע „האָב און גוטס“. אזוי למשל איז געשען מיט שלום עליכמס דערציילונג „די יורישים“, אָבער דער לייענער האָט שוין געהאט וואָס צו לייענען עפעס „לייטישס“.

פון די ארטיקלען זעט זיך אָן א נישט־קאָנסעקווענטקייט מצד דער רעדאקציע. אויף דער זעלביקער זייט האָט מען געקאָנט לייענען אויך א שיינעם יידיש, נעבן א פארדייטשמערישטן ארטיקל.

וועגן אורי קייסש נביאות (אזוי וויל איך אָנרופן קייסש פאָליטישן חזיון!), קאָן מען זען פונעם דערמאנטן נומער סעפטעמבער 1911), וואו קייש שרייבט אין א קורצער נאָטיץ אונטערן טיטל: „אין צעהן יאהר ארום“.

„מיר לעזען דאָ ניט לאנג א טעלעגראמע אין דער „דימינעאצא“ מיט לשון: פעטערבורג. דער האנדעלס מיניסטער האָט פאָרגעלעגט דער האנדעלס שולע אין קריוואָיראָג (אזא שטאָדט אין רוסלאנד), אז זי זאָל ביסלעכווייז פערקלענערן דיא צאהל פון די אָנקומענדיקע יודישער שילער,

אזוי אז ביז אין 1920טען יאָדר זאָלען זיך דאָרטען נישט געפינען מעהר ווי 15 פראָצענט"...

נאָכן דערמאָנען די מעשה מיטן אשמדאי, ענדיקט זיך די נאָטיץ מיט א רעטאָרישן אויסרוף: „אָ, דו, אשמדאי, וועמען עס איז אנטפּלעקט דיא צוקונפט — זאָג אונז צום נייעם יאָהר אויס דעם סוד: זאָג. דאַרפען מיר לאַנגען אָדער ווײנען פון דער דאָזיגער לאַנגווער באַשטעלונג — אויף גאַנצע צעהן יאָהר?".

אָט דער אורי קייש, וועלכער האָט פיל מאָל געצייכנט זיינע אַרטיקלען „מיט ציוניס גרוס" האָט יאָ פירגעזען, וואָס סע וועט זיין אין ווסלאַנד איבער צען יאָר ארום...

איך וועל נאָך צוגעבן א תוכן פונעם נומער 295 (צענטער יאָרגאַנג) פון 25טן יוני 1916, בוקארעשט.

אויך אין דעם דאָזיקן נומער איז אורי קייש געחתמעט עטלעכע מאָל: „חזנות און יודישקייט. איז דאָ א יידישע מוזיק?" (מיטן בילד פון ד. גאָלשטיין, אויבער קאַנטאָר אין דער גרויסער שיל אין בוקארעשט) געחתמעט א. ק.; „די יודישע נשמה אין דעם שטורם פון דער מלחמה"; „א יתום — נעביך אין בוקארעשט" פון אורי קייש; „א בוקארעשטער קמצן אויף יענער וועלט" (פעליטאָן) געחתמעט פון אורי קייש; „שלום עליכם" (איבערגעדרוקט פון „די טריבונע" קאָפּענהאַגען, צום טויט פון ש"ע); „סעזאָן קראַנקהייטען", „א מזל טוב" פון אורי קייש...

וועגן די מאטעריעלע שוועריקייטן פון דער דאָזיקער צייטונג קאָנען מיר זען פון די אנאָנסן. למשל, אין סאמע אָנהויב פון דער צייטונג, ווי אין כמעט אלע יידישע צייטונגען, וואָס זענען צו יענער צייט דערשינען אין רומעניע, קאָן מען לייענען, אז ווער סע האָט באַקומען צוויי נומערן (געוויינטלעך זענען די ערשטע צוויי נומערן געווען „פּראָבע-נומערן") פון דער צייטונג און האָט זיי נישט צוריקגעשיקט איז באַטראַכט געוואָרן פאר אן אבאָנענט.

אין יעדן נומער איז דערשינען א מודעה, וואָס האָט סותר געווען די פריערדיקע. אין איין נומער איז דערשינען, למשל, אז דער רעדאַקטאָר לוי סעגאַל האָט דאָס רעכט איינצוקאַסירן דאָס געלט פון די אבאָנענטן. דערנאָך קומט א מודעה, אז קיינער האָט נישט דאָס רעכט איינצוקאַסירן אחוץ דעם רעדאַקטאָר אורי קייש. דערנאָך דערשיינט א מודעה, אז זיין ברודער מרדכי קייש האָט דאָס רעכט איינצוקאַסירן. שפּעטער דערשיינט ווידער, אז קיינער אחוץ אורי קייש האָט נישט דאָס רעכט איינצוקאַסירן.

און אזוי גייט עס כסדר... ווייזט אויס, אז די אלע, דער ברודער און אויך דער זון אפילו, האָבן אייגקאסירט דאָס געלט און „עוקר" געווען.

א טשיקאַווערע מעשה ווערן מיר געוואויר אין נומער 48 פונעם 25סטן יולי 1909: „דאָ נישט לאנג איז אין סאָליצע געווען א יודי־שער רעדאקטער זיך איינקאסירען זיינע עטלעכע אָרעמע פראנקס פיר זיין בלאט, איז ער פון אייניגע גראָבע יונגען, אזוי אויפגערעגט געוואָרען. צום ביישפּיל פון וועמען: פון הערש ריינער. משה הערשקאָוויטש, שלום מאיראָוויטש, אברהם לעבאָוויטש, אז דער רעדאקטער איז געגאנגען אין האָטעל צוריק, האָט זיך געגאָסען א סאָליציר רעגען אויף איהם. ביים אריינקומען אין צימער האָט דער רעדאקטער געגעבען א געשריי: שוין גענוג קאסירט אין סאָליצע, איך וועל מיך לעגען אָבריהען. האָט ער דעם שירים ארײן געלעגט אין בעט העווין און אליין האָט ער זיך אוועקגע־שטעלט אין א ווינקעל. זעהט רבותי, וואס סאָליצע קען אָב טוהן א יו־דישער רעדאקטער!".

בכלל האָט דער רעדאקטער קייש רעאגירט תיכף אויף סיי וועלכן אָנגריף קעגן זיין צייטונג.

וויפל צייט איז דערשינען די דאָזיקע צייטונג?

אין צווייטן נומער פונעם פערטליאָריקן זאמלבוך „ליכט", וועגן וועלכן מיר וועלן שפּעטער שרייבן, ווערט געזאָגט, אז זיי פּרואוון שאפן א יידישע ליטעראטור, ווייל דער אינטעלעקטואל קאָן זיך נישט שפּייזן מיטן „טייטש־חומש", מיטן „יודישע צוקונפט" א"א.

לויט דעם, איז די צייטונג דערשינען אויך אין יאָר 1915.

שפּעטער האָב איך געפונען נאָך איין עדותשאַפט: איציק מאנגער האָט פארעפנטלעכט אין די ווארשעווער „ליטעראַרישע בלעטער" נומער 51, פון 22סטן דעצעמבער 1933, אַן ארטיקל וועגן שלום עליכם, אין וועלכן ער דערציילט בדרך אגב:

„איך געדענק:

א פרילינג טאָג וואָס האָט פארשמעקט מיט מייגאָלד, מיט צייטיקן בעז און קארשבליטן.

אין יאס, דער קרוינשטאָט פון מאָלדאָוויע, דער קרוינשטאָט פון יידישן טעאטער.

א בלייך פופצן־יאָריק יינגל פאר דער וויטרינע פון א יידישן מוכר ספרים, אין סאמע הארץ פון שולהויף.

פון דעם יינגלס אויגן קאפען טרערן.

אין פענצטער הענגט א צייטונג די ריכטיקע יידישע צו־קונפט.

דאס ערשטע זייטל אין א שווארץ רעמל. דאס קעפל מיט גרויסע קידוש־לבנה־אותיות.

„געשטארבן שלום־עליכם"; „געשטארבן דער יידישער געלעכטער".

*

אין א רומענישער בראשור פון אורי קייש אונטערן טיטל ווי אזוי העלפן מיר אונדזערע אריעמע?", וואס איז דערשינען אין יאר 1935, שרייבט ד"ר י. נימעראווער אין זיין הקדמה: „מיר זענען זיכער אז א. קייש, וועלכער שטרעבט אויפצולעבן די צייטונג „די יודישע צוקונפט", וואס ער האט ארויסגעגעבן 24 יאר, וועט געווינען די סימפאטיע פון זיינע צוהערער און לייענער".

הייסט עס, אז די צייטונג איז דערשינען כמעט א פערטליארהונדערט.

אויב איך האב ציטירט פון דער „ליכט" א ביטול־אויסדרוק לגבי „דער צוקונפט" וועל איך למען האמת ציטירן, וואס סע האט געשריבן „שויבן" פון מערץ־אפריל 1937, וועלכע איז געווען נישט בלויז ליטערא־ריש פיל העכער פון „ליכט", נאר איז געווען די ראדיקאלסטע פובליקא־ציע, אנטיציוניסטיש — און דאך האט זי נישט פארזען די פארדינסט פון אן אורי קייש:

„געשטארבן אורי קייש.

געשטארבן אין בוקארעשט אלט, עלנט און ארעם א מענטש, וואס איז אין פארמלחמהדיקן אלט־רומעניע געווען אן ארויסגעבער פון יידי־שע צייטונגען און א פאפולערער פאלקס־רעדנער אויף מאמע־לשון.

אן די קולטור־כוונות פון א ראובן אשר ברוידעס און אן דער קול־טור־קאפריזנעקייט פון אלעזר רוקח, וואס האבן פאר אים געפראוועט פארפלאנצן אין אלט־רומעניע יידישע זשורנאליסטיק און אפילו אן דער געזעלשאפטלעכער חזקה פון די ארויסגעבער פונעם „היועץ" — מיט איינעם ווארט: אן שום צוגרייטונג און זכותים האט אורי קייש פרום אויף זיך גענומען דעם יאך פון זיין, ווי ער האט זיך אליין טיטולירט אין זיינע בלעטער „די יודישע צוקונפט" רעדאקטאר אונד פאלקסרעדנער.

אין א שפראך, וואָס איז געווען א געמיש פון בעסאראבישער ישוב-פּראַסטקייט און בוקארעשטער טעמפּל-דייטשמעריזם, האָט ער אונטערגע-טראָגן אין זיינע צייטונגען אן עכט יידישלעכן צימעס פון אָרטאָדאָקסיע, צדקה, ציוניזם און בלא יודעים אויך געזונטן עמך־פּאָלקיזם. דאָס פּיקאַנטע מיט וועלכן ער האָט געפּעפּערט זיין מאטעריאַל, זענען געווען יידישע צרות, פּאָגראָמען, וואָס האָבן זיך אין זיינע רעדעס און אַרטיקלען צע-וואקסן צו יאָמערלעכע געוויינען און האָבן דאָ און דאָרט ארויסגערופן ביי זיין אוידיטאָריע אקצענטן פון קאָלעקטיווער היסטעריע. ער איז אָבער געווען נישט נאָר א בוכה, נאָר אויך א פּאָלקסטרייסטער, וואָס האָט פון די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן געשפּינען גאָלדענע האָפענונגען און פאנטאסטישע ישועה-חלומות.

לעבן משה מאָנטעפיאָרע און ד״ר הערצל — זיינע באַליבטע העל-דן — האָט ער אינסטינקטיוו אויך דערפילט די באדייטונג פון שלום עליכם און פּרץ וואָס זייערע מאָנאָלאָגן און נאָוועלן האָט ער אפשר דאָ דער ער-שטער איבערגעדרוקט אין זיינע צייטונגען.

ער האָט זיכער נישט געוואוסט, אז ער איז דאָ אין לאנד געווען א פּיאָנער פון יידיש און אז זיין נאָמען וועט דערמאָנט ווערן נישט כּון זיינע קאָנגרעס-ציוניסטן, נאָר פון די, וואָס וועלן קומען פאָרשן די גע-שיכטע פון יידיש אין רומעניע״.

איז האָב איך איצט געטאָן מיין חוב.

69

בס ציונה

גאלאצער וואָכנשריפט אָרגאן פיר יודישע אינטערעסען, ציוניזמוס, ליטעראטור אונד וויסנשאפט. ערשיינט יעדען זאָנטאג. אייגענטימער אונד רעדאקטער: מ. בירנבוים אונד ש. שאפּירא.

די דאָזיקע „מאָדנע״ צייטונג, מיט א העברעאישן טיטל און דייטשן אונטערטיטל (ממש דייטשע אותיות) איז דערשינען צווישן 7טן דעצעמבער 1908 און 6טן פעברואר 1909. בסך הכל 5 נומערן.

איך האָב נישט געפונען קיין איין נומער.

70
די 9 טעג

פיאַטרא נעאַמץ, 1909. א געלעגנהייטלעכע אויסגאַבע מיט לאטיינישער טראַנסקריפּציע, פון לוצע ענגעלבערג. בוכפאָרמאַט, 4 זייטן.

נ. מאַרק שרייבט וועגן דאָזיקן מחבר: „זאָל אָבער דער לייענער ניט מיינען אז דאָס איז צוליב עפּעס אַן אויפטו, אַן אידעע, די סיבה איז אַ פיל פּשוטערע, ער האָט נישט געקענט אויפשרייבן דעם אלף־בית. אויף מיין פראַגע, וועלכער פון די יידישע הומאָריסטן געפעלט אים בעסער, שלום עליכם צי טונקעלער, האָט ער געענטפערט מיט בולטער ווערדע: „איך האָב נאָך אפילו איין יידיש ביכל נישט געלייענט און וועל אויך נישט לייענען, ווייל איך וויל זיין אָריגינעל"...

לוצע ענגעלבערג האָט אויך אַרויסגעגעבן „שבת נאָך טיש" און „דער שבת הגדול" (8 זייטן), אין יאָר 1910, אַלץ מיט לאַטיינישער טראַנסקריפּציע.

די נומערן געפינען זיך אין דער פעדעראַציע.

71
האור

אָרגאַן פיר דער ליכט. אונטערשטיצט פאָן פאָרנעהמסטע מעננער דעם פאָלקס.

עושיינט דורך הירש ראַבינזאָהן.

בית יעקב לכו ונלכה באור ד'".

בוקאַרעשט, נומער 1 פון 28סטן נאָוועמבער 1909.

פאָרמאַט: 23/33 צמ, 4 זייטן, 3 קאָלומנעס.

אין דער צייטונג איז פאַראַן אַן אַנגריף קעגן הרב שור, וועלכער אַנטוויקלט אַ ציוניסטישע טעטיקייט — געחתמעט „הר"ז".

די פערטע זייט איז ליידיק. בלויז צוויי ווערטער מיט גרעסערע אותיות: „צום ווידערזעהן"!

און דאָס ווידער ווען איז געקומען אין 2טן פעברואר 1910, ווען עס איז דערשינען דער צווייטער נומער, מיט א ביסל א פארגרעסערטן פאָרמאַט: 30/40 צמ, 4 זייטן, 3 קאָלומנעס.

די נומערן האָב איך געפונען אין דער אקאדעמיע.

איך וויל דאָ באַמערקן, אז אין יאָר 1904 איז דערשינען אין ראָמאַן אַ העברעאישער חודש זשורנאַל אונטער טיטל „האור", בסך-הכל 7 נומערן.

72

לשנה הבאה במצרים

דאָס ערשטע און דאָס לעצטע יאָר. אפריל 1910. פאָקשאַן.
פעסטיוואל צייטשריפט פון שבת הגדול.
ערשיינט איין מאָל א יובל.

רעדאקטירט פון מאריץ ל. קליין און לעאָן קאַלמאַנאָוויטש.
אבאָנאַמענט: 6 מאָנאַט 8 פראנק, א גאנץ יאָר 2.60.
פאָרמאַט: 22/32 צמ, 8 זייטן, 3 קאָלומנעס.

די פובליקאציע איז אין לאטיינישער טראנסקריפציע. געפינען אין דער אקאדעמיע.

זאָל דאָ פארצייכנט ווערן בדרך אגב, אז דאָס מאָלדעווישע שטעטל פאָקשאַן האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין יידישע פובליקאציעס. אָבער סע האָט זיך „אויסגעצייכנט" מיט א פערזענלעכקייט.

דאָ איז געבוירן געוואָרן סאָלאָמאָן שעכטער (שניאור־זלמן), פאָרשער פון מדרשים און מיטלאַלטערלעכער העברעאישער ליטעראַטור, באַגרינדער פון „קאָנסערוואַטיווער יידישקייט" אין אמעריקע. געבוירן אין 1847, געשטאָרבן אין 1915 אין ניו־יאָרק.

זוכנדיק מלמד־זכות צו זיין אויפן רומענישן יידנטום, פארצייכן איך יעדן פאַרדינסט, אפילו דעם דאָזיקן, וועלכן איך האָב געפונען אין „לעקסיקאָן פון מפרשים און פירושים אין יהואשעס הערות צום תנך" פון ד"ר מרדכי קאָסאָווער. ניו־יאָרק, 1949.

איך גיב אָן דעם מקור, ווער סע אינטערעסירט זיך מיט דער דאָזיקער פערזענלעכקייט, אָן אָפּשטאַמיקער פון רומעניע, קאָן ער דאָרט געפינען איינצלהייטן.

73
ליכט

א פיערטעל־יעהריג זאמעלבוך.
חנוכה. תרע"ח. ערשטער יאָהרגאנג. נומער 1.
פערלאג „קדימה" יאסי. דעצעמבער 1914.

פאָרמאט: 16/23,5 צמ, 48 זייטן אין א הילע.

4 נומערן זענען בסך הכל דערשינען פון אָט דער פובליקאציע: דער ערשטער נומער איז דערשינען אין חנוכה תרע"ה, דער צווייטער נומער איז דערשינ'ען פסח תרע"ה, דער דריטער נומער טראָגט די דאטע פון תמוז תרע"ה און דער פערטער, דאָס הייסט אויך דער לעצטער, איז דערשינ'ען חשון תרע"ו.

וועגן אָט דער צייטשריפט איז נישט ווייניק געשריבן געוואָרן, ווייל ווי אזוי מע זאָל זי געווען נישט אָפּשאצן, בלייבט עס דאָך א פאקט, אז אָט די פובליקאציע איז געווען א קולטור-געשעעניש פארן אנט-שטיין פון א מאָדערנ'ער יידיש ליטעראריש פיאָנערישער אויסגאבע אין אלט-רומעניע.

סע זענען געווען אזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט איבערשאצן די ווערט פון אָט דער פובליקאציע, ווילנדיק אָנרופן מיט א נאָמען, וואָס איז אזוי פרעטענציעז ווי „די עפּאָכע ליכט" (פ. אלמוני האָט פארעפנטלעכט אַן אָפּהאנדלונג אין דער רומענישער שפראך, אין בוכפאָרעם פון 86 זייטן מיט דעם דאָזיקן נאָמען).

אנדערע, צווישן וועלכע אויך ד"ר שלמה ביקל, האָבן ווייניקער אָפּגעשאצט אָט די פובליקאציע. ביקל זאָגט, אז וואָס ביי פ. אלמונין קומט אויס אז די צייטשריפט ליכט האָט „פאר דער קורצער צייט פון איר עק-זיסטענץ באוויזן ארויפצולייגן איר חותם אויף אַן עפּאָכע, וואָס וועט פארבלייבן אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען ,די ליכט-עפּאָכע' דאָס איז, פארשטייט זיך, נישט מער ווי גרויס-רעדעריי, ווי גוזמא" („רומעניע" ז' 1893).

איך וועל זיך נישט ארייַנלאָזן איצט אין קיין וויכוחים. איך האָב עס אויך ביז איצט אין דער דאָזיקער ארבעט נישט געטאָן. אָבער בדרך אגב, ווילט זיך מיר באמערקן, אז סע וואונדערט מיך, וואָס ד"ר ביקל, וועלכער האָט אפשר דעמאָלט נאָך געקאָנט דערפארן, וועלכער מחבר סע האָט זיך אויסבאהאלטן אונטערן פסעוודאָנים „פ. אלמוני", וואָס הייסט

פלוני-אלמוני, אָדער אויף יידיש: „עמעצער". אפשר איז עס איינער א נוגע בדבר?! און קאָן זיין, אז אפילו שלמה ביקל האָט אויך שוין נישט געהאט די געלעגנהייט אים צו אידענטיפיצירן. איך ווייס דאָך נישט ווען ער האָט אָנגעשריבן, צי פארעפנטלעכט, דאָס דאָזיקע ארטיקל. איך ציטיר עס פונעם בוך, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1961 אין בוענאָס איירעס, מסתמא האָט ער עס געשריבן ביי א געלעגנהייט, לאָמיר זאָגן, ווען עס איז געווען 40 יאָר זינטן דערשיינען פון דער צייטשריפט — און ער איז שוין דעמאָלט נישט געווען אין רומעניע.

איך וועל אָבער פארצייכענען דעם פאַקט, אז די דאָזיקע פובליקאציע איז דערשינען אין סאמע ברען פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, אין וועל-

כער רומעניע איז נאָך צו יענער צייט נישט ארײַנגעטראָטן, אָבער דער געדרוך פונעם פּולווער האָט זיך שוין געפילט אין דער לופטן.

אמת, די רעדאקטאָרן פון אָט דער פּובליקאַציע האָבן כמעט נישט געוואָלט וויסן וועגן דעם פּולווער-ריח און האָבן אָנגעהויבן ארויסגעבן א זאמלהעפט, וואָס זאָל קודם דערשײַנען פּערטליעריק, אָבער שוין אין דריטן נומער, פון תמוז 1915, ווערט שוין אָנגעזאָגט, אז בקרוב, דאָס הייסט אין חודש חשוון, פאַרן צווייטן יאָרגאַנג, וועט די צײַטשריפט אָנהייבן דערשײַנען יעדן חודש. נאָך מער, אין פערטן נומער, וואָס איז דערשינען אין סעפּטעמבער 1915 ווערט שוין אָנגעזאָגט, אז דער קומענדיקער נומער וועט דערשײַנען קומענדיקן חנוכה — אָבער שוין יעדן חודש...

אין זעלביקן נומער ווערט אויך אָנגעזאָגט, אז אלע פיר העפטן, פונעם ערשטן יאָרגאַנג, קאָן מען באַקומען צוזאמען געבונדן. צו דעם צוועק האָט מען אָפּגעדרוקט א ספּעציעלע הילע, אויף וועלכער עס איז געווען באַטיטלט „ערשטער יאָהרגאַנג, פיר העפטען, באנד איינס". דאָ ווערט עס שוין אָנגערופן נישט „פיערטעל-יעהריג זאַמעלבוך", נאָר „באנד איינס". ווי סע ווײַזט אויס האָט די רעדאַקציע שוין בײַם אָנהייב אין זינען געהאַט צו מאַכן איין באַנד צום סוף יאָר, ווײַל די העפטן זענען געווען נומערירט, נישט באַזונדער, פון 1 ביז 48, נאָר ביז 226. דער צווייטער העפט האָט זיך שוין נישט אָנגעהויבן מיט זייט 1, נאָר פאָרגעזעצט מיט זייט 49.

ווער זענען געווען די רעדאַקטאָרן?

לויט דעם דערמאָנטן פ. אלמוני איז די רעדאַקציע באַשטאַנען פון א קאָלעגיע: אפרים וואַלדמאַן, יעקב גראָפּער, מתתיהו פרידמאַן און מאָטיע ראַבינאָוויטש. שפּעטער איז אויך צוגעקומען יעקב באָטאָשאַנסקי. פון צווישן די דאָזיקע, איז אפרים וואַלדמאַן געווען דער איניציאַטאָר.

לויט אַנדערע, איז יעקב באָטאָשאַנסקי געווען דער רעדאַקטאָר.

צו אָט דער רעדאַקציע־קאָלעגיע וועל איך צוגעבן אויך די צייכנער: רובין זעליקאָוויטש (דער שפּעטערדיקער באַרימטער ראובן רובין, וועלכער איז געווען דער ערשטער אַמבאַסאַדאָר אין רומעניע מצד דער ווידערגעבוירענער מדינת ישראל און איז געשטאָרבן אין יאָר 1974!), גלאַנצשטיין און ראָזענפעלד-ראָס.

פון אָט דער רעדאַקציע-קאָלעגיע זענען געווען די טאַלאַנטירטסטע, און זענען געבליבן אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור פון

רומעניע און מחוץ רומעניע, אויף א בכבודיקן אָרט יעקב גראָפּער און יעקב באָטאָשאנסקי.

מיט דער געלעגנהייט ווילט זיך אָנווייזן אויף א קוריאָז, אז טייל מאָל קאָן אפילו דער מחבר גופא נישט געהעריק אָפּשאַצן זיינע אן ארבעט. צו מאָל, נאָך אין דער „הייסער“ מינוט, ווען דער שעפערישער ענטוזיאזם באַהערשט נאָך דעם אויטאָר פון זיין נאָר וואָס אנגעשריבענער ארבעט, דערציילונג צי ליד, מיינט ער אז דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס ער האָט ביז איצט אָנגעשריבן. שפּעטער, ווען סע קומט אויף א נייע שאפונג, איז דאָס די „בעסטע“.

למשל, אין ערשטן העפט „ליכט“ האָט יעקב גראָפּער פארעפנטלעכט דריי לידער: „צום שאָטן פון יהודה המכבי“, צוויי סטראָפעס צו זעקס פערזן; „גאָלד און זילבער“, זעקס סטראָפעס צו זעקס פערזן; „רעקלאמע“ פון דרייצן סטראָפעס צו פיר שורות. זעט אויס, אז אפילו דער דיכטער האָט געהאלטן, די ערשטע צוויי לידער פאר די חשובסטע, הן לויט דער ריי וואָס זיי זענען פארעפנטלעכט געוואָרן, הן לויט דעם וואָס די ערשטע צוויי לידער האָט ער געחתמעט מיט זיין נאָמען און דאָס דריטע ליד איז דערשינען אונטער די ראשי-תיבות „י. גר.“. און דאָך—ווען עס איז דערשינען אין בוקארעשט אין יאָר 1934 דאָס איינציקע לידער-בוך, וואָס יעקב גראָפּער האָט זוכה געווען צו פארעפנטלעכן פון 96 זייטן, איז אריין בלויז דאָס ליד „רעקלאמע“ (אגב, איז דאָס במשך דער צייט פארעפנטלעכט געוואָרן אין פיל צייטשריפטן, ווי איינע פון די בילדערישסטע און געלונגענסטע לידער, וואָס גראָפּער האָט אָנגעשריבן!) אָבער די אנדערע צוויי לידער זענען נישט אריין אין באנד.

נאָך איין קוריאָז: אין ערשטן העפט איז דערשינען א ליד „פראגמענטן“ פון יעקב מעסטל (וועלכער האָט פארבראַכט יענעם זומער אין רומעניע און דערנאָך אוועק אויפן פראָנט). אין זעלביקן נומער פארעפנטלעכט אפרים וואלדמאן (אונטערן פסעוודאָנים דון יוסף) אן ארטיקל מיטן טיטל „יעקב מעסטל“, וואָס איז כמעט א נעקראָלאָג, ווייל עס איז אָנגעקומען א ידיעה אז מעסטל, ווי אן אָפיציר אין דער עסטרייכישער ארמיי, איז שווער פארוואונדיקט געוואָרן אויפן פראָנט און מע ווייסט נישט צי ער איז נאָך א לעבעדיקער. אָבער — די איראָניע פונעם גורל... יעקב מעסטל, דער דיכטער-אקטיאָר האָט געלעבט ביזן יאָר 1958, אָבער אפרים וואלדמאן, דער אונטעראָפיציר אין „13טן רעגימענט שטעפאן דער גרויסער“ איז געפאלן העלדיש שפּעטער מיט צוויי יאָר אין די בארימטע שלאכטן ביי מאראשעשטי...

פאר וואָס די צייטשריפט „ליכט“ האָט נישט פאַרגעזעצט איר דערשיינען איז, פארשטייט זיך, איצט מער קיין שאלה נישט. מיטן אריינגיין פון רומעניע אין דער מלחמה, אין יאָר 1916, ווען די הויפּטאיניציאַטאָרן, בתוכם אפרים וואלדמאַן זענען מאָביליזירט געוואָרן סוף יאָר 1915 האָט ביים בעסטן ווילן נישט געקאָנט רעאליזירט ווערן דער פּלאַן צו פארוואַנדלען אָט די פערטליאָר שריכט אין א חודשדיקער שריפט.

איין זאך האָט אָבער די גרופּע „ליכט“ יאָ אויפגעטאָן: זי האָט אָנגעשריבן מיט די פיר העפטן, וואָס זיי האָבן ארויסגעגעבן, און אָנהייבקאַפּיטל פון דער געשיכטע פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור אין רומעניע, מיט די היימישע כוחות פון דעם אזוי גערופענעם אלט-רומעניע.

74

די פּאָהן

א צייטונג פאַר הומאָר און סאַטירע, לכבוד שמחת־תורה תרע״ו, אומזיסטיגע ביילאַגע צום 4 טן העפט „ליכט“. יאַס, 18טער סעפּטעמבער 1915.

פאָרמאַט: 22/32 צמ, 8 זייטן, 3 קאָלומנעס.

אין דעם נומער זענען פארטרעטן כמעט אלע פון דער ליכט-רעדאקציע, אָבער איך וועל ציטירן בלויז פון איין ארטיקל „הושענה־בלעטלעך“ וועגן יידיש: „דריי וויכטיקע זאכן ווערן מיר געוואויר פונעם הער שווארצפעלד:

1). אז נייינציק פּראָצענט רומענישע יידן קענען נישט קיין יידיש,

2). אז אין רוסלאנד קען עקזיסטירן א יידישער קורענט, דערפאַר ווייל די יידן קענען נישט קיין רוסיש... און

3). אז דאָ, אין רומעניע איז גאָר איבעריק די גאנצע דיסקוציע מכח יידיש, ווייל די יידן קענען שוין ב״ה רומעניש...

מיר וואָלטן געקאָנט מוסף זיין נאָך 3 באהויפּטונגען:

די רוסישע יידן קענען דווקא יאָ רוסיש, נאָר זיי קאָנען נישט קיין רומעניש דערפאר שעמען זיי זיך נישט מיט דעם יידיש“...

75

יצחק ליבוש פרץ

ל״ג בעומר תרי״א — יט ניסן תרע״ה.

דערשינען אין יאס, צווייִשפּראַכיק (רומעניש און יידיש) צום טויט פון י. ל. פּרץ.

פֿאָרמאַט: 22/32 צמ. 4 זייטן, 3 קאָלומנעס.

די דאָזיקע אויסגאַבע איז אויך אַ פּראָדוקט פון דער רעדאַקציע „ליכט“, וואָס מע קאָן זען אויך פון דער פאָלגנדיקער מודעה:

„יידן, קומט צו דער גרויסער פאַרזאַמלונג, וועלכע וועט אָפּגעהאַלטן ווערן זונטיק דעם 26סטן אַפּריל (כ״ה אייר) ד. י. 9 אַ זייגער אויף דער נאַכט, אינעם סאַלאָן געלטצער, סטר. עלענאַ דאָמנאַ, צום אָנדענקען פון דעם גרויסן יידישן שרייבער י. ל. פּרץ.

ה״ה מ. שעכטער, יעקב גראָפּער, א. י. וואַלדמאַן און מ. ראַבינאָוויטש וועלן רעדן איבער: י. ל. פּרץ׳ס לעבן און שאַפן. מע וועט אויך פאָרלעזן פון זיינע ווערק.

יאַסי, אייר תרע״ה.

די רעדאַקציע איז אויך מודיע: „דער נומער 3 פון „ליכט“ וועט זיין אַ פּרץ-נומער״.

איך האָב געפונען דעם נומער אין דער אַקאַדעמיע.

76

דער וועקער

אָרגאַן פון דער אידיש-סאָציאַליסטישער גרופּע „וועקער“.

ערשטער יאָרגאַנג נומער 1. יאַססי, שבת 18טער יולי 1915.

ערשיינט 2 מאָל אין חודש. פֿאָרמאַט: 32/48, 4 זז׳, 4 קאָלומנעס.

דגם אַ סאָציאַליסטישע פּובליקאַציע, האָט זי פֿאָרגעזעצט די טראַדיציע פון די יידישע פּובליקאַציעס פון רומעניע פון יענער צייט, און אויך פון איר פירגייערין פון צוריק מיט כמעט 20 יאָר, און האָט אויך געהאַט אַ מאָטאָ, דאָס מאָל נישט קיין פּסוק פון תנך, נאָר אַ מימרא פון פּרקי-אָבות: „אם אין אני לי מי לי, ואם לא עכשיו אימתי“. אויב איך

וועל נישט זיין פאר מיר, ווער וועט זיין פאר כ״ר, און אויב נישט איצט — איז ווען?

אין לייטארטיקל ווענד זיך די רעדאקציע:

„צו די לעזער

20 יאר זענען אוועק זייט עס האט אויפגעהערט צו ערשיינען אין יאס די אידיש-סאציאליסטישע צייטונג „דער וועקער״.

מיט פרישן מוט און נייע האפענונגען גייט „דער וועקער״ אצינד ווידער ארויס.

דער „וועקער״ נעמט אויף זיך די גרויסע פאראנטווארטלעכע אויפגאבע צו זיין דער קולטורעלער פירער, דער סאציאליסטישער אויפקלערער פון די אידישע פאלקס-מאסן, אנטוויקלעןביים אידישן ארבעטער דעם קלאסנבאוואוסטזיין און ערקלערן אים זיינע פאליטישע אויפגאבן...״

אין זעלביקן נומער איז פארעפנטלעכט אן ארטיקל פון ד״ר געלערטער: „א גרוס פונעם אלטן צום נייעם „וועקער״.

„פון די חברים וואס האבן ארויסגעגעבן דעם ערשטן ,וועקער״ — דאס איז געווען אין מיינע שטודענטן יארן 1896 — זענען גאר ווייניק נאך איבער געבליבן אין רומעניע. די ארבעטער זענען באלד אלע איבערגעפארן קיין אמעריקע...

...אונדזער ערשטער „וועקער״ וועלכער האט געהאט דעם הויפט צוועק צו ארגאניזירן א קרעפטיקע, אידישע באוועגונג, וואס האט איינגעשריבן אין זיין פראגראם צו קעמפן וועגן עקאנאמישע און פאליטישע פרייהייט האט געפונען א גרויסן אפקלאנג אין דער נשמה פון אונדזער פאלק...

...מיר שטייען פעסט די אלט-נייע גארדע אונטער דער רויטער פאן פון אונדזער פארטיי...

פארווערטס גענאסן!

עס לעבע דער „וועקער״.

אין א ידיעה „אידען אין רוסלאנד״ ווערט געזאגט, אז „א פערטל מיליאן יידן געפינען זיך אין דער ארמיי און קעמפן אויפן שלאכטפעלד... מיר האפן אז דער ענערגישער קאמף פונעם רוסישן פראלעטאריאט וועט זיך ענדיקן מיט א גרויסן נצחון קעגן דעם דעספאטישן צאריזם און די אלע בארבארייען וועלן נישט בלייבן נישט באצאלט״.

אויף דער צווייטער זייט פונעם ערשטן נומער איז פארעפנטלעכט אן ארטיקל „א דאבעלטער יובילעאום״ לכבוד דעם 60 יעהריגען יובילעאום פון ק. דאבראזשאנו גערעא״, געחתמעט מ. איזאק.

סע ווערט אָנגעוויזן, אַז גערעא איז דער פּאַטער פון וויסנשאַפט־לעכן סאָציאַליזם אין רומעניע (דאָס וואָס עס איז אָנערקענט ביזן היינ־טיקן טאָג). אָבער מיט איין וואָרט איז אַפילו נישט מרמז געוואָרן, אַז ער איז א ייד...

עס איז פאַראַן אַן אַרטיקל וועגן י. ל. פּרץ, וועלכער איז נאָר וואָס געשטאָרבן, געחתמעט מ־י־ם. בכלל איז כמעט דער גאַנצער נומער גע־שריבן פונעם רעדאַקטאָר מ. י. מאַשקאָוויטש, וואָס איז אויך מ. איזאַק.

אויף דער פערטער זייט איז דאָ א ידיעה, אַז עס איז דערשינען נומער 3 פון „ליכט" און איך אַן אַנאָנס.

דער 2טער נומער איז דערשינען דעם 1טן אויגוסט.

דאָס לייטאַרטיקל „מלחמה און קאַפּיטאַליזם" איז געחתמעט מ.י. מאַשקאָוויטש און הייבט זיך אָן מיטן מאָטאָ פון ישעיה הנביא. דער פּסוק ווערט איבערגעחזרט אין אַרטיקל און פאַרטייטשט אונטן: „זיי וועלן צע־קלאַפּן זייערע שווערדן צו אַקער־אייזן און זייערע שפּיזן צו שניידמעסער. איין פאָלק וועט נישט מע אוי הייבן א שווערד קעגן אַן אַנדער פאָלק און זיי וועלן נישט מער לערנען מלחמה צו האַלטן".

עס איז אויך פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל צום טויט פון ציוניסטישן עסקן ד"ר ק. ליפּפע, וועלכער איז געשטאָרבן א זקן צו די 85 יאָר.

דער לייטאַרטיקל פון נומער 3 פון 15 אויגוסט האָט דעם טיטל: „מלחמה און רעוואָלוציע" און ענדיקט זיך: „עס לעבע די רוסישע רע־וואָלוציאָן!".

געוויינטלעך האָט מען איבערגעדרוקט מאַטעריאַלן פון דער בונדיס־טישער פּרעסע. אָבער צווישן די אַנאָנסן האָט מען געקאָנט געפינען אויך אַזעלכע: „העברעאישער לערער זוכן תלמידים"...; בעריהמטער אָרטאָ־דאָקסישער מאָדערנער מוהל, מיט צייגניסע פאָן דאָקטוירים און אָרטאָדאָ־קסישע מוהלים"...

אין נומער 4 פון 29טן אויגוסט איז דער לייטאַרטיקל: „ימים נוראים“, געחתמעט „דער וועקער“. סע ווערט געמאַכט א סך-הכל פון די געשעענישן פונעם פאַרגאַנגענעם מלחמה-יאָר פאַרן יידישן פאָלק.

צום סוף ווערט אַנגעוואונטשן: „פאַר דער גאַנצער מענטשהייט זאָל אויפגעבויט ווערן א נייע וועלט און פאַרן אידישען פאָלק זאָל אָנהויבען צו שיינען א נייע זון פון ברידערלעכקייט און פרייהייט“.

נאָך דער פאָרזעצונג פונעם אַרטיקל: „די יידישע שפּראַך און אירע שרייבער“ איז פאַראַן: „דער חוב פון דעם אידישען פראָלעטאַריער“ געחתמעט פון „א איד“.

דער נומער 5 פון 12טן סעפּטעמבער פאַרעפנטלעכט צווישן אַנדערן צוויי אַרטיקלען וועלכע איך האַלט פאַר וויכטיק זיי צו פאַרצייכענען: „סאָציאַליזם ביי יידן“ און „מלחמה קעגן מלחמה“.

דער נומער 6 איז דערשינען דעם 29סטן סעפּטעמבער.

דער נומער 7 איז דערשינען דעם 17טן אָקטאָבער און האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל „מלחמה און נאַציאָנאַליטעטן פּראַגע“ פון רומענישן סאָציאַליסטישן מנהיג מ.ג. בוזשאָר. דער צווייטער אַרטיקל איז געשריבן פון רעדאַקטאָר: „די יידישע פּראַגע“.

דער נומער 8 פון 14טן נאָוועמבער פאַרעפנטלעכט צווישן אַנדערן א סטאַטיסטיק: אין יאָר 1912 זענען געווען אין רומעניע כמעט 240 טויזנט יידן. אין בוקאַרעשט האָבן געלעבט 43,652 יידן.

אין יאָר 1899 זענען געבוירן 10.711

אין יאָר 1909 זענען געבוירן 7.498

אין יאָר 1912 זענען געבוירן 7.248

און די רעדאַקציע ציט די מסקנות: „די ברכה פון מערן זיך ווי די שטערן אויפן הימל און זאַמד פונעם ים ווערט נישט מקוים כאָר די יידן אין רומעניע“...

אין דאָזיקן נומער איז מען מודיע „צו אונדזערע לעזער: די טיפּאָגראַפיע האָט זיך איבערגעצויגן — האָט דער נומער פאַרשפּעטיקט... מיר האָפן אז פון איצט אָן וועט ערשיינען דאָס בלאַט צו דער צייט“.

דער נומער 9 איז דערשינען דעם 5טן דעצעמבער מיט אַן אַרטיקל פון מ. י. מאָשקאָוויטש „מלחמה און פּאַטריאָטיזם“ ענדיקנדיק מיטן אויפרוף: „אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!“

בכיוון פאַרצייכן איך די נומערן מיט זייער דאַטע פונעם דערשיינען כדי מע זאָל זען, ווי אַזוי סע ווערט פאַרגעזעצט מיט אָנשטרענגונגען

דאָס דערשיינען פון דער צייטונג. איצט דערשיינען שוין צוויי נומערן מיט א מאָל: נומער 11—10 איז דערשינען דעם 2טן יאנואר 1916, נומער 12 דערשיינט דעם 30סטן יאנואר, 14—13 דערשיינט דעם 26סטן מערץ, מיט א פסח־ארטיקל פון מ. י. מאָשקאָוויטש.

אין דעם נומער, וואָס איז, ווייזט אויס, אויך דער סופסטער, איז דאָ א מודעה: „צו אונדזערע אבאָנענטן":

„...קיין סובווענציעס האָבן מיר נישט און מיר פארלאנגען נישט. די צאָל אבאָנענטן וואָס מיר האָבן איז אונדז גענוג אז דאָס בלאט זאָל עקזיסטירן"...

די נומערן האָב איך געפונען אין דער אקאדעמיע מיט דער הילף פון פריינד יעקב פייערשטיין.

77

דער האמער

א צוויי־וועכנטלעכע ציוניסטישע צייטונג. דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 26סטן אויגוסט 1916, אין בראילא.

רעדאקציע: אורי בן-הדור און יעקב באָטושאנסקי.

פאָרמאט: 33/48 צמ.

אין ערשטן ארטיקל ווערט אָנגעזאָגט דער ציל און פראָגראם: „מיר ווילן דאָס יידישע פאָלק אויסלערנען יידיש פילן, יידיש דענקען, יידיש זיך אינטערעסירן און — דער עיקר — יידיש לעבן".

דאָס איז געווען די ערשטע יידיש־שריפט פון בענאדאָרן. שפּעטער איז ער געוואָרן אן אָנגעזעענער רומענישער שרייבער.

איך האָב דעם נומער נישט געזען.

78

גרינס אויף שבועות

פרולאָוויטשש יום־טוב בלעטער

די פובליקאציע איז אין לאטיינישער טראנסקריפציע אָבער סע זענען פאראן אויך רומענישע ארטיקלען. גאלאץ, 1919.

פאָרמאַט: 24/26 צמ, 16 זייטן.

דאָס ערשטע ארטיקל: „חג השבועות אָדער זמן מתן תורתנו“ איז אין דער רומענישער שפראַך. צום סוף קומט אויך אַן אויפרוף, אַז די צייטונג-פאַרקויפער זאָלן אריינשיקן די איינקאסירטע געלטער פאַר „המגיד טאַש“, „שבת הגדול“, אויב נישט וועלן זיי אריינגעשריבן ווערן אויף דער שוואַרצער ליסטע אין „תשעה-באב“ בלעטל וואָס וועט דערשיינען דעם 20סטן יולי היי־יאָר. דאָס איבעריקע איז נאָר יידיש אין לאטיינישער טראַנסקריפּציע.

אין „ליד“ „די מאַמע מיט די קינדער“ פון אלף בית גימל, ווערט געזאָגט:

„די מאמע רופט, די מאמע בעט:
וואו זענט איר ליבע קינדער?
וואָס גייט איר אזוי טריט ביי טריט?
נו גייט שוין, גייט שוין, גייט געשווינדער! “...

סע פאָרשטייט זיך, אַז דאָ רעדט זיך וועגן דער „מאַמע ציון“...

דערנאָך איז פאַראַן אויך „א קליין שטיקל אקדמות, צו זאָגן מיט דעם נוסח פון אקדמות“, געחתמעט מרדכי סרולאָוויטש.

„דער עמפּאַנג די 10 געבאָט אין 20סטן סעקאָל“ איז געחתמעט „מארקאָ לויכדא“ וואָס איז, ווי סע ווייזט אויס, אויך מ. סרולאָוויטש. בכלל זענען אפילו די פסעוודאָנימען אויך דער רעדאַקטאָר גופא. הגם ער חתמעט אויך „שפיפון“, „עגא“ און „ב. נקשיתא“...

איך האָב געפונען די פּובליקאַציע אין דער פעדעראַציע.

דריטער טייל
1918—1944





פאראייניקט גרויס־רומעניע

ווי א רעזולטאט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, וואָס איז פון די מאטעריאליסטישע געשיכטע-שרייבער געשטעמפּלט געוואָרן ווי אן אימפּע-ריאליסטישע מלחמה פון ביידע צדדים, איז רומעניע ארויס פאראייניקט מיט אלע אירע פּראָווינצן. מחמת דעם איז זי, די דאָזיקע מלחמה פאַר-שריבן אין דער רומענישער געשיכטע ווי א גערעכטע מלחמה, פון „דער-גאנצן און באפרייאונג".

כדי צו ווייזן די טראדיציאָנעלע יידישע מיינונג אין דעם ענין וועל איך דערמאָנען פונעם ערשטן היסטאָריקער, וועלכער האָט געשריבן צוריק מיט הונדערט יאָר די געשיכטע פון די רומענישע יידן, יעקב פּסנטיר. אין זיין בוך „דברי הימים לארצות רומעניע חלק א"', אויף זייט 103 קאָן מען לייענען:

„לדעת רבים איז געווען חורבן בית ראשון 420 יאָר פאַרן נוצרי און דעמאָלט האָבן די לענדער נישט געהייסן רומעניע, זיי האָבן געהייסן דאטשיא".

שוין אויפן שער-בלאט שרייבט יעקב פּסאנטיר:

„אין דעם ספר" דברי הימים" שטייט ווי די לענדער דאטשיא (רומעניע) זענען געווען באוואוינט מיט זעקס הונדערט יאָר פאַר דעם נוצרי, און ווי יידן האָבן זיך באזעסן אין די לענדער דאטשיא פון נאָך דעם חורבן בית ראשון און היינטיקן טאָג. אויך האָב איך געשטעלט איין קליינע געאָגראפיע פון די לענדער דאטשיא, כדי אז יעדער מענטש, וואָס וועט לייענען אין דעם ספר, זאָל ער וויסן וואו איין יעדעס אָרט ליגט".

אויף זייט איינס, וואו עס איז געגעבן די געאָגראפיע פון רומעניע שרייבט פּסנטיר:

„די לענדער: רומעניע, בעסאראביע, בוקעווינע, טראנסילוואניע אָדער זיבנבירגן, מאראמאָרעש, קרישאנא, טימישאָרא, האָבן פון לאנגע צייטן געהייסן דאטשיא אָדער דאקיא".

און אזוי האָט טאַקע פּסאַנטיר געטאָן. ער האָט געשריבן די געאָ-גראַפיע פון רומעניע אויינרעכענענדיק די אַלע געגנטן, הגם צו יענער צייט זענען זיי נישט געווען פּאַראייניקט אין די גרענעצן פון רומעניע. אזוי האָט ער געטאָן אויך אין די קאַפּיטלען פון דער געשיכטע. ער האָט באַשריבן די אַלע געגנטן.

אגב, ווען איך האָב געפונען דאָס קאַפּיטל „די גרעסערע שטעט אין מאַראַמאָרעש" און אויפן פערטן אָרט האָב איך געפונען מיין געבויר-שטעטל „ראָנא" — האָט עס מיר מער ווי הנאה געטאָן. איז פאַר וואָס זאָל איך עס נישט אונטערשטרייכן ביי דער געלעגנהייט, אז פסאַנטיר האָט פירגעזען דעמאָלט איין פּאַראייניקט רומעניע?

דאָס האָט געהייסן נישט בלויז א כמותדיקער וואוקס, פון העכער 800 טויזנט יידן, נאָר א גאַר וויכטיקער איכותדיקער אויפשטייג פון א יידיש-רעדנדיקער באַפעלקערונג, און נאָך מער — סע האָבן זיך פאַראייניקט גאָר וויכטיקע שעפערישע כוחות, וואָס זענען ביז איצט, אין אַלטן רומע-ניע נישט געווען.

דאָס האָט גורם געווען צו אן איבערגעשטאַלטונג פון דער יידיש-מאַפּע פון רומעניע. ווייל אויב טראַנסילוואַניע איז געווען א ביסל מאַדיאַריזירט און האָט נישט געהאַט קיין גאָר גרויסע השפּעה, האָט אָבער מאַראַמאָרעש־סיגעט דאָך באַוויזן אַרויסצושטעלן אין דער יידיש־וויטרינע צייטיקע יידישע ווערטער.

ווידער בוקעווינע, מיט איר צענטער אין טשערנאָוויץ, האָט זיך אַרויסגע־וויזן צו זיין א ווערדיקער פּאָזעצער פון דער היסטאָרישער טשערנאָוויצער יידישער שפּראַך-קאָנפערענץ פון 1908. פּונקט אזוי איז געווען קעשענעוו, דער צענטער פון דער באַסאַראַבער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט נישט ווייניקער בייגעשטייערט סיי צו דער פּאָרגעשריטענער אַרבעטער באַוועגונג, סיי צו דער ציוניסטישער באַוועגונג.

די דאָזיקע איבערגעשטאַלטונג האָט גורם געווען, אז קודם זאָל בוקא־רעשט גופא בלייבן א ביסל אין שאָטן—ביז זי איז געוואָרן דער אמתדיקער צענטער פון דער יידישער קולטור־טעטיקייט. וואָס שייך דער מאָלדעווע, מיט איר הויפּטשטאָט יאַס, איז צו ביסלעך איר זון אונטערגעגאַנגען, ווייל אויב עס איז געווען עמעצער דאָרט, א שעפערעשער כוח, וואָס האָט געקאָנט שרייבן יידיש, האָט ער פאַרלאָזט זיין שטאָט און געזוכט א גינציקערע סביבה, וואָס זאָל סטימולירן זיין שאַפן. אזא סביבה האָט ער געקאָנט געפינען אין טשערנאָוויץ, למשל (אזוי ווי סע האָט געטאָן איציק מאַנגער!), צי אין בוקאַרעשט שפּעטער מיט עטלעכע יאָרן.

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן א נייער פּעריאָד. מע קאָן אים אָנרופן דער שפּעטערישסטער אויך בנוגע דער יידיש־פּרעסע אין רומעניע.

אין דעם פאַראייניקטן גרויסן רומעניע האָבן איצט געלעבט פירערליי מינים יידן, וואָס האָבן געבילדעט איין יידישן ישוב. שלמה ביקל דערציילט איבער אין זיין בוך „שרייבער פון מיין דור“, פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, 1970, זייט 201 אז עס איז זייער פאַרשפּרייט געווען דער אנעקדאָט וואָס האָט איבערגעגעבן, ווי אזוי מע דערקענט אין דער באַן, מיט וואָס פאַר א יידן מע האָט צו טאָן: מיט א בוקעווינער, בעסאראַבער, טראַנסילוואַנער אָדער אַלט־רומעניש.

דער אנעקדאָט איז געגאַנגען אזוי: טוט א ייד אָן טלית ותפילין און שטעלט זיך דאַווענען, איז ער פון טראַנסילוואַניע; נעמט ער אַרויס א שיין איינגעפּאַקט פּעקעלע מיט ברויט מיט פּוטער און מיט א פיין צעשניטן אוגערקעלע און נעמט עסן בניחותא, איז ער א בוקעווינער, שלעפּט ער אַרויס פונעם געפּעק א האַלבע הון, צערייסט זי און עסט האסטיק און מיט חשק — איז ער א בעסאראַבער. און וואָס איז מיט דעם אַלט־רומעניש? ער איז בישטאַ אין קופּע, ער איז אַוועק עסן טריפות אין שפּייזוואַגאָן...

אויך בנוגע דער יידישער פּרעסע, וואָס איז דערשינען אין די פאַרשידענע פּראָווינצן, האָט זיך אויך דערקענט דער דאָזיקער חילוק. אָבער מיט דער צייט האָט מען געפונען א געמיינזאַמע שפּראַך. שרייבער פון בעסאראַביע האָבן מיטגעאַרבעט אין סיגעטער „אויפגאַנג“; טשערנאָוויצער האָבן מיטגעאַרבעט אין דער בוקאַרעשטער „די וואָך“, און אזוי ווייטער.

79
דאָס נייע לעבען

אָרגאַן פון דער יודישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי „בונד“.
דריטער יאָהרגאַנג, נומער 39.
ערשיינט יעדערן פרייטאָג, טשערנאָוויץ 30 סעפּטעמבער 1921
אַרויסגעבער: ד"ר יערב פּיסטינער.

דעם דאָזיקן נומער האָב איך געפונען אין דער פעדעראַציע, פון וועלכן איך האָב געדרונגען, אז די צייטונג האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין יאָר 1918.

פאָרמאַט 47/62 צמ. 2 זייטן, קאָלומנעס.

אין דער אקאדעמיע האָב איך געפונען דעם נומער 18 פון 1טן מאי 1925, זיבעטער יאָרגאנג, מיטן פאָלגנדיקן אונטערטיטל:

דאס נייע לעבען

אָרגאן פונם אלגעמיינעם יידישן ארבעטער בונד. אינטערנאציאָנאלע סאָציאלדעמאָקראטישע פארטיי, טשערנאָוויץ. רעדאקטאָר: מאריוס כתבן. ארויסגעבער: ד״ר יעקב פיסטינער.

פאָרמאט: 47/62 צמ, 4 זייטן, 5 קאָלומנעס.

פון דעם תוכן: „צום ארבעטנדיקן פאָלק!"; „ארבעט און פרידן" פון ד"ר יעקב פיסטינער „פון דער סאָציאליסטישער רעפובליק צום קאיזערלעכן פרעזידענט"; „רוף צו א מאסנפארזאמלונג"; „די באנאטער פארטיי־קאָנפערענץ"; „אונטער דער פאָן פונם יידישן ארבעטער-בונד"; „וואס הערט זיך אין לאנד?"; „קעגנזעצלעכע שטאנדפונקטן אין דער סאָציאליסטישער אויסנפאָליטיק" פון ד"ר י. קיסמאן; לידער פון: משה בראָדערזאָן, מאקס האיעק; „דער לייב" פון טעאָדאָר הערצל; „די רעוואָלוציע אין קליינעם בית־המדרש" פון אברהם רייזען, און אנדערע ארטיקלען, ידיעות און אנאָנסן.

80
ביבליאָטהעק
אידישע וויססענשאפט

אנטהאלט:
ליטעראַרישע, היסטאָרישע, וויססענשעפטליכע און ביאָגראפישע נאָטיצען.
געזאמעלט און פערפאסט פון שמואל שוועממער.
ערשטער טהייל, ערשטעס העפט. יאס 1919.

אויף רומעניש ווערט געזאָגט, אז שמואל שוועמער איז דירעקטאָר פון דער גרויסער יאסער תלמוד־תורה.

פאָרמאט: 15.5/23 צמ, 24 זייטן אין א הילע.

אין ארטיקל „אידישע וויסענשאפט", קלערט זיך אויף לויטן אלף־בית די פאלגנדיקע טעמעס: אב בית-דין (ליטעראריש — דאס ווארט איז צוגעגעבן פון דער רעדאקציע!); אבסאלוטיזמוס; אבערגלויבן; אברהמאוויץ ש׳ום יעקב (ביאגראפיע); אדריוניס (היסטאריע); אוגאנדא; אוטאנאמיע (ליטעראריש); אומסטראפאלי שמשון (ביאגראפיע); אונקלוס (היסטאריע); אוסטראה (היסטאריע); אושתרי הפרחי בן משה (ביאגראפיע); אחדות (ליטעראריש; אייבשיץ יהונתן (ביאגראפיע); אייזען (ליטעראריש); אייזענבאהן; איכטאלאגיע (וויסענשאפט); איגוצענטו (היסטאריע).

פון דאזיקן תוכן איז גענוג פארן לייענער, אז מע זאל זיך שאפן א בילד וועגן אויסזע פונעם ערשטן נומער.

אין דער פעדעראציע האב איך געפונען די גאנצע קאלעקציע פון דער דאזיקער פובליקאציע ביזן נומער 247, נאוועמבער־דעצעמבער 1937, ווען אלע יידישע פובליקאציעס זענען דערשטיקט געווארן פון דעד פאשיסטישער קוזיסטישער רעגירונג.

איך וועל זיך באגרענעצן צו פארצייכענען די ענדערונגען, וואס זענען פארגעקומען ביים רעדאגירן די דאזיקע פובליקאציע.

דער נומער 3 פון אלול תרע"ט, ערשטער יארגאנג, איז שוין צוגעגעבן צום פריערדיקן אונטערטיטל „אויך א רובריק פיר די לעצטע וויכטיגסטע געשעהנישען אין דער אידישער וועלט".

אויבן, פארן טיטל: „מיט ציונ׳ס גרוס" מיט א מגן דוד.

דאס מאל איז שוין געשריבן: „ערשיינט יעדען מאנאט". און צום סוף פון העפט איז שוין פאראן א רובריק „פון חודש צו חודש (אן איבערבליק איבער די וויכטיגסטע נייהייטען פון דיעזען מאנאט — דאס אידישע לעבען — ציוניזמוס)".

ביים נומער 5 פון כסלו תר"פ, צווייטער יארגאנג, איז שוין דער אונטערטיטל ווידער ווי ביים ערשטן נומער, אבער עס איז שוין געשריבן: „ערשיינט צוויי מאל אין מאנאט" און אויף דער לעצטער זייט ווערט אנגעזאגט, אז „פון קונפטיגען נומער וועט די „אידישע וויסענשאפט" ערשיינען מיט א העברעאישער ביילאגע".

קיין העברעאישע ביילאגע איז נאך נישט דערשינען, אבער די שווערי־קייטן פארן ארויסגעבער באווייזן זיך. דער נומער 9-10 פון 1920 איז שוין א טאפלטנומער, אבער דאך נישט מער ווי 16 זייטן. אזוי איז אויך דער נומער 12-13 (תמוז-אב) א טאפלטנומער, הגם מע שרייבט „ערשיינט

צווי מאָל אין מאָנאַט", דערשיינט עס פּאַקטיש איין מאָל אין צווי חד-שים... אין דעם דאָזיקן נומער איז שוין פאַראַן א פרישע ענדערונג: אַנ-שטאָט „מיט ציונס גריסן" איז איצט שוין געשריבן „יברכך ה׳ מציון וראה מטוב ירושלים". איצט איז שוין אויפן שער-בלאַט: „אייגנטהימער און ארויסגעבער שמואל שוועממער".

זינטן נומער 1 (29) פיערטער יאָהרגאַנג, תשרי תרפ״ב, 1 אָקטאָבער 1921, איז שוין נישטאָ קיין „יברכך ה׳ מציון וראה בטוב ירושלים".

זינטן נומער 36 פון מערץ 1922 איז דער אונטערטיטל: „א צווי וואָכענטליכער זשורנאַל פיר: ליטעראַטור, היסטאָריע, וויסענשאַפט ביאָ-גראַפיע און איבערבליקען פונ׳ם אידישען לעבען". סע זענען שוין פאַראַן אויך אנדערע מיטאַרבעטער.

זינטן נומער 60 פון סעפּטעמבער 1923 ווערט דער העפט נומערירט פון 1 ביז 16 און דער קומענדיקער העפט זעצט פאָר פון 17 און אזוי ווייטער, אז סע זאָל קאָנען ווערן א באַנד.

זינטן נומער 89-188, יולי-סעפּטעמבער 1933, 15טער יאָרגאַנג איז שוין דער אונטערטיטל: „זשורנאַל פיר: ליטעראַטור, היסטאָריע, וויסענ-שאַפט, ביאָגראַפיע און איבערבליקען פונ׳ם אידישען לעבען. ערשיינט פּעריאָדיש". אויף דער ערשטער זייט ווענדט זיך די רעדאַקציע צו די לייענער: „די עקזיסטענץ פון די „אידישע וויסענשאַפט" העננט איצט אָב אין דעם, אז די אבאָנענטען זאָלען באַצאָהלען זייערע חובות"...

זינטן נומער 27-226 פון סעפּטעמבער-אָקטאָבער 1936 איז דער אונטערטיטל א קורצערער: „פיר: ליטעראַטור, היסטאָריע, וויסענשאַפט און ביאָגראַפיע. רעדאַקטירט פון הרב שמואל שוועמער".

מסתמא, אז זי האָט עקזיסטירט 20 יאָר, האָט זי געהאַט א לייענער-קרייז...

אלע מיינע פירגייער, ווען זיי האָבן דערמאָנט די „אידישע וויסנ-שאַפט" האָבן גערעדט מיט ביטול אויך וועגן איר רעדאַקטאָר. וועל איך אָבער ציטירן לשבח פון שמואל שוועמער, וועלכער האָט געשריבן אין זיין אַרטיקל „דער שפּראַכן-קאַמף, אידיש צי העברעאיש?" אין נומער 33 פון 15טן דעצעמבער 1921:

„...איך וויל נישט אַרונטעררייסן די קדושה פון העברעאיש, חלילה. איך וויל אין קעגנטייל באַדויערן וואָס סע האָט זיך אזוי צוגעפירט, אז אַנשטאָט די העברעאישע שפּראַך, האבן מיר די אידישע. האָבן, האָבן מיר

אָבער דאָך די יידישע שפּראַך און העברעאיש איז דערווייל פּאַרט נאָר פאַר די יחידי סגולה. און פּונקט ווי מיר קענען נישט אין איין טאָג אוועק־נעמען ביי א פאָלק א שפּראַך, אזוי קענען מיר אויך נישט אין איין טאָג דעם פאָלק צוריקגעבן א שפּראַך... און אויב מיט דער צייט וועט עס אפשר זיין מעגלעך צוריק צו געבן דער יידישער מאסע די העברעאישע שפּראַך, טאָרן מיר אָבער נישט בשום אופן איגנאָרירן די זעלבע מאסע און ביי איר מיט געוואלט אוועקרויבן זייער שפּראַכן פון דורות״...

עס איז מערקווירדיק דער לעצטער זאַץ. איך האָב אים בכיוון נישט געענדערט, הגם די אָרטאָגראַפיע איז מיינע: „זייערע שפּראַכען״. איז ווי אזוי מע וויל. סע קאָן זיין, אז דער מחבר האָט געוואָלט זאָגן „זיי־ערע שפּראַכן״, אָבער פּונקט אזוי קאָן זיין, אז ער האָט געוואָלט זאָגן „זייער שפּראַך״, וואָס איז לגמרי עפּעס אנדערש.

81

דער מאָרגען

דערשינען טעגלעך, אין קעשענעוו, פון דעצעמבער 1919 ביז מאַי 1920. בסך הכל 170 נומערן.

די צייטונג האָט געהאַט א בונדיסטישע אָריענטאַציע.

רעדאַקציע: י. וויינשטיין (אידל מלמד) און שאיקעוויטש.

איך האָב נישט געפונען קיין איין נומער.

82

די פרייהייט

דערשינען וועכנטלעך, אין טשערנאָוויץ צווישן די יאָרן 1919—1923.

איך מיין אז דאָס איז געווען די ערשטע צייטונג מיט א לייטישן אויסזע, אורטיילנדיק לויט דעם איינציקן נ׳מער, וואָס איך האָב געפונען אין דער ביבליאָטעק פון דער פעדעראַציע. איז וועל איך פאַרצייכענען דעם תוכן פון דאָזיקן נומער.

נומער 127, 3 יאָהרגאנג, אָרגאן פון דער יודישער סאָציאַליסטישער
אַרבייטער פּאַרטיי „פּועלי ציון“ אין דער בוקאָווינא. דאָס בלאַט קומט
אַרויס יעדען דאָנערשטאָג. טשערנאָוויץ, דער 6 אָקטאָבער 1921.

פאָרמאַט: 32/48 צמ, 4 זייטן, 3 קאָלומנעס.

אויף דער ערשטער זייט איז קודם א מודעה וועגן עפּענען א פאַכשול
פאַר לערניינגלעך. דערנאָך איז א לייטאַרטיקל (נישט געחתמעט) „דער
חורבן פון דער קהילה“. דאָס צווייטע אַרטיקל, וואָס גייט אויך אריבער
אויף דער צווייטער זייט, איז דער צוועלפטער ציוניסטן־קאָנגרעס (א
פּרוב פון אָבשאַצונג)“ געחתמעט איז: „ש.ב.“, דאָס איז מסתמה שלמה ביקל.

אויף דער צווייטער זייט איז אן אַרטיקל „פונ׳ם יידישען אַרביי-
טער-לעבען אין דייטשלאַנד (א בערלינער בריף)“, וואָס גייט אריבער
אויף דער דריטער זייט און איז געחתמעט „ניישטאַדט“.

אונטערן שטראָך פון דער צווייטער זייט איז א פעליטאָן, ווי אן
עלעגיע אין פּראָזע: „ביי מאיר ראָזנער אויפ׳ן קבר (דעם 28 סעפטעמבער
1912“). געחתמעט איז „ש.א.ס.“, דאָס הייסט שמואל אבא סופר.

כדי צו דעמאָנסטרירן, ווי אזוי סופר האָט באַווײנט דעם געוועזענעם
רעדאַקטער פון „די פרייהייט“ ד״ר מאיר ראָזנערן, וועל איך ציטירן דעם
סוף פון דעם הספד:

„...א דענקמאָל וועלן מיר שטעלן. גלייך, צו דיר, א עמוד אש
זאָל עס זיין פאַר אלע די, וואָס האָסט אין דיין הייליק ריינעם לעבן
געקעמפט. א אָפּגלאַנץ זאָל עס זיין פון די הויכע אידעאַלן, ווענעס פאַ-
בען-טרעגער דו ביסט געווען און אויף די טאָוולען פון אונדזערע הער-
צער מיט פייערדיקע אותיות וועלן מיר דיין נאָמען איינקריצן און געדענ-
קען דיך אזוי לאַנג מיר וועלן קעמפער זיין פאַר ליכט און פרייהייט און
פאַרן גליק פון אלע“.

אונטער דער צווייטער זייט, ווי א מאַנשעט, איז א רוף: „חברים!
זאַמלט פאַר די הונגערנדע אין פּראָלעטאַרישען רוסלאַנד!“.

אויף דער דריטער זייט איז דאָ „נאָטיצען וועגן דעם אינערלעכן
רומענישן מצב (מיט דריי ווייסע פלעקן, געלאָזט פון דער צענזור). נייעס
פונעם יידישן לעבן; אן אויפרוף פון ז. רייזען אז מע זאָל צושיקן ידיעות
צו זיין נייעם לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור. סע זענען אָנגעגעבן
די אדרעסן: קולטורפעדעראַציע טשערנאָוויץ, יידיש-נאַציאָנאַל־הויז 2טער
שטאָק אָדער אויפן אדרעס פון י. גראָפער, בוקאַרעשט, לוקאַטשגאַס 24.

סע ווערט אויך אָנגעזאָגט א לעקציע, אין די סוכות טעג, פון יעקב
שטערנבערג. אויף דער פערטער זייט זענען מודעות און אַנאָנסן.

ארויסגעבער: חיים קראפט; פאראנטוואָרט לעכער רעדאקטאָר: מ. סעגאל. סע האָבן מיטגעארבעט: ד״ר שעפּלער, חיים לעקער.

83

דער פּאלעסטינער מאָנאטבלאט

דיעזעס בלאט ערשיינט אלע מאָנהייט. אין בוקארעשט, אין יאָר 1919.

פאָרמאט: 14/21 צמ.
רעדאקטאָר: פייוול ריזמאן (ראבינער און שוחט).
איך האָב נישט געפונען קיין איין נומער.

84

דאָס בעסאראבער לעבן

קעשענעוו, 1919. דערשינען קודם צוויי מאָל אין דער וואָך, דערנאָך — טעגלעך. דערגאנגען צו 62 נומערן.

רעדאקציע: אדוו. מ. פישער, שאיקעוויטש און י. וויינשטיין.

סע ווייזט אויס, אז דאָס איז געווען נאָך איין פּרואוו נאָכן „דער מאָרגן”, וואָס איז אויבן דערמאנט געוואָרן.

איך האָב נישט געזען קיין איין נומער.

85

דער איד

טעגלעכע צייטונג, דערשינען אין קעשענעוו פון מאי 1920 ביז יוני 1922.
בסך הכל זענען דערשינען 575 נומערן.
רעדאקטאָר: מ. פאסטמאן. דערנאך א קאָלעגיע: זלמן ראָזענטאל. מיכאל לאנדוי און וויינשטיין.

דאָס איז, ווייזט אויס, געווען די ערשטע ציוניסטישע טאָג-צייטונג, פון רומעניע.

איך האָב נישט געפונען קיין איין נומער.

86

אללגעמיינע יודישע פרעסע

צענטראל אָרגאן פיר דאָס אָרטאָדאָקסישע יודענטום.

פאָרמאַט: 29/42 צמ, 4 זייטן.

דערשינען אין ביסטריץ, טראַנסילוואַניע, אין יאָר 1920.

פאַראַן א קאָלעקציע אין דער אקאַדעמיע.

87

דער וועקער

דער ערשטער נומער איז דערשינען אין בוקארעשט, דעם 29סטן יולי 1920.

רעדאַקציע: יעקב באָטאָשאַנסקי, יעקב שטערנבערג און אליעזר שטיינבארג.

פאָרמאַט: 33/38 צמ, 4 זייטן.

דאָס איז שוין דער דריטער סאָציאַליסטישער צייטונג-פּרואוו, וואָס דערשיינט מיטן זעלביקן טיטל.

איך האָב נישט געפונען קיין איין נומער.

88

הומאָר-בלעטלעך

אין לאַטיינישער טראַנסקריפּציע, אמאָל אויך גאָטישע שריפט. א-רויסגעגעבן, און אליין אָלץ אָנגעשריבן פון שמשון פערסט, אונטער פאָל-גנדיקע נעמען: „דער גראַגער“ (20 מאָל), „מצרים-וואָך“ (8 מאָל), „שבו-

עות-קניש" (צווי מאָל), „דער לץ" (צווי מאָל), „טשערנאָוויצער פּלאָטקעס" (זעקס מאָל), „דאָרנער הומאָר" (אכט מאָל). אלע זענען דערשינען אין טשערנאָוויץ, אָנהייבנדיק מיטן יאָר 1920.

פון די דאָזיקע פּובליקאַציעס האָב איך עטלעכע געפונען אין דער אקאדעמיע. איך וועל פּאַרצייכענען פּרטים, ווען איך וועל אָנקומען צו זייער דאַטע.

89

קולטור

א זשורנאל פאר ליטעראטור, קונסט און פעדאגאָגיק.
ערשיינט פון צייט צו צייט.

(אָבער איך האָב נישט געפונען מער ווי דעם איין איינציקן נומער, אין דער פעדעראַציע).

רעדאגירט פון א קאָלעגיע. ארויסגעגעבן פונעם פאַרלאַג „קולטור" ביי דער יידישער קולטור-פעדעראַציע פאַר רומעניע, בוקעווינע, בעסאַראַביע און טראַנסילוואַניע.

טשערנאָוויץ, יולי 1921.

פאָרמאַט: 23/15,5 צמ, 90 זייטן מיט א הילע.

אין דאָזיקן נומער זענען פאַרטרעטן: יעקב שטערנבערג, טוביה כץ, אליעזר שטיינבארג, י. ב. (מסתמא באָטאָשאַנסקי) מיט אן איבערזעצונג פון י. ל. קאַראַדזשאַלע. איציק מאַנגער, מלך ראַוויטש, אליהו מייטוס, י. ווײַנשטיין, משה פערנהאָף, מרדכי גאָלדענבערג, ש. א. סופר, חיים לעקער, עמיל צאַפּלער, מ. ספּעקטאָר, שלמה ביקל.

איך האָב זיי אלע אויסגערעכנט, אז סע זאָל זיין אן עדות־שאפט פון די כוחות, וואָס האָבן זיך דאָ צונויפגעזאַמלט פאַרן דאָזיקן זאַמלבוך.

צום סוף איז דאָ א נעקראָלאָג, פאַר ד"ר מאיר ראָזנער, גרינדער פון דער קולטור־פעדעראַציע. מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט. געבוירן אין יאָר 1888 און געשטאָרבן אין 4טן אפּריל 1921.

גידילע מיט גריוון

שנת תרפ"א פון משה רבנו, ד' אדר. 1921, טערגאָווישטע.
נומער 1 (ווייל 2 ווייסט גאָט ווען סע וועט דערשיינען).

הומאָריסטיש, קוביסטיש, דאדאיסטיש, פוטוריסטישע צייטשריפט.
צווייווערכנטלעך טאָגבלאט, דערשיינט יערלעך; ווען גאָט גיט א באַל.
גרינדער און הויפטרעדאקטאָרן: די צוויי „טיזן".
פאָרמאט: 16/24 צמ, 8 זייטן.

און איצט, נאָך דעם ווי איך האָב פארצייכנט די צייטשריפט, וועל איך זאָגן אז דאָס גאנצע איז אין דער רומענישער שפראך. נישט אין יידיש. בלויז דער טיטל „גדולה מיט גריוון" איז א יידישער. פאר וואָס זשע האָב איך עס דאָך פארצייכנט? כדי מע זאָל חלילה נישט מיינען, ווען עמעצער וועט ציטירן פון א קאטאלאָג, אז דאָס איז א יידיש-פובליקאציע...

איך האָב געפונען די פובליקאציע אין דער אקאדעמיע.

90

דער המנטאש

א טעגלעך בלאט וואָס ערשיינט פונקט איין מאָל אין יאָר לכבוד פורים.

ארויסגעגעבן פונעם פארלאג „רויט לוחות" אונטער דער רעדאקציע פון ש. סאָלאָמאָן (ש"ס ראָמאן).

י"ד אדר תרפ"א (פורים גדול). בוקארעשט, 1921.

פאָרמאט: 23/35 צמ.

איך האָב נישט געזען דעם עקזעמפלאר.

91

דאָס יודישע פאָלקסבלאט

אָרגאַן פון דער ציוניסטישער לאנדעסאָרגאניזאציע פאר דער בוקאָווינא. יאָרגאנג 1, נומער 12, טשערנאָוויץ, 25טער מערץ 1921.

דאָס בלאט קומט ארויס יעדן פרייטאָג.

ארויסגעבער: ד״ר מאיר עבנער און ד״ר טעאָדאָר ווייסבערגער.
פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר: ד״ר איגנאַץ שמאַרץ.
פאָרמאַט: 32/48 צמ, 4 זייטן, (צו מאָל אויך 6), 3 קאָלומנעס.

איך האָב נישט געהאַט פון וואו צו פאַרצייכענען די דאַטע, ווען עס איז דערשינען דער ערשטער נומער, פשוט ווייל איך האָב אזעלכן גישט געזען און נישט געפונען אין ערגעץ אזעלכע דאַטן.

אין דער פעדעראַציע האָב איך געפונען אָנהייבנדיק מיטן 12טן נומער (בלויז עטלעכע), האָב איך גענומען וואָס איך האָב געפונען.

אין דאָזיקן נומער האָבן געחתמעט: ישראל בשרובקר, מ. גאָלדשטיין („מוטערשפראך אָדער נאַציאָנאַלע שפּראַך״), ד״ר מ. באַלאַבן („צווישן צוויי בית עלמינס, די טראַגעדיע פון א פאָלק״). סע זענען פאַראַן ידיעות פון דער יודישער וועלט, וועגן ארץ ישראל, גלות-לענדער און אנאָנסן.

92

היאַס-הכנסת אורחים פון אמעריקא

(א צייטונג פאַר עמיגראַנטען)

איך איבערזעץ פון רומעניש און ציטיר פון דער צייטונג „מאָנטיטאָרעא דערשינען אין בוקאַרעשט, דעם 9טן אויגוסט 1921, געחתמעט פון דעם פאַרשיער באַרבו לאַזאַרעאַנו (לאַזאַראָוויטש):

„די עמיגראַציע-ליטעראַטור האָט זיך פאַרמערט מיט א נייעם בולעטין, דערשינען דעם 4טן אויגוסט 1921 מיטן טיטל „היאַס״-הכנסת אורחים פון אמעריקא (א צייטונג פאַר עמיגראַנטען).

הגם רעדאַגירט פון י. שטערנבערג, אנטהאַלט נישט היאַס קיין איין לירישע זייט, לויט וועלכער מע זאָל דרינגען אז דער בולעטין איז געשריבן פון א דיכטער.

ער אנטהאַלט אָבער טראַגישע שורות, ווי למשל וועגן גורל פון יענע 54 עמיגראַנטן, וועמען דער אמעריקאַנער קאָנסול פון לאָנדאָן דערלויבט נישט אָפּצופאָרן קיין אמעריקע״.

אמת, איך האָב די צייטונג נישט געפונען, אָבער דער עדות איז א באַגלייבטער.

93
ארבעטער צייטונג

אָרגאַן פון דער פּועלי־ציוניסטישער פּארטיי אין דער בוקאָווינע. דערשיינט וועכנטלעך. דער ערשטער נומער אין דערשינען דעם 1טן דעצעמבער 1921, אין טשערנאָוויץ רעדאקטאָר: ש.ל. שטיינמעץ. זינט 1922 איז געווען דער רעדאקטאָר: שמואל אבא סופר.

פאָרמאַט 31/47 צמ, 4 זייטן.

די צייטונג זאָל געווען האָבן דערשינען ביזן יאָר 1929.

איך האָב נישט געקאָנט פעסטשטעלן, ביז ווען זי איז דערשינען.

94
דאָס וואָרט

די צייטונג איז דערשינען אין קעשענעוו, אין יאָר 1921 (בסך הכל 85 נומערן)

אונטער דער רעדאקציע פון בוביס און י. וויינשטיין.

איך האָב נישט געזען קיין איין נומער.

95
גאַלאַצער יודישעס פאָלקסבלאַט

זעקסטער יאָרגאַנג, נומער 3826/1, גאַלאַץ. 5טער מערץ 1922.

דאָס איז א ספעציעלער נומער פאַר וואַל־פּראָפּאַגאַנדע פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי אין צוויי שפּראַכן: יידיש און רומעניש.

פאָרמאַט: 32/48 צמ, 4 זייטן, 4 קאָלומנעס.

יערלעכער אַבאָנאַמענט: 12 ליי; פאַראיינען און שילן: 20 ליי.

די איינציקע חתימה איז אונטער א רומעניש[ן] דיאלאָג: ראובן ש-מואלאָוויטש.

דעם דאָזיקן נומער האָב איך געפונען אין דער פעדעראַציע. אין דער אקאדעמיע האָב איך געפונען נאָך איין נומער, וועלכן איך וועל פארצייכענען שפעטער, ווען סע וועט זיך רעדן וועגן יאָר 1924.

96

אונזער צייט

דערשינען אין קעשענעוו, טעגלעך, אונטער דער רעדאקציע פון זלמן ראָזענטאל.

דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 16טן אויגוסט 1922.

דירעקטאָר איז אָנגעגעבן מיכל לאנדוי, א ציוניסטישער מנהיג און אויך דעפּוטירטער אין רומענישן פּארלאמענט.

די דאָזיקע טאָגצייטונג האָט געהאַט דעם לענגסטן דויער, ביז יאנואר 1938, ווען די פאשיסטישע קוזיסטישע רעגירונג האָט אָפּגעשטעלט דאָס דערשיינען פאר אלע יידישע פּובליקאציעס.

פאָרמאט: 32/48 צמ, 4 זייטן, 5 קאָלומנעס, (אזוי ווי די צייטונג איז געארבעט געוואָרן אויף לינאָטיפּ, זענען די אותיות געווען א ביסל קאַליע און אויך דאָס פּאפּיר איז נישט געווען צום בעסטן).

סע זענען פאראן קאָלעקציעס פון דער דאָזיקער צייטונג, סיי אין דער אקאדעמיע סיי אין דער פעדעראַציע.

איך וועל נעמען לדוגמא דעם נומער 795, פערטער יאָרגאנג, פון 23סטן אפּריל 1925, איבערצוגעבן דעם תוכן, כדי מע זאָל זיך שאפן א בילד וועגן פּראָפיל פון דער טאָגצייטונג:

אויף דער ערשטער זייט: א לייטארטיקל וועגן „נייע וויזעס קיין קאנאדע" געחתמעט פון א. עמיד. דערנאָך זענען 3 קאָלומנעס מיט ידיעות אויף נישט יידישע טעמעס.

אויף דער צווייטער זייט זענען דאָ ידיעות פון ארץ ישראל, אָדער וועגן ארץ ישראל; פונעם יידישן לעבן בכלל פון פארשידענע לענ-דער; א דערציילונג פון אָסיפ דימאָוו: „בלינדער צופאל".

אונזער צייט

אונזער צייט

אונזער צייט

אונזער ווארט

אויף דער דריטער זייט איז די רובריק „קליינער פעליטאָן" מיטן טיטל „א רחמנות!" פון בר־הכי; דערנאָך זענען ווידער ידיעות, היימישע, ספאָרט און קאָרעספּאָנדענצן.

אויף דער פערטער זייט: קאָרעספּאָנדענצן פון דער פּראָווינץ און אַנאָנסן.

די צייטונג איז געווען א פּאָליטישע אָבער אויך א ליטעראַרישע. דאָ האָבן זיך געדרוקט זייערע דערציילונגען און לידער נישט בלויז די באַסאַראַבער יידישע שרייבער, נאָר אויך פון די אַנדערע פּראָווינצן. איך וועל דערמאָנען מ. חסיד און ב. טוטשינסקי, וועלכע קומען מיר אויפן געדאַנק.

דער פאָרמאַט פון דער צייטונג האָט זיך געענדערט געגנוג אָפט: אזוי למשל, זינט דעם נומער 900 פון 26סטן אויגוסט 1925 האָט זיך דער פאָרמאַט פאַרגרעסערט: 39/54 צמ, 4 זייטן, 9 קאָלומנעס.

זינטן 10טן אויגוסט 1935 איז דער פאָרמאַט: 40/56 צמ.

סע זענען געווען נומערן, אין וועלכע סע האָט געפעלט א טייל פון עם ארטיקל און עס איז געווען מיט גרויסע אותיות „צענזורירט". איין מאָל (אין יולי 1937) איז די צייטונג בכלל נישט דערשינען איין גאַנצן חודש, זייענדיק אָפּגעשטעלט מצד דער מאַכט.

97

אונזער וואָרט

אָרגאַן פון דער יודישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי „בונד"

דערשינען יעדן פרייטיק אין טשערנאָוויץ, 1922.

אַרויסגעבער און פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר: ד"ר יוסף קיסמאַן.

פאָרמאַט: 47/63 צמ, 2 זייטן, 6 קאָלומנעס.

איך האָב געפונען א נומער אין דער פעדעראַציע, וועל איך אים פאַרציייכענען: אויף דער ערשטער זייט איז דער לייטאַרטיקל „בערלין־געזבוא" (וועגן די אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענפאָרן פון סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן); דוד פּינסקי, צו זיין פופציק־יעריקן יובילעום; פון דער אַרבעטער באַוועגונג; דאָס נייע דירה־געזעץ;

אויף דער צווייטער זייט: אן ארטיקל „ארבייטער גרייט אייך צום 1טן מאי״! ידיעות פונעם לאנד; א פעליטאָן (אין פאָרזעצונגען) פון דוד איינהאָרן „מיר און זיי״; צווי לידער „דאָרט און דאָ״ און „גאַכט״ פון עזריאל יאנאָווער; א נאָטיץ וועגן טשערנאָוויצער יידישן טעאטער.

98

יודישע צייטונג

קומט ארויס יעדען דאָנערשטאג. פאראנטוואָרטליכער רעדאקטאָר און ארויסגעבער: ד״ר אליהו בלאנק. רעדאקטאָר: יוסף האָלדער.

דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 8טן דעצעמבער 1921, אין סיגעט.

בן-מנחם פארצייכנט, אז ער פארמאָגט דעם נומער 4, צווייטער יאָרגאנג, וואָס איז דערשינען דעם 29סטן יאנואר 1922.

פאָרמאט: א קוואַרט-בויגן, 8 זייטן.

בסך-הכל זענען דערשינען 12 נומערן פון דער דאָזיקער צייטונג.

איך האָב אמאָל געזען די צייטונג, אָבער היינט האָב איך שוין נישט געפונען קיין איין עקזעמפלאר.

איך קאָן נישט אויסמיידן די געלעגנהייט און נישט דערמאנען וועגן מיין בן-עיר דעם דיכטער יוסף האָלדער. איך האָב אים פערזענלעך קיין מאָל נישט באגעגנט, אָבער זיין משפחה האָב איך יאָ געקענט. ער האָט געשטאמט פון ביטשקעוו, נעבן סיגעט. ווען מיין פאָטער, זכרונו לברכה, האָט מיך געמוסרט — אוי, ווי אָפט ער האָט מיך געמוסרט! — פלעגט ער ארויסנעמען אן אלטן יובל-נומער פון דער העברעאישער וואכנ-שריפט „העולם״, וואָס די ציוניסטישע וועלט-אָרגאניזאציע האָט ארויס-געגעבן אין לאָנדאָן, און מיר געוויזן: אָט זעסטו דעם-אָ, דאָ אויפן ביל-דל? דער האָט געלערנט, קאָן פסקענען שאלות, נאָר איצט שרייבט ער שירים, הגם, הגם... ביים „הגם״ איז מיין פאָטער שטיין געבליבן. ווייל א מאראמאָרעשער, חסידישער ייד, ווי מיין פאָטער איז געווען, ווער דאָך נישט מסכים זיין מיטן שרייבן פון איינעם, וואָס איז אין יענעם „העולם״ אין א היטל אויפן קאָפּ... אָבער, געקוקט מיט כבוד — דאָס יאָ. ער האָט געלייענט בסוד זיינע שירים און — אויף דעם איז ער גוט געווען אז איך זאָל מיר אראָפּלערנען א מוסר...

איך האָב נאָך היינט פאר מיינע אויגן יענעם יובל-נומער פונעם „העולם", אפשר איז עס געווען פונעם יאָר 1929, וואו סע זענען גע-ווען צוויי זייטן מיט בילדלעך, ווי קליינע פּאָסטמארקעס, מיט די מיט-ארבעטער פונעם זשורנאל און — בתוכם אויך דער יידישער (און אויך העברעאישער) דיכטער יוסף האָלדער.

איך האָב פיל יאָרן געהאלטן ביי מיר דעם דאָזיקן נומער — אָבער אויך צוליב אן אנדערן טעם: דאָרט איז אויך געווען דאָס בילדל פון יענעם, וואָס האָט „פאררעטן" די פּוילישע אגודת ישראל און איז אריבער צו די לינקע... שמואל נאדלער, וועלכער האָט פארעפנטלעכט א בוך לידער „בעל-שם-טוב סימפאָניע", אין איינעם א ליד האָט ער דערציילט, אז זיי-ענדיק אין מקווה האָט ער ארויפגעלייגט די האַנט אויפן קאָפּ און גע-שעפּטשעט „אני שמואל בן שרה, לרפואת הנפש"... און דערנאָך האָט ער אין אן עפנטלעכער אסיפה ארויסגעזאָגט זיינע רעוואָלוציאָנערע מיינונ-גען. זיין ברודער, דאכט זיך א גערער רב, האָט קריעה געשניטן, טאקע דאָרט אויף דער דאָזיקער אגודהשער אסיפה...

איך בין נישט געווען גלייכגילטיק צו יענעם גרויסן דיכטער, וועל-כער איז שפּעטער אומגעקומען אין פאריז ווי דער רעדאַקטאָר פון דער אומלעגאלער „נייער פרעסע". איך, ווי א יונגער אָנפאנגער, האָב געקאָנט כמעט אויסנווייניק זיינע הערליכע לידער — אפילו זיין דער-ציילונג „דער זילבערנער פוקס"...

ער איז היינט באקאנט אונטערן נאָמען „מוניע נאדלער", אָבער פאר מיר איז ער אלץ געבליבן שמואל נאדלער. ער איז א קדוש, אומ-געקומען אין 1943. אָבער אויב סע וואָלט היינט עמעצער זיך אָפּגעגעבן ארויסצוגעבן פון זיינע פארעפנטלעכטע ארבעטן — וואָלט ער געטאָן מערער ווי געזאָגט נאָך אים קדיש...

אָט פאר וואָס איך האָב געהאלטן אזוי טייער יענעם נומער „העולם". ביידע דיכטער, זענען מיר געווען ווי קרובים.

וועגן האָלדערן האָב איך אויך דערמאנט אין מיין בוך „לעבעדיקע מתים", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1976. ער איז דאָך אויך געווען א „לעבעדיקער מת" און מיט זיין פערזענלעכער טראגעדיע...

*

דאָ, ביי דער געלעגנהייט, ווען איך נאָך מאכן אן אָפּנויג, וואָס בעהער דווקא יאָ צום קאפּיטל יידיש-פרעסע, מיט וועלכער איך באשעפ-

טיק זיך מערער, ווי מיט די פערזענלעכע זכרונות, פאר וועלכע איך בעט מחילה ביים לייענער.

זלמן רייזען, אין זיין לעקסיקאן פון דער יידישער ליטעראטור, פרעסע און פילאלאגיע, זייט 764 און אויך די „ליטעראַרישע בלעטער“, נומער 33 פון 14טן אויגוסט 1931, פארצייכענען די דאזיקע צייטונג, אבער רייזען מאכט א באמערקונג, אז דאס איז דער „ערשטער ארגאן אין טראנסילוואניע אין דער יידישער שפראך“.

קאן איך דערמיט נישט מסכים זיין. און כדי איך זאל טאן מיין חוב צו מיין אפשטאם-שטעטל, סיגעט, וועל איך דערמאנען עטלעכע צייטונגען, וואס זענען דא דערשינען צוריק מיט יארן, נאך איידער סיגעט איז געווארן איינגעשלאסן אין די גרענעצן פון איר אמתדיק היימלאנד רומעניע.

סיגעטער צייטונג

ערשיינט יעדען דאננערסטאג. בעגרינדעט פאן צבי הירש העללער.

בן-מנחם ווייזט אן אין זיין בוך מספרות ישראל באונגריה, זייט 227, אז די וואכנצייטונג איז דערשינען צווישן די יארן 1893-1895. ער פארצייכנט דעם 21סטן פעברואר 1895, וואס געפינט זיך אין דער שאקן-ביבליאטעק פון ירושלים. ער דערציילט אויך אז נאך דער פטירה פון ר׳ צבי הירש העללער איז די צייטונג רעדאגירט געווארן פון לוי זאב העללער, דאס מאל צווייִשפראכיק, יידיש און עברית.

בעת איך בין געווען אויף דער וועלט-קאנפערענץ פאר יידיש און יידישער קולטור אין ירושלים, האב איך באזוכט דעם היכל סיגעט פון תל-אביב (אנשטאט דעם יושב-ראש פון די עולי מרמורוש-סיגעט דער שרייבער, מיין ידיד, דוד שיין, וועלכער איז אין יענער צייט געווען אין חופש, אין איירָאפּע, האט מיך באגלייט זיין זון, משה שיין, און האט מיר געוויזן דעם היכל-סיגעט!), האב איך געפונען א פאטאקאפיע פון א צייטונג מיטן טיטל:

יידישע פרעססע

(פריהער „סיגעטער צייטונג“)

פערטער יארגאנג נומער 23, ה׳ במדבר תרנ״ו (1896)

לויט דעם חשבון האָט געזאָלט דערשיינען די דאָזיקע צייטונג אנהייבנדיק מיטן יאָר 1892.

איר מיין אז די דאָזיקע צייטונג איז די ערשטע אין דער וועלט וואָס שרייבט „יידישע" און ניט יודישע.

אין דער זעלביקער צייט (1897-1893) איז אין סיגעט דערשינען נאָך איין וואָכנבלאַט:

יידישע פאָלקסצייטונג

רעדאגירט כון הירש לייב גאָטליב. די דאָזיקע צייטונג איז דער-שינען גאנצע פיר יאָר.

זלמן רייזען פארצייכנט אויך א חודשלעכע אויסגאבע, וואָס הירש לייב גאָטליב האָט ארויסגעגעבן אין סיגעט אין יאָר 1896:

די וואהרהייט

א מאָנאטסשריפט, צו אונטערהאלטונג און בעלעהרונג אונטער דער רעדאקציע פון הירש לייב גאָטליעב.

סע זענען דערשינען צוויי נומערן.

איך מיין, אז דער זכרון נארט מיך, אָבער דאָך דערמאָן איך, אז אין מיין בוך דערציילונגען „מיין היים", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1940, אין סיגעט, דאָרט דערצייל איך, אז מיין ברודער פייוויש האָט פיר-געלייענט פון א הומאָריסטישער צייטונג, וואָס סע האָט אמאָל ארויסגע-געבן הערש לייב דער מארשאליק (אזוי האָט מען גערופן גאָטליבן, ווייל ער איז געווען א בדחן).

יודישע פאָלקסבלאַט

א וואָכנשריפט, ארויסגעגעבן כון ה. ל. גאָטליב אין יאָר 1899. סע זענען דערשינען בלויז 12 נומערן.

די ידיעה האָב איך געפונען אין די „ליטעראַרישע בלעטער“, באַנד 1931, זייט 941.

איך, פון מין זייט גלייב נישט אז ה.ל. גאָטליב האָט אָנגערופן זיינע א צייטונג „אידישעס“, ווייל איך האָב מיט מיינע אויגן געזען דעם פאַ-טאָסטאַט פון דער אויבנדערמאַנטער צייטונג אז ער האָט אָנגערופן „יידישע פרעססע“, אין א צייט ווען א מעטום אין דער וועלט האָט מען נאָך געשריבן „יודישע“, בלויז אין סיגעט האָט מען געקאָנט זאָגן אויך דעמאָלט „יידישע“...

„ציון“

א וואָכנבלאַט, ארויסגעגעבן פון ה.ל. גאָטליב צווישן די יאָרן 1904-1909.

איך האָב נישט קיין איינצלהייטן, וועגן די דאָזיקע צייטונגען וואָס זענען ארויסגעגעבן געוואָרן אין סיגעט, אין יענער צייט, אָבער אויך די דאָזיקע צייטונג האָב איך געזען (כאָטש דעם טיטל) פאָטאָקאָפירט אין די דערמאַנטע „ליטעראַרישע בלעטער“.

אהבת ציון

חודש־שריפט, אין יידיש און אונגעריש.

דעם יידישן טייל האָט רעדאַגירט הירש לייב גאָטליב און דעם אונ־גערישן טייל: אליהו בלאַנק.

בן-מנחם דערציילט אז ער האָט געזען אין ציוניסטישן צענטראַל-ארכיוו פון ירושלים דעם נומער 1-2, פון מערץ-אַפּריל 1908. דער פאָרמאַט איז א קוואַרט.

יידישעס בלאַטט

אָרגאַן פיר יידיש קאָנפעססיאָנעללע אינטערעססען, האנדעל אונד גע-זעללשאַפטליכען פערקעהר.

רעדיגירט פאָן צבי יודא לעאָפּאָלד.

ערשיינט יעדען דאָננערסטאַג נאָכמיטאָג.

די צייטונג האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין יאָר 1910, אין דריי שפּראַכן: יידיש, עברית און אונגעריש (2 ז׳).

בן־מנחם פארצייכנט דעם נומער 29, דריטער יארגאנג, י״ד סיון תרע״ב (1912); נומער 32 איז דערשינען אין י״ג תמוז, 33 אין כ׳ תמוז תרעב. אָנהייבנדיק פון דעם דאָזיקן נומער האָט זיך באַטייליקט אין דער רעדאַקציע אויך ה.ל. גאָטליב. אָבער אין נומער 39, פון כ״ג אלול ווערט מודיע געווען, אז גאָטליב איז אַרויס פון דער רעדאַקציע.

אין דער דאָזיקער צייטונג האָט דעבוטירט יוסף האַלדער (אין נומער פון נאָוועמבער 1911) מיט א ליד „איין הימלישעס ליעד״ געווידמעט פאַר אביגדור פייערשטיין, דער שפּעטער באַרימטער העברעאישער דיכטער אונטערן נאָמען המאירי.

איך האָב געמאכט די דאָזיקע פאַראַנטעזע, כדי צו ווייזן דעם המשך פון דער יידישער פּרעסע און פון אירע זשורנאַליסטן און — אַז די „יודישע צייטונג״ איז נישט געווען דער „ערשטער אָרגאַן אין טראַנסילוואַניע אין דער יידישער שפּראַך״...

99

המבשר טוב

איין מאָנאַטסבלאַט. וועגען עניני האמונה און מאָראַל.
ארויסגעגעבן פון מיסיאָנערן.

דער ערשטער נומער איז דערשינען אין יאַנואַר 1924, אין קעשענעוו. זינטן יאָר 1927 האָט זיך דער אונטער טיטל געענדערט: „א בלאַטט וועגען רעליגיאָן און מאָראַל״.

פאָרמאַט: 16/24 צמ.

פאַרשטייט זיך, אז פאַרצייכענענדיק די דאָזיקע פּובליקאַציע זאָג איך מיר אין געדאַנק: להבדיל אלף הבדלות.

100

דער מונקאַטשער הומאָריסט

דערשינען אין סיגעט, אין יאָר 1924, וועכנטלעך.
רעדאַגירט פון אשר זעליג ווייס (א בדחן).

די צייטונג האָט זיך אָפּגעגעבן מיט קהילה־פּראָבלעמען, סיכסוכים צווישן די צוויי חסידישע גרופּעס: די בעלזער און מונקאטשער חסידים.

כדי נישט אָנצורופן זיי ביי די נעמען, האָט ער אָנגערופן די מונקאטשער חסידים „שמויגערס“ (דאָס וויל זאָגן: שקצים!), מוסרים, רשעים. די בעלזער האָט ער אָנגערופן דרעליעס (דאָס הייסט פּארפּרוירענע!), אייזקאלטע מענטשן.

די קליינע 4 זייטלעך זענען געווען א שלל מיט לאָקאלן פאָלקלאָר, וואָס איז ספּעציפיש דעם מאראמאָרעשן לשון. למשל, „דער (מונקאטשער) רבי האָט זיך ווידער פּארחס-ושלומט מיט א הייסער קארטאָפליע“. דאָס האָט געזאָלט הייסן, אז דער רבי איז ווידער בבושה געשטעלט געוואָרן פון א חסיד (געוויינטלעך האָט מען דעם אויסדרוק באַניצט, ווען מע האָט געוואָלט זאָגן, אז א מיידל איז חס־ושלום מעוברת געבליבן פאַר דער חתונה...

אשר זעליג ווייס איז געווען א קנצן אין די פאָלעס. פארשטייט זיך, אז פון דער צייטונג האָט ער נישט געהאט אויף פּרנסה. אָבער אפילו דאָס בדחנות האָט אים נישט מער ארייַנגעבראכט, ווייל ער איז געווען (נישט פאר קיינעם געדאכט) א פאָנכעוואטער און מע האָט קוים פארשטאַנען, ווען ער האָט „באַזונגען“ די כלה צי דעם חתן. דאָך האָט מען אים איינגעלאַדן אין די דערפער צו נישט פארנעגלכע חתונות, ווייל א בן-תורה איז ער דאָך געווען — האָט ער דאָך געוואָוסט ווי אזוי צו באַנעפערן זיינע גראַמעלצער מיט פסוקים און מדרשים.

אגב, איז ער נישט געווען דער איינציקער בדחן, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן אויך מיט זשורנאַליסטיק. הערש-לייב גאָטליב, צי ווי אזוי מע האָט אים גערופן ביי אונדז אין סיגעט: הערש לייב דער מארשאַליק (דאָס הייסט דער בדחן!) האָט ארויסגעגעבן איך העברעאישע צייטונגען אין פריערדיקן יאָרהונדערט („השמש און ״החרסה“ און אנדערע), וועלכע איך האָב נישט פארצייכנט דאָ.

מע דערציילט, אז א חוץ אָט די פּרנסות, האָט אשר זעליג ווייס געהאט נאָך איינע: ער פלעגט שרייבן בריוולעך צו חתנים, וועלכע זענען אוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, צי אין אנדערע מרחקים און זיך געמאכט פארגעסן פון זייערע עגונה־כלות... ער פלעגט שרייבן הארצרייסנדיקע בריוו, און די כלות, אין וועמענס נאָמען ער האָט געשריבן, פלעגן אים באַצאָלן לויט זייער יכולת. פארשטייט זיך, אז אזא בריוו איז געשריבן געוואָרן אין גראַמען — האָט ער געקאָסט א ביסל מערער...

איך האָב נישט זוכה געווען צו געפינען די דאָזיקע פּובליקאַציע.

דערפאַר איז עס פאַר מיר נישט אַזוי קלאָר: די צייטונג איז געווען א „מונקאַטשער", וואָס האָט זיך געפונען אין יענער זייט טייס, דאָס הייסט אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי, און געדרוקט האָט זי זיך אין סיגעט, די רעזי-דענץ-שטאָט פון מאַראַמאַרעש, רומעניע.

מסתמא איז ביליקער געווען דער דרוק אין סיגעט, צי זענען דאָ אויך געווען בעלנים פאַר דער דאָזיקער הומאָריסטישער פּובליקאַציע?

101

שויבן

ליטעראַרישע. געזעלשאַפטלעכע פלוג־בלעטער, רעדאַקטאָר: יעקב שטערנבערג.

ערשטער נומער, אָקטאָבער 1924.

פאָרמאַט: 16/24 צמ, 52 זייטן, אין א הילע.

איך האָב געפונען דעם נומער אין דער פעדעראַציע, וועל איך איבערגעבן דעם תוכן:

דער לייטאַרטיקל איז אָן א טיטל, בלויז דריי שטערנדלעך און הייבט זיך אָן: „אונטער דעם שטיינער-האָגל פונעם פּאַרטיי-חם, וועלכער וויל דערהאַלטן אויפן גאַנצן געזעלשאַפטלעכן פראָנט זיין עבר-בטלדיקע העגעמאָניע, „גליין" מיר אָן אונדזערע „שויבן"...

דער אַרטיקל איז נישט געחתמעט, נאָר „די רעדאַקציע". אָבער פונעם פאָלעמישן, בייסיקן סטיל זעט זיך אָן יעקב שטערנבערגס האַנט.

אליעזר שטיינבאַרג האָט דאָ פאַרעפנטלעכט פון זיינע משלים: „דער אומגליק", „זשאַבעס" (דאָ האָט עס אַן אונטערטיטל „כראָניק", וואָס אין בוך „משלים" פעלט ער. דאָס האָט געזאָלט צוגעבן דעמאָלט אַק-טועלקייט פאַרן משל!) און „ביי ר' טודרוסל אין הויף".

שלמה ביקל האָט אַן אַרטיקל וועגן „אונדזער שולקאַמף — א סוד" דער אַרטיקל איז א שאַרפע קריטיק אויף ד"ר פּיסטענערס טעטיקייט ווי א דעפּוטירטער אין פּאַרלאַמענט).

משה אלטמאַן פאַרעפנטלעכט דאָ: „א בייז באַגעגעניש".

איציק מאנגער און יעקב שטערנבערג פארעפנטלעכן פון זייערע לידער און באלאדן (א באמערקונג: ער איז נאָך נישט „איציק מאנגער" בלויז „י. מאנגער").

יעקב גראַפּער איז פארטראָטן מיט „געזאנג ביי נאכט".

אן עסיי פון י. שטערנבערג: „קולטורעלער מענשעוויזם"

משה אלטאן חתמעט אויך „קולטור-כראָניק".

דאָס איז די ערשטע פובליקאציע, וואו סע האָבן זיך באגעגנט אלע בעסטע.

וועגן דעם איין איינציקן נומער „שויבן" וועלן שפּעטער מיט 12 יאָר זיך ארויסזאָגן טאקע די רעדאקציע-מיטגלידער גופא, ווען סע וועט ווידער דערשיינען אונטערן זעלביקן נאָמען „שויבן" אן אנדערע סעריע.

102

גאלאצער יודישעס פאָלקסבלאט

זעקסטער יאָרגאַנג, נומער 3828/2, גאלאץ, 20סטער. דעצעמבער 1924.

פאָרמאַט: 32/47 צמ, 2 זייטן, 4 קאָלומנעס.

ביידע זייטן זענען א וואל-אפיש פאר די סענאט-וואלן, פאר דער ליבעראלער פארטיי.

אונטערן טיטל „שמע ישראל" ווערט צווישן אנדערן געזאָגט: „...שרעקט אייך ניט פאר דעם צלם (קרייץ), ער איז ניט מעהר ווי א צייכען. ער זיכט היינט אָרדנונג, דאָס נאָרמאלע לעבען איינצופיהרען..."

דער קאנדידאט פיר סענאט איזט: יאָן ד. פּראָדראָם"...

טיפּאָגראַפיא קאָמערציאלע: א.ד. פיכמאן, גאלאץ.

איך האָב שוין פארצייכנט אויבן אזא מין פובליקאציע, וואָס איך האָב געפונען אין דער אקאדעמיע. דעם דאָזיקן נומער האָב איך געפונען אין דער פעדעראציע.

איך האָב נישט פארשטאנען, וואָס סע וויל זאָגן „זעקסטער יאָרגאנג" און וואָס דער נומער „3828/2".

103

כתבי הזמ"ן

מעהרערע פאָן העלמאנס שריפטען. נומער 1. יאס 1924,

אויטאָביאָגראפי דעס פערפאסערס מיט 3 קלישעען. „המבשר" א פיערטעל יאָהרגאנג, יום־טוב בלעטער. סקיצען. אנעקדאָטען. ביהנע־וואָדע־ווילען. פאבעלן קונסט־ליעדער. אלעגאָריען. איבער 50 ליעדער ערנסטע אונד קאָמישע. מסכת דרך ארץ אונד איבער 70 עפיגראמען.

פאָרמאט: 14/25 צמ, 16 זייטן.

דאָ איז די הקדמה אין פערזן. אין נומער 2 איז די הקדמה אין לשון קודש.

הגם עס איז נישטאָ קיין דאטע פונעם דערשיינען, איז אָבער דאָ אן „אוידיענץביים לייב אָדער די יודישע געמיינדע־וואהלען צו יאסי אין 1924".

אפשר האָבן אויך אנדערע דערפון געדרונגען, אז די העפט איז דערשינען אין יאָר 1924. אין נומער 2 איז אָבער פאראן א „כנוס לצדיקים. פאנטאזי, געווידמעט דעם ערסטען לעהרער־קאָנגרעס צו בראילא", וואָס טראָגט די דאטע: „יאס, 20 אפריל 1906". נו, איז עס אפשר דערשינען אויך שפעטער פון 1924?

פון דער אויטאָביאָגראפיע ווערט מען געוואויר. צווישן אנדערן אז זיין אמתער נאָמען איז שמואל יהודה, אָבער שפעטער האָט מען אים צוגעגעבן דעם נאָמען „זיידל", צוליב א סגולה, און, פון דעם איז, ווייזט אויס, אַרויס דער העברעאיזירטער פסעוודאָנים „הזמ"ן".

זיין פאָטער איז געווען א חזן. אָבער ער איז געשטאָרבן איידער העלמאן איז געבוירן, איז טראָגט ער זיין נאָמען — אָבער מסתמא האָט ער פון אים געירשנט אויך די מוזיקאלישע פעאיקייטן. איז ער דאָך אויך געוואָרן א חזן, א העברעאישער און יידישער לערער, דערנאָך ארטיסט. און אין צווישן רעדאקטאָר, ווי מיר האָבן אויבן געזען... און פאָעט, ווען סע האָט זיך גערעדט וועגן ערשטן סאָציאליסטישן בלאט „דער וועקקער".

די העפטן, האָב איך געפונען אין דער פעדעראציע.

104
קולטור

אָרגאַן פון דער יידישער קולטור־פעדעראַציע אין רומעניע.
דערשינען חודשלעך אין טשערנאָוויץ אין יאָר 1925.
פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר: ד"ר ע. פעלד.

פאָרמאַט: 24/31 צמ, 8 זייטן, 3 קאָלומנעס.

איך האָב געפונען אין דער אַקאַדעמיע דעם נומער 1, פון אַפּריל 1925. אין לייטאַרטיקל ווערט געזאָגט:

„אין משך פון אונדזער פיר יעריקער אַרבעט איז נישט איין מאָל באַטראַכט געוואָרן דער פּלאַן, אַרויסצוגעבן אַן אייגענעם אָרגאַן, אין וועלכן סע האָט זיך די גאַנצע צייט ווירקלעך געפילט אַ שטאַרקער מאַנגל. ביים אָנהייב פון אונדזער טעטיקייט האָבן מיר זיך, ווי עס איז, נאָך געקאָנט באַדינען מיט דער אָרטיקער פּאַרטייאישער פּרעסע פאַר אָפיציעלע מודעות און קאָמוניקאַטן. מער האָבן מיר נאַטירלעך נישט געקאָנט פאַרלאַנגען. אָבער אויך די דאָזיקע מעגלעכקייט האָבן מיר באַלד פאַרלוירן, ווי באַלד איין טייל פון דער דערמאָנטער פּרעסע האָט אָנגענומען אַ פיינטלעכע שטעלונג צון אונדזער אָרגאַניזאַציע און איר מיט אַלץ ברייטערן פאַרנעם געפירטער קולטוראַרבעט, און דער אַנדערער, צו אונדז מיט סימפּאַטיע זיך באַציענדיקער טייל איז געפאַלן אַלץ קרבן פון דער הערשנדיקער רעאַקציע"...

סע זענען פאַראַן ידיעות וועגן דער פאַרטער קולטור-קאָנפערענץ, וועגן דער זומער־קאָלאָניע אין ווישענקאַ; אַ בריוו פון אַ קינדער-גאָרטן; ביבליאָגראַפישע נאָטיצן; מלך ראַוויטש אין רומעניע, באַריכטן וועגן קולטור-טעטיקייט א"א.

דער נומער 2-3 איז דערשינען אַ טאָפּלנומער אין חודש מאַי־יוני 1925.

105
דער יונגע קעמפער

אַ סאָציאַליסטישע חודש-שריפט, וואָס איז דערשינען אין טשערנאָוויץ, אין 1925, אונטער דער רעדאַקציע פון יוסף קיסמאַן.

איך האָב נישט געפונען קיין איין עקזעמפּלאַר.


№ 1.

№ 2

106

פארן אידישן קינד

חודש-זשורנאל אונטער דער רעדאקציע פון „אונזער צייט“. דער-שיינט אלע חודש.

נומער 1 איז א ביילאגע צום פסח-נומער (1טער אפריל 1925).

פאָרמאט: 23/31 צמ, 8 זייטן, 3 קאָלומנעס. אָן א הילע (די שפע-טערדיקע נומערן האָבן א הילע צו זייערע 16 זייטן).

דער מאָטאָ פון ערשטן נומער איז:

„מיר זאָל זיין,
אידישע קינדערלעך,
פאר אייערע
כשרע אייגעלעך.
ח.נ. ביאליק“.

איך וועל געבן דעם תוכן פון נומער 7, וועלכער איז מער רעפּרע-זענטאטיוו. און דערשינען דעם 1טן דעצעמבער 1925:

יעקב פיכמאן: שטעהט א בוימעלע און פעלד (ליד); ז. ראָזענטאל: דאָס ציגעלע באם וויגעלע (א מעשה), לאָמיר שפילן זיך אינאיינעם; הערש אקערמאן: זילבערנע כרובימלעך... (ליד); ש. בן-ציון: לאה און אירע קינ-דער; ל. קוויטקאָ: אויפן שניי (ליד); א. שטיינבארג: די קרומע נון; מר-דכי גאָלדענבערג: באם רינשטאָק (א סצענע); רחל פייגענבערג: דער יתום פון באלטע (דערציילונג); מ. פרידמאן: וויסענשאפטלעכע קונצן: רעטענישן, שפאס-אויפגאבן.

107

דאָס קאָאָפּעראטיווע וואָרט

דערשינען חודשלעך, אין יאָר 1925, זינטן 1טן יולי.

רעדאקטאָר: נ. מ. רויטמאן. ארויסגעגעבן פון פארבאנד פון יידישע קאָאָפּעראטיוון אין באסאראביע.

קודם דערשינען ווי א ביילאגע צו „אונזער צייט“ און זינט דעם 1טן יולי 1926 ווי א זעלבשטענדיקער אָרגאַן.

פאָרמאַט: 24/32 צמ.

108

אונזער וואָרט

א אידישע אומפּאַרטייאישע צייטונג. ערשיינט איינמאָל אין דער וואָך.

דירעקטאָר: ב. רייכער.

דער ערשטער נומער איז דערשינען אין 5טן נאָוועמבער 1925, אין בוקארעשט.

פאָרמאַט: 32/47 צמ, 4 זייטן, 4 קאָלומעס.

געפונען אין דער אקאדעמיע א קאָלעקציע און אויך אין דער פּע-דעראציע זענען פאראַן עטלעכע נומערן.

זינטן נומער 1, צווייטער יאָרגאנג, פון 5טן יאנואר 1926 האָט זיך געענדערט דער אונטערטיטל: אומאָפּהענגיקע צייטונג. רעדאגירט פון א קאָלעגיע. דירעקטאָר: ד"ר ב. רייכער.

אויף דער צווייטער זייט איז דאָ א קליינע מודעה: דאָס קאָלעגיום וואָס נעמט איבער די רעדאקציאָנעלע לייטונג פון „אונזער וואָרט“ אָנהייבנדיק פונעם ניי-יאָר נומער — מעלדעט די חשובע לעזערס, אז סע נעמט אראָפּ פון זיך דאָס אחריות פאר דער רעדאקציאָנעלער טייל פון דער צייטונג פארן פאריקן יאָר“.

הגם עס איז נישט אָנגעגעבן, ווער עס איז אריין אין דער קאָלעגיע, זעט מען פון די ארטיקלען און אויך פון די חתימות, אז דאָס זענען די בעסטע כוחות: יעקב שטערנבערג, שלמה ביקל און...

אויף דער ערשטער זייט פון דאָזיקן נומער איז שוין דאָ אן ארטיקעלע: „אונזער וואָרט“ — א טריבונע! מיר ציילן ערשט אויס אכט וואָכן, וואָס מאכן אויס קוים אכט נומערן — אָרעמע, וואָס אמת איז, אי טעכניש, אי אינהאַלטלעך און שוין האָט אונזער וואָרט פאראינטעסירט נישט נאָר א ברייטן קרייז לעזערס פון אלע רומענישע פראָווינצן, וואָס פאַרמאָגן היינט א גרויסע באוואוסטזיניקע יידיש ארמעע, נאָך אויך די אקטיווע טרעגערס און שעפערס פון יידיש-וועלטלעכער קולטור אין רומעניע.

CENZURAT. Comisiunea mixtă de Cenzură Chişinău

ערד ארבעט

פון נאָהענטס און ווייטס.

UNSER WORT

אונזער ווארט

UNSER WORT

אונזער ווארט

...אונזער וואָרט, וואָס שטרעבט צו ווערן דער אויסדרוק פון די יידיש-באוואוסטזיניקע מאסן פונעם גאנצן לאנד, וועט זיין בכוח אפצושלאגן די קריטיקע קוואליעס פון יידיש-פריצישער אפיטרופסות אין וועלכער מע זוכט צו דערטרענקען אונזער ערשט אפגעלאָזטע יידיש-וועלטלעכע קולטור-שיף.

„אונזער וואָרט", אפגיבנדיק זיך חשבון, אז די אויפגאבן וואָס ווערן אויף אים ארויפגעלייגט אין אָט דעם געשאפענעם מאָמענט, זענען פארטאפלט געווארן, האָט באשלאָסן איבערגעבן די רעדאקציע צו א קאָלעגיום, וואָס איז געוואקסן צו אזא פאראנטוואָרטלעכער ראָל, ווי אויך צו גרופירן ארום זיך אונזערע בעסטע פובליציסטישע און בעלעטריסטישע כוחות פון גאנצן לאנד".

סע האָבן מיטגעארבעט צווישן די דערמאָנטע אויך יעקב גראפער, אידוב כהן, נתן מארק, חיים קליימאן א"א.

109
ערד און ארבעט

אָרגאן פון צעירי־ציון (התאחדות) אין רומעניע קעשענעוו, 1925. ערשיינט איין מאָל אין דער וואָך.

פאָרמאט: 31/46 צמ, 4 זייטן, 5 קאָלומנעס.

איך האָב געפונען אין דער פעדעראציע דעם נומער 24 פון 30סטן נאָוועמבער 1928 און נומער 45 (188) פון 30סטן דעצעמבער (1927).

מערקווירדיק וואָס דער דאָזיקער נומער, וועלכער דערשיינט ערב פארלאמענט-וואלן, רופט צו שטימען פאר דער נאציאָנאל-צאראניסטישער פארטיי. דאָס הייסט די פויערים-פארטיי, וואָס האָט געהאָט א הסכם מיט די ציוניסטישע אָרגאניזאציעס.

110
הנוער

דערשיינען חודשלעך, אין קעשענעוו, אין יאָר 1925 צווייִשפראכיק: העברעאיש און יידיש, אונטער דער רעדאקציע פון ש. גבעוני, ווי א ביי-לאגע צו „ערד און ארבעט".

דער ערשטער נומער איז דערשינען אין דעצעמבער 1925.
פֿאָרמאַט: 23/31 צמ.
איך האָב נישט געזען די פּובליקאַציע.

111
אונזער וועג

אָרגאַן פֿאַרן יידיש־ראַדיקאַלן געדאַנק אין רומעניע.
ערשיינט יעדן פֿרייטאָג. פֿאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר: יוסף ה בערקאָוויטש.

זינען נומער 19 פֿון 3טן יוני 1927 איז פֿאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר ש. שוואַרץ. דער ערשטער נומער איז דערשינען אין 7טן מאַי 1926, בוקאַרעשט.

פֿאָרמאַט: 32/47 צמ, 4 זייטן, 5 קאָלומנעס.

די דאָזיקע צייטונג האָט דערזעצט דאָס דערמאַנטע „אונזער וואָרט" און די רעדאַקטאָרן (יעקב שטערנבערג און שלמה ביקל) האָבן איצט דאָ געאַרבעט.

געביטן האָבן זיך בלויז די פֿאַראַנטוואָרטלעכע רעדאַקטאָרן, דאָס הייסט, אַז בלויז פֿאַר דער מאַכט.

אַזוי איז זינט דעם 27טן נומער פֿון 15טן אַפּריל 1929 געביטן דער טיטל: „אָרגאַן פֿאַר די אינטערעסן פֿון דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט אין רומעניע". דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער איז איצט שוין: ל. דרוקער.

אין דאָזיקן נומער ווערט אויך מודיע געווען: „אונזער וועג" דערשיינט דערווייל צווייוועכנטלעך. פֿון אייך, חברים, הענגט עס אָפּ, ער זאָל אינגיכן ווערן אייער וועכנטלעכער קולטור און קאַמף־אָרגאַן. אַרבעט מיט! שיקט קאָרעספּאָנדענצן, זאַמלט פּרענומעראַנטן!

געלט־אַנווייזונגען: חיים קליימאַן, בוקאַרעשט, פּאָסט־רעסטאַנט".

מע קאָן זיך פֿאָרשטעלן, אַז נישט „קאָרעספּאָנדענצן" האָבן געמאַנגלט, נאָר „פּרענומעראַנטן"... והא ראיה: דער נומער 28 פֿון 10טן יוני 1929 איז 6 זייטן מיט אַ מודעה: „פֿון דער רעדאַקציע. מיר האָבן פֿאַרשפּעטיקט מיטן דערשיינען צוליב דעם אַרעסט פֿון אונדזער טיפּאָגראַף


דער שטראל
צענזורירט

אונזער לעבן

ח' רויטמאַן, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן אין איינעם מיט אַ ריי אַנדערע חברים".

דער לעצטער נומער איז דערשינען אין יוני 1929.

דאָס איז דעמאָלט געווען די ראַדיקאַלסטע צייטונג, וואָס האָט גע־פירט פּאָלעמיק אַ יך מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

סע פלעגן חתמענען אַרטיקלען: שלמה ביקל, יעקב שטערנבערג, משה אַלטמאַן, יצחק מאַנגער (נישט איציק!), יעקב באָטאָשאַנשקי, ישעיה ד. כהן (אָדער אידוב כהן). איך וועל דאַ באַמערקן, אַז אין נומער פון 18טן יוני 1929 באַמערקט די רעדאַקציע, אַז זי פאַרעפנטלעכט זיין אַרטיקל כדי צו סטימולירן אַ דעבוטאַנט... חיים קליימאַן, נ. רויטמאַן, חיים קראַפט א"א. (צווישן „און אַנדערע" מיין איך אויך דעם רומע־נישן יידישן זשורנאַליסט באַרבו לאַזאַרעאַנו און א. לונאַטשאַרסקי...).

איך האָב געזען עטלעכע נומערן אי אין דער אַקאַדעמיע אי אין דער פעדעראַציע.

112

דער שטראַל

דערשינען אין טשערנאָוויץ, וועכנטלעך, אין יאָר 1926.

דאָס איז געווען אַ כמעט בונדיסטישע צייטונג, אַנטיציוניסטיש.

אַרויסגעבער: ד"ר בערל פרידמאַן, פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר: ע. מערלינג.

פאָרמאַט: 47/63 צמ, 9 קאָלומנעס, 2 זייטן (אַ ביסל משונהדיק גרויס, ווי אַן אַפיש. און אפשר איז טאַקע דאָס געווען די כוונה, מע זאָל עס קאָנען אַפּישירן?).

איך האָב געזען איין נומער אין דער פעדעראַציע: נומער 7, ערש־טער יאַרגאַנג פון 7טן מאַי 1926. אויף דער ערשטער זייט זענען די אַרטיקלען: „אַרויס צום וואַל־קאַמף!", „די סאָציאַליסטן גייען זעלב־שטענדיק אין קאַמף!", „די פייערונג פונעם מאַי־יום טוב", א"א.

עס איז איבערגעדרוקט פון „נייע פאָלקסצייטונג“ אַן אַרטיקל וועגן שלום עליכם צום 10טן יאָרצייט.

113

באָקאָרעשטער כל-בו-ניק

דער וויטצלינג — אָדער — דער באָקאָרעשטער כל-בו־ניק, נומער 1. אינהאַלט: הומאָר. פּאָעזי. פּראָזע. הערויסגעבער ב. נ. מ. דיל־איהם־בחינם! נאָכדרוק געזעטצליך פערבאָטטען.

באָקאָרעשט יוליע 1926. דרוקעריי י. מענדעלאָוויטש ספ. יאָן נאָו 11.

פאָרמאַט: 15/22 צמ, 16 זייטן מיט אַ הילע.

דאָס לשון און די אָרטאָגראַפיע, און אַפילו די „חכמות“, זענען פּאַסיק געווען פאַר צוריק מיט הונדערט יאָר. הגם איבער יעדן זייטל איז געווען „אייגענס און געקליבענס“.

איך האָב געזען איין איינציקן נומער, אָבער היות די בראָשור טראָגט אַ דאַטע פון חודש יולי, איז אַ סימן אַז מע קאָן דאָס פאַררעכענען פאַר אַ פעריאָדישער אויסגאַבע. בפרט אַז סוף פונעם זעכצנטן זייטל איז אָנגעגעבן אין האַלבע לבנות: „(פאָרזעצונג אין צווייטען נומער)“.

איך ווייס נישט אויב עס איז דערשינען מער ווי דער נומער 1. איך האָב עס נישט געפונען אין קיין שום מקור.

ווער האָט עס באמת אַרויסגעגעבן? ווער זענען די ראשי־תיבות־„בנמ“?

114

דער שטערן

אַ סאָציאַליסטישער צווייחודשדיקער זשורנאַל, דערשינען אין יאַס, אין יאָר 1927.

איך האָב נישט געזען קיין איין נומער.



115

די נייע צייטונג

ערשיינט צוויי מאָל וועכנטלעך: יעדן מאָנטאָג און פרייטאָג. טשערנאָוויץ, 1927.

פאָרמאַט: 32/47 צמ, 4 זייטן, 5 קאָלומנעס.

ארויסגעבער ד"ר יעקב פיסטינער. פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר: מארקוס כתבן.

איך האָב געפונען עטלעכע נומערן אין דער פעדעראַציע, אָנהייבנדיק מיטן נומער 11 פון 9טן פעברואר 1928, צווייטער יאָרגאַנג.

אין דאָזיקן נומער זענען נישטאָ קיין געחתמעטע אַרטיקלען. מייסנט ידיעות.

זינטן 14טן דעצעמבער 1928 האָט זיך געענדערט דער אונטערטיטל: „אָרגאַן פונעם יידישן אַרבעטער-בונד. רעדאַקטאָר ד"ר יוסף קיסמאַן. דערשיינט יעדן פרייטאג". איבערן טיטל: „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון רומעניע".

אין נומער 20 פון 9טן דעצעמבער 1932, זעקסטער יאָרגאַנג קאָן מען לייענען:

„נאָך אַן איבעררייס פון 4 חדשים קומט אונזער צייטונג ווידער צו אירע לעזער.

נישט לייכט איז פאַר אונדז געווען די לאַנגע טרויעריקע צייט פון שטילשווייגן און נאָך שווערער האָט זיך געלייגט אין האַרצן דער צער פון שטומעניש, ווען מיר האָבן זיך אַריינגעטראַכט אין דער סיבה פון פּלוצימדיקן איבעררייסן. לאָמיר זי איבערגעבן אונדזערע לעזער, אָט די טרויעריקע סיבה:

...ווייל עס האָבן אין קאַסע געפעלט די קליינע גראָשנס, וואָס זענען נייטיק אויף דרוק, פּאַפּיר און מאַרקעס"... עס איז געחתמעט „דער צענטראַל קאָמיטעט פונעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער-בונד אין רומעניע".

דאָס מאָל איז דער גרינדער: ד"ר יעקב פּיסטינער; אַרויסגעבער: ד"ר יוסף קיסמאַן און דער פאַראַנטוואָרטלעכער: מאַרקוס כתבן.

אין דאָזיקן נומער זענען פאַראַן עטלעכע אויפרופן, אַז די לייענער זאָלן אַריינשיקן זייער אָפּצאָל. „פון היינט אָן און ווייטער וועלן מיר די צייטונג צושיקן נאָר יענע לעזער, וועלכע באַצאָלן פאָרויס דעם אַבאָנאַמענט".

איך האָב פאַרצייכנט דאָס אַלץ, כדי מע זאָל זען, אַז אַפילו אַ פּאַרטיי־צייטונג האָט זיך אויך געמוזט ראַנגלען פאַר איר עקזיסטענץ — און זי איז נישט בייגעקומען...

116

אויף דער וואַך

דערשינען אין קעשענעוו, אין יאָר 1927.

איך האָב נישט געפונען קיין איין נומער.

117

יום־טוב בלאַטט

פֿון ז. העלמאַן (הזמ"ן). דרוק א. גרינבערג, יאַס.

נישטאָ קיין דאַטע. אָבער כּונעם שנת תרפ"ז. וואָס באַטייט 1927, איז געדרונגען, אַז די פּובליקאַציע איז דערשינען אין יאָר 1926, ווען ס׳ געפאַלט דער נייער יאָר (ראש־השנה)...

פאָרמאַט: 15/21 צמ, 16 זייטן.

אויף דער ערשטער זייט איז דער לשנה טובה אין העברעאיש, געחתמעט: ז. העלמאַן. די פּערזון „שנת תרפ"ז" זענען געחתמעט הזמ"ן; צוויי עפּיגראַמען מעניגא דיומאַ; דער יריד אין הימעל (אַלעגאָריע אין 1 אויפצוג); ראש חודש אלול אָדער מכות מרדות; דער שטן אין שופר; דיא וועלט מלחמה (מעלאָדי ביים פּערפאַסער ז. העלמאַן).

איך האָב געפונען דעם עקזעמפּלאַר אין דער פעדעראַציע.

118

מצרים וואָך

א הומאָריסטיש פליקבלעטל פאר שבת הגדול.
נומער 1 סאַמסטאג 31 מערץ 1928

נישט אָנגעגעבן קיין אָרט. אָבער עס איז דערשינען אין טשערנאָוויץ.

דער נומער איז אין לאַטיינישער טראנסקריפּציע.

פאָרמאט: 32/47 צמ, 4 זייטן, 3 קאָלומנעס.

אויף דער גאנצער ערשטער זייט איז א קאריקאטור, אונטער וועלכער מע קאָן לייענען: „פארכּעס פון אַלע לענדער פע! — ריינקט אייך!״.

אויף דער צווייטער זייט איז פאראן אן ארטיקל מיט יידישע אותיות, אונטער דעם טיטל „מצרים״, בלויז א האלבע קאָלומנע.

פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטאָר: שמשון פערסט.

דעם דאָזיקן נומער, ווי אויך א „מצרים וואָך״ פון יאָר 1932 און פונעם יאָר 1937 (דאָס מאָל אויך גאָטישע אותיות, נעבן די לאטיינישע), האָב איך געפונען אין דער אקאדעמיע.

119

דער יודישער פריינד

דערשינען אין טשערנאָוויץ, אין יאָר 1928, ווי אן אגודיסטישער אָרגאן.

רעדאקטאָר און ארויסגעבער: דניאל שטערנפעלד.

איך האָב געזען א קאָלעקציע פון דער דאָזיקער צייטונג פון א גאנץ יאָר. ביי הרב י. מ. מארילוס. איך האָב געקענט פערזענלעך אויך דעם רעדאקטאָר. ער איז געווען א ייד, א תלמיד-חכם, א מוכר ספרים, אָבער נישט קיין זשורנאליסט...

אויב עמעצער האָט פארגעדענקט, אז אין מיין בוך „מאראמאָרעשער“ האָב איך בדרך אגב דערציילט וועגן דער סיגעטער ישיבה, וואו מע האָט אויך געקאָנט לערנען די מלאכה פון וועבעריי — וועל איך דאָ פארצייכענען, אז אין נומער 18 פון 10טן אויגוסט 1928, אויף ז׳ 3, האָט ישראל דוד איזראעל אָפגעדרוקט א קאָרעספּאָנדענץ אונטערן טיטל „מא-

ראמארש־סיגנעט", אין וועלכער ער באשרייבט אט די דאזיקע ישיבה־וועבעריי...

מסתמא האט אויף דעם אופן געוואלט דער קומענדיקער רעדאקטאר פון דעם אזוי חשובן זשורנאל „אויפגאנג" באפרידיקן זיין זשורנאליסטישע אמביציעס.

וואו דען האט ער געקאנט דעמאלט פארעפנטלעכן אזא סיגעטער געשעעניש?!

120
טשערנאָוויצער בלעטער

אָנגעהויבן דערשיינען אין טשערנאָוויץ, וועכנטלעך, אין מאי 1928, אונטער דער רעדאקציע פון שמואל אבא סופר.

פאָרמאט: 32/47 צמ, 4 זייטן, 3 קאָלומנעס (זינטן יאר 1934 אין 4 קאָלומנעס). אין 1932 איז דער אונטערטיטל:

„אומאָפּהענגיקער אָרגאן פאר פּאָליטיק, קולטור און ווירטשאפט.

שפּעטער איז געבליבן בלויז

„פאר קולטור, פּאָליטיק און ווירטשאפט"

פאראן אין דער אקאדעמיע כמעט די גאנצע קאָלעקציע ביז יאנואר 1938, ווען די צייטונג האט אויפגעהערט צו דערשיינען. עטלעכע נומערן זענען פאראן אויך אין דער פעדעראציע.

דאכט זיך, אז די צייטונג איז דערשינען אין 2000 עקזעמפּלארן.

עס איז מיר שווער צו שרייבן וועגן דער דאזיקער צייטונג, וואָס איז מיר געווען אזוי נאָענט, צוליב מיין גוטער באקאנטשאפט מיטן רעדאקטאר ש. א. סופר, וועגן וועלכן איך וועל זאגן עטלעכע ווערטער, ווען איך וועל אָנקומען צו דער פעריאָדע, ווען איך האָב געארבעט אין טשערנאָוויץ.

פּאָליטיש האט די צייטונג געהאט קרובותשאפט מיטן בונד, אָבער ליטעראריש איז זי געווען א יידישיסטישע, אומאָפּהענגיק, און איז געווען א מכניס־אורח פאר שוין אָנערקענטע, ווי פאר אָנפאנגער. פארשטייט זיך, אז איך וועל אויסרעכענען נעמען, וועל איך, ווי געוויינטלעך, באוועלן די נישט אויסגערעכנטע.

טשערנאָוויצער בלעטער

פאַר קולטור, פּאָליטיק און ווירטשאַפט

דאָ האָבן פאַרעפנטלעכט קודם כל די טשערנאָוויצער גופא: איציק פאַנער, משולם סורקעס, יעקב פרידמאַן (ער האָט דאָ פאַרעפנטלעכט זיין אָנ-הייבערישע יצירה סיי אין פּאָעמען, וואָס זענען דערשינען שפּעטער אין בוכ-פאָרעם און סיי אזעלכע וואָס זענען נישט אריין אין די בענדער. נאָכן ארויסגעבן אין ישראל זיינע דריי בענדער פּאָעזיע, איז א גרויסער חלק פון יענע לידער וואָס זענען דערשינען אין די טשערנאָוויצער בלעטער, וואָס קאָנען אויספולן א גאַנצן באַנד — נישט דערשינען אין בוכפאָרעם); דאָ האָט געדרוקט עזריאל שראַגער זיינע ערשטע עסייען. דער דעמאָלט יונגער איציק שווארץ האָט פאַרעפנטלעכט דאָ אין אלע ליטעראַרישע זשאַנערן.

מיין גוטער חבר, וואָס איז אומגעקומען טראַגיש, דער באַסאַראַבער לערער אין טשערנאָוויץ הערש לייב קאַזשבער (ווײַנשטיין), האָט זיך דאָ געדרוקט מיט דערפאָלג.

דאָ האָבן דעבוטירט מײַנע בני-עיר: בערל שנאַבל מיטן ליד „צום מאַרטירער" אין יאָר 1926 (דעמאָלט האָט ער נאָך געחתמעט „בערנהאַרד שנאַבל", ווײַל פאַר אַ סיגעטער אַנפאַנגער-פּאָעט האָט זיך נישט געפּאַסט דער נאָמען „בערל"...; יחיאל שטיינבאַך האָט דאָ דעבוטירט מיט זײַנע ערשטע צוויי לידער; דאָ איז געווען ווי אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער דער סיגעטער דיכטער יוסף האָלדער, אָבער אין דער צײַט האָט ער שוין געלעבט אין בודאַפּעסט.

דאָ האָבן זיך געפּאָכטן יאַנקל יאַקיר מיט איציק מאַנגער...

הערץ ריווקין האָט געדרוקט לידער און יעקב פרידמאַן האָט דאָ געדרוקט זײַנע (מיר דאַכט, זײַנע אייציקע!) פּראָזע-סקיצן... פון יעקב פרידמאַנס דראַמאַטישער פּאָעמע „גערהאַנגל", וואָס איז דערשינען אין המשכים אין די 4 חדשים מאַי-אויגוסט פונעם יאָר 1935, צו מאָל אויף גאַנצע 2 זײַטן פון דער צײַטונג, קאָן אַרויס אַ בוך פון אַ 200 זײַטן... (דער יצר-הרע רעגט מיך אָן, אַז איך זאָל זיך אָנשטרענגען געבן אַ תיקון פאַר די דאָ פאַרעפנטלעכטע פּאָעמען וואָס זענען נישט אַרײַן אין קיין שום בוך!)...

דאָ האָט איציק מאַנגער, אַחוץ זײַנע לידער, געדרוקט זײַן איינציקן ראָמאַן „דאָס בוך פון גן-עדן". דער העלד טראָגט דעם נאָמען פונעם רעדאַקטאָר פון די „טשערנאָוויצער בלעטער", שמואל אבא (אין בוך הייסט ער „שמואל אבא אבערוואָ").

פאַר וואָס בין איך געריִרט, ווען איך שרײַב די שורות? ווײַל ש. א. סופר דער, וואָס האָט מיך פּאָטערלעך מקרב געווען, ווי איך וועל שפּעטער באַמערקן, איז אומגעקומען ווען מע האָט אים אין יאָר 1943 דערשאָסן אין באַרשטשיווער געטאָ, צוזאַמען מיט זײַן פרוי און זײַנע צוויי טעכטערלעך. ער איז אַלט געווען דעמאָלט נישט מער ווי 46 יאָר.

זאָל גאָט זיך אָננעמען פאַר זײַן אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט!

121
יודישע פאָלקסצייטונג

א וואָכנבלאַט, וואָס איז דערשינען אין 4 זייטן, אין סיגעט, אין יאָר 1928, אונטער דער רעדאקציע פון דוד שיין, י.ד. איזראעל. פאר דער מאכט איז געווען פאראנטווארטלעך: מרדכי לייכטער.

איך האָב די צייטונג געזען, דעמאָלט ווען זי איז דערשינען. היינט געפינט זיך נישט קיין איין נומער ביי אונדז.

דוד שיין, איז געווען דער פארטרעטער פון דער אונגערישער טאָג-צייטונג, וואס איז דערשינען אין קלויזנבורג „אוי—קעלעט" (נייער מזרח). היינט איז ער הויפטרעדאקטאָר, פון דער זעלביקער טאָגצייטונג, וואָס זעצט נאָר דאָס דערשיינען אונטערן זעלביקן נאָמען אין תל־אביב.

122
מגד ירחים

א חודשדיקער תורה-זשורנאל. דערשינען אין סאטו־מארע, אין יאָר 1928, אונטער דער רעדאקציע פון יצחק קליין און יוסף חיים הכהן ווייס.

איך האָב נישט געפונען די פובליקאציע און גלייב נישט אז זי איז דער שינען אין יידיש.

123
קול מחזיקי הדת

דערשינען אין קלוזש, אונטער דער רעדאקציע פון דוד הארפענים, אין יאָר 1928.

זינטן יאָר 1929 איז געווען דער אונטערטיטל: „וואָכענבלאַטט פיר אָרטאָדאָקסישע אינטערעססען דער יודישען געמיינדע אין טראנסילוואניען".

אין דער אקאדעמיע איז פאראן א קאָלעקציע פון דער דאָזיקער צייטונג, ארויסגעגעבן פון א דיין און ראש־הישיבה...

124

דער קאַנטשיק

הומאָריסטישע וואָכנצייטונג. דערשינען אין טשערנאָוויץ צווישן די יאָרן 1929-1928, אונטער דער רעדאַקציע פון יצחק פאַנער.

איך האָב נישט געפונען די צייטונג, אָבער איך פאַרצייכן די מקורות, מע זאָל זיך קאָנען שאַפן א בילד, נישט אזוי וועגן דער וואָכנשריפט ווי וועגן אופן ווי אזוי עס איז אָנגעשריבן געוואָרן דאָס דאָזיקע בוך...

אין די ליטעראַרישע בלעטער נומער 20 פון 17טן מאַי 1935, שרייבט יצחק פאַנער אין זיין אַרטיקל „מער באַציונג צו דער יידישער רומעניע!" צווישן אנדערן: „פון אזוינע אויסגאַבן ווי „פרייהייט", „אַרבעטער־צייטונג", „קולטור", „דאָס נייע לעבן", „א'נדזער וועג", דער קינדער־זשורנאַל „דאָס יידישע קינד", דער הומאָריסטישער „קאַנטשיק", וואָס פיל פון זיי זענען דערשינען יאָרן לאַנג — פון דעם אלעם ווייסט י. האָראָוויץ גאָרנישט..."

איציק שוואַרץ אין זיין ביכעלע „30 יאָר יידיש ליטעראַטור אין רומעניע", דערשינען אין יאַס אין יאָר 1947, שרייבט אויף זייט 19: „יצחק פאַנער (היינט אין יאַס), אליין אַן אַרויסגעבער פונעם הומאָריסטישן זשורנאַל „דער קאַנטשיק"...

נו, שרייב איך אוועק צו איציק שוואַרץ קיין יאַס און צו איציק פאַנער קיין רמת-גן, מיט דער בקשה, אז זיי זאָלן מיר געבן מער פּרטים וועגן „דער קאַנטשיק".

י. קאַרא־שוואַרץ ענטפערט: „וועגן קאַנטשיק" קען איך אייך שרייבן אזוי: ער איז אַרויס אין טשערנאָוויץ אונטער דער רעדאַקציע פון יצחק פאַנער. אין נומער 16/15 פון 22סטן מערץ 1929 האָב איך אָפּגעדרוקט מיין ערשטע דערציילונג „א כּאַרשטערטער פּורים". דאָס וואָכנבלאַט איז אַרויס עטלעכע יאָר מיט צייכענונגען, וויצן, הומאָרעסקעס, אָבער אויך אַקטועל-פּאָליטישע סאַטירע פון אַלגעמיינער און יידישער פּאָליטיק. שמשון כערסט האָט מיטגעאַרבעט".

יצחק פאַנערס בריוו וועל איך געבן אין גאַנצן, צוליב זיין חשיבות: „רמת־גן, 6טער אָקטאָבער 1976.

מיין טייערע פריינד וואָלף טאַמבור.

באַקומען אייער בריוול פונעם 23סטן סעפּטעמבער.

קודם-כל — אַ גוט, געזונט און שעפעריש יאָר! און אויב איר האָט נאָך אין זיך אַ שטיקל מאַראַמורעשער גלויבן איז — אַ גמר חתימה טובה.

בנוגע אייער ביטע כ'זאָל אייך שרייבן וועגן מיין ליטעראַריש-הו-מאָריסטיש וואָכנבלאַט „דער קאָנטעיק", איז נישטאָ אַ סך צו שרייבן. דאָס בלאַט איז דערשינען פון 1928 ביז 1930. מיטגעאַרבעט האָבן די מיינסטע ערנסטע שרייבער פון יענער צייט; ווי: שמחה שוואַרץ ע"ה, יידל מל-ד פון קעשענעוו, ש.א. סופר, הערש לייב קאַזשבער און אַנדערע. איך בין געווען דער אַרויסגעבער און רעדאַקטער פון דער צייטונג. וויכטי-קער פאַר מיר איז אָבער, אַז איך בין געווען מיטגרינדער און שטענדי-קער מיטאַרבעטער פון דעם וואָכנבלאַט „טשערנאָוויצער בלעטער" אונטער דער רעדאַקציע פון ש.א. סופר, וואו סע האָבן זיך אויסגעכאָוועט די מייג-סטע טשערנאָוויצער און בעסאַראַבער יונגע שרייבער (אויב איך האָב קיין טעות נישט איז אויך דאָרט געדרוקט געוואָרן אייערע אַ דערציילונג).

אַ שאָד וואָס צוליב מיין קראַנקן מצב האָב איך נישט געקענט זיין ביי דער ירושלימער יידיש-קאָנגרעס און זיך זען מיט אייך.

זייט האַרציק געגריסט פון אייער

י. פאַנער

125

דאָס יודישע בלאַט

צענטראַל-אָרגאַן פאַר'ן אָרטאָדאָקסישען יודענטום אין גראָסרומעניען. ערשטער יאָרגאַנג נומער 1. טשערנאָוויץ-קעשענעוו, חי כסלו תרפ"ח — 1928, פּעטיט-נומער — 10 זייטען שטאַרק (מיט דער העברעאישער מאָנאַטס שריפט „העברי" אלס ביילאַגע).

ערשיינט יעדען פרייטאַג.

זשיראַנט פאַראַנטוואָרטליכער: לאַזאַר ראָט. טיפּאָגראַפיע „מערקור" טשערנאָוויץ.

פאָרמאַט: 23/48 צמ, 10 זייטן, 3 קאָלומנעס.

דער לייטארטיקל „אונזער ריכטונג״ איז געחתמעט פון אפעלבוים און אפעליטאן „יוזיפל חזן״, דאס וואס וואלט געלאזט צו הערן, אז ער איז געווען דער פאקטישער רעדאקטאר, אבער ער האט געלעבט אין קעשענעוו און די צייטונג האט זיך געדרוקט אין טשערנאוויץ?!

איך האב געפונען א נומער אין דער אקאדעמיע.

די העברעאישע ביילאגע באשטייט פון 2 זייטן (די 5טע און 6טע).

126

מנורה

ציוניסטישער ארגאן פארן קאמף אין די קהילה-וואלן.

צוויישפראכיק: רומעניש און יידיש.

דערשינען אונטער דער לייטונג פון א קאמיטעט.

גאלאץ, 26סטער יולי 1928 (ט אב תרפ״ח).

פארמאט: 32/47 צמ, 6 זייטן, 5 קאלומנעס.

אונטער די יידישע ארטיקלען זענען געחתמעט: ד״ר משה וויינשטאק און אהרן ראזענטאל.

דער נומער 2, וואס איז דערשינען דעם 29סטן אויגוסט האט בלויז 4 זייטן. דער נומער 3 פון 4טן אויגוסט איז שוין ווידער דערשינען אין 6 זייטן.

די נומערן האב איך געפונען אין דער אקאדעמיע.

127

די וואך

ארגאן פונעם רעליגיעז-נאציאנאלן אידנטום אין בעסאראביע.

דערשינען וועכנטלעך אין קעשענעוו, אין יאר 1928.

רעדאקטאר: יוסף עפלבוים.

פארמאט: 32/47 צמ, 4 זייטן, 5 קאלומנעס.

פאלקס־צייטונג

צו אונזערע לעזער, חברים און פריינט!

קלארע אותיות.

איך האָב געפונען אין דער פעדעראַציע איין איינציקן נומער און איך האָב זיך נישט געקאָנט אָריענטירן: איז עס אַן אגודיסטישע צי אַ מזרחיסטישע צייטונג?

עפּלבוים איז ווי באַוואוסט געווען אַן אגודיסט, די צייטונג אָבער איז, דאַכט זיך, מזרחיסטיש.

אפשר האָט ער באַלאַנסירט אין דער מיטן?... ווי פיל פון „אונדזערע" זשורנאַליסטן און שרייבער... כע האָט דאָך נישט זעלטן געדאַוונט, וואו מע האָט געפונען אַן עמוד...

אין העברעאישן חודש־זשורנאַל „דגל התורה" פון ניסן־אייר־סיון תרפ"ט, וואָס איז דערשינען אין אויבערווישעווע (מאַראַמוירעש), איז צו לייענען אַן אַנאָנס, וועלכן איך איבערזעץ אין יידיש: „די וואָך, אַ וואָכנשריפט אין לשון זשאַרגאָן פאַר פּראָבלעמען פונעם רעליגיעזן יידנטום (אויף דער דאָזיקער צייטונג קאָנען מיר זאָגן, אַז דעם אַז מיר זאָלן איבערטרייבן אָדער מגזם זיין, אַז עס איז די איינציקע רעליגיעזע צייטונג פון גאַנץ באַסאַראַביע און עס איז כדאי, אַז זי זאָל זיך געפינען אין יעדן רעליגיעזן יידישן הויז — די רעדאַקציע)".

128
פאָלקס־צייטונג

דערשיינט צוויימאָל וועכנטלעך: יעדן מאָנטאָג און פרייטאָג. אַרויסגעבער און פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר: נתן טראַפּער.

דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 13טן יולי 1928, טשערנאָוויץ.

פאָרמאַט: 32/47 צמ, 4 זייטן, 5 קאָלומנעס.

דער לייטאַרטיקל „צו אונדזערע לעזער, חברים און פריינט!" הייבט זיך אָן אַזוי: „פאַרלייגנדיק אייך דעם ערשטן נומער פון אונדזער „פאָלקס־צייטונג" האַלטן מיר פאַר איבעריק אייך צו שילדערן, ווי וויכטיק עס איז פאַר די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אַן אייגענע, ערלעכע, מוטיקע פּרעסע"...

איך וועל איבערגעבן פונעם תוכן, כדי דער לייענער זאָל אַליין זיך אָפּגעבן חשבון, פאַר וואָס איך האָב זיך נישט געקאָנט אויסקלייבן וועגן דער אמתדיקער אָריענטאַציע פון דער רעדאַקציע: ידיעות פון לאַנד; ראַטנ-פאַרבאַנד האָט דערקלערט אומלעגאַל די לינקע פּועלי ציון; פּרעזידענטן-וואַל אין אַמעריקע; הויכע באַאַמטע אין רוסלאַנד פירן אַן אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע; פּאַלעסטינער קאָמוניסטן צום אַראַבישן קאָנגרעס — און נאָך אַזעלכע אַרטיקלען און ידיעות...

דעם איינציקן נומער האָב איך געפונען אין דער אַקאַדעמיע.

129

געציילטע ווערטער

ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט. רעדאַקטאָר: י. מאַנגער.
ערשטער יאָרגאַנג, נומער 1, 3טער אויגוסט 1929 טשערנאָוויץ.

מאָדנער פאָרמאַט: 12/32 צמ, 4 זייטן, 1 קאָלומנע.

דער ערשטער נומער הייבט זיך אָן מיט „ערשטער בריוו צו איקס איגרעק" (געחתמעט: י. מאַנגער): „טייערער, אויף אַזאַ ליטעראַריש וואָכנ-בלאַט אין מיניאַטור האָסטו זיך זיכער נישט גערעכט. דערצויגן אויף צייט-שריפטן מיט אַן אַ שיעור בלעטער און ווינציק אינהאַלט, טרומייטערן מיר איצטער רעפאָרם. מיט געציילטע עיקר-ווערטער ווילן מיר מעסטן די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, דאָס מאָדערנע יידישע טעאַטער, און די מאָדערנע יידישע קונסט, און זייער שייכות צו דער וועלט. אַהין און צוריק. ביי דער וויג פון אונדזערע פּראָיעקטן שטייט דער שאָטן פון דאָן קישאָט, דער פּאָטער פון אַלע אילוזיעס. און זיין זכות זאָל אונדז ביישטיין, אמן סלה..."

יעקב שטערנבערג האָט אַ ליד: צווישן קעניגליכן הויף און אוניווערסיטעט.

י. מאַנגער: אַ רעצענזיע אין 4 פּאַראַגראַפן וועגן הערץ גראָסבאַרט.
משה אַלטמאַן: אַ ליד „פּסאַלם".

צום סוף איז אָנגעגעבן: „די געציילטע ווערטער דערשיינען וועכנטלעך. רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: ד"ר י. פורמאַן, טשערנאָוויץ.

ד"ר פורמאַן איז געווען אַן אַדוואָקאַט און אַ זייער געטרייער יידישער קולטור-טוער. ער איז געווען אין משך פון יאָרן פאָרזיצער פונעם יידישן שולפאַראיין אין טשערנאָוויץ.

...אויב דאָס איז מײַן מיינונג פון התפעלות פון מאנגערס „בריוו“, האָבן די „ליטעראַרישע בלעטער“ פון וואַרשע, אין נומער 32 פון 9טן אויגוסט 1929 געהאַט אַן אַנדערע מיינונג... דאָרט, ווען עס איז פאַר־צייכנט געוואָרן אין דער רובריק „נײַע ביכער“ דאָס דערשײַנען פון „גע־ציילטע ווערטער“, נאָך דעם ווי עס איז געבראַכט א לענגערער ציטאַט, ווערט געזאָגט:

„...הכלל, איבערלייענענדיק אָט דעם „ערשטן בריוו“, דעם מאַניפעסט פון יצחק מאַנגער, זאָגט מען זיך נאָך אַ מאָל, אַז יצחק מאַנגער איז אַ טאַלאַנטפולער דיכטער, וואָס שרײַבט פּראַכטפולע באַלאַדעס. און טאַקע אויף זײַן בוד באַלאַדן וואַרטן מיר.

שרײַבן „מאַניפעסטן“ זאָלן שוין אַנדערע. וועלן זיי נישט געברויכן אַזעלכע ווערטער נישט צום געברויכן, ווי עס טוט עס י. מאַנגער“.

יאָ, לפי דעתי, איז די איראָניע נישט געווען באַרעכטיקט.

דער צווייטער נומער איז דערשינען אין 9טן אויגוסט; דער דרי־טער אין 23סטן אויגוסט (אין וועלכן סע האָבן אויך מיטגעאַרבעט: א. שטיינבערג און ס. שוואַרץ); דער פערטער נומער איז דערשינען אין 13טן סעפּטעמבער, אין וועלכן סע ווערט אָנגעזאָגט: „אין די קומענדיקע נומערן וועלן זיך באַטייליקן: מלך ראַוויטש, אהרן צייטלין, קאַדיע מאָ־לאָדאָווסקי, בער האָראָוויץ, יוסף קירמאַן, נאַרבו לאַזאַרעאַנו, יעקב שטערנבערג, משה אַלטמאַן, שלמה ביקל א. אַנד“.

...אָבער דער „קומענדיקער נומער“ איז, ווײַזט אויס, נישט מער דערשינען.

די 4 נומערן האָב איך געפונען אין דער אַקאַדעמיע.

איציק מאַנגערס „בריוו צו איקס איגרעק“ זענען פּערלדיקע עסייען, אָבער לפי דעתי איז די צײַטונג געווען געווענדט צו יחידי סגולה, אויף אַ הויכן ניוואָ, פאַר חובבי ייִדיש־ליטעראַטור, צו וואָס דער לייענער איז נאָך נישט געווען דערוואַקסן...

130

יודישע פּרעסע

דערשינען וועכנטלעך, אין סיגעט, אין די יאָרן 1929 — 1932, אונ־טער דער רעדאַקציע פון שלמה שוואַרץ און ישראל דוד איזראַעל.

אויב איך האָב נישט היינט געפונען קיין איין נומער פון דער דאָ-זיקער צייטונג, האָב איך אָבער א בריוו, צו ש"ס ראָמאַן, וואָס וואַרפט א שיין ווענן דער דער עקזיסטענץ פון דער צייטונג:

„מאַראַמאַראָשסיגעט, סעפּטעמבער 30, 1929.

זעהר געעהרטער הער!

מיר ערהאַלטען אייער וו׳ קאַרטעל פון 23-טען ד.ה. און האָבען אייך דעם כבוד ארויסצושיקען אונזערע אלע ביז איצט ערשיינענע נומערן פון אונזער צייטונג, און מיר בעטען אייך מיט אונז צו שטעהן אין פער-בינדונג ווי מיט די איבריגע יודישע צייטונגען אין רומעניען.

גלייכצייטיג טראָגען מיר אייך אָן איהר זאָלט אונז זיין דער פאַר-טרעטער פאַר בוקאַרעסט פון אונזער צייטונג, צו שאַפען אבאָנאַמענטען און אַנאָנסען נעבען גוטע באַדינגונגען, ווען איהר קענט זיך דערמיט נישט באַפאַסען, אַזוי בעטען מיר אייך אונז אָנגעבען די אדרעסע פון עפּעס א טויגליכען פאַרלעסליכען יונגענמאַן, וועלכער זאָל אונז דאָרט ארבייטען.

מיר דאַנקען אייך אין פאָרהיניין און ערוואַרטען אייער זויפאָרטיגען ענטפער. אין דער האָפענונג פאַרבלייבען מיר פאַר אייך.

מיט אלער אכטונג:

י.ד. איזראעל

יודישע פּרעסע

רעדאקציע און אדמיניסטראציע

סיגעט".

131

דער פאַרעך

(מיט לאַטיינישע אותיות איז דער גאנצער נומער).

אָרגאַן פון דעם פּאָליטישן גלאָצנפאַראיין „שבת-הגדול".

מצרים, שבת דגדול, 2930 (אפשר וויל עס מיינען: 1930?) נומער ארגער.

פאָרמאַט: 32/47 צמ, 4 זייטן, 3 קאָלומנעס.

פּרייז: וויפל מע גיט (אָבער נישט ווייניקער פון 5 ליי).

ערשיינט צו אלדע גוטע יאָר אין דער שבת-הגדול-וואָך.

אבאָנאמענטפּרעמיעס (נאָר ביז פסח): עשר מכות און שווארץ חושך.

רעדאקציע: קאירא קראצמעכגאס 12, טעל. 606.

טעלעגראמאדרעס: פארעד ארויס פונעם באד.

שעף-רעדאקטאר: שמויגער פארעד.

פאראנטוואָרטלעכער: יעדער משוגענער.

דעם דאָזיקן נומער האָב איך געפונען אין דער אקאדעמיע.

איך מיין אז דאס איז דערשינען אין טשערנאָוויץ, רעדאגירט פון שמשון פערסט.

132

דאָס כאָטינער וואָרט

אָרגאן פאר אויפקלערונג און אינפארמירונג פאר דער כאָטינער יידישער באפעלקערונג.

1טער יאָרגאנג, נומער 1, 8טער מערץ 1930, כאָטין (גיב איך צו: באסאראביע).

פאָרמאט: 32/47 צמ, 4 זייטן, 3 קאָלומנעס.

די ערשטע זייט הייבט זיך אָן מיטן „אויפרוף צו דער כאָטינער יידישער באפעלקערונג צו די שטאָט-וואלן".

דער צווייטער נומער איז דערשינען דעם 15טן מערץ.

אין ביידע נומערן ווערט געמאכט וואל־פראָפאגאנדע, פאר די 3 יידישע קאנדידאטן, אין אלע זשאנערן: פערזן, פראָזע וכדומה.

די עקזעמפלארן האָב איך געפונען אין דער אקאדעמיע.

133

צוקונפט

אָרגאן פון דער סאָציאלדעמאָקראטישער יוגנט אין רומעניע.

דערשיינט פון צייט צו צייט. טשערנאָוויץ, 1930.

פאָרמאט: 22/31 צמ, 3 זייטן, 2 קאָלומנעס.

איך האָב געפֿונען אין דער אקאדעמיע א נומער, פֿון 4 זייטן, אבער ווי סע ווייזט אויס, זענען בלויז די ערשטע 2 זייטן פֿונעם נומער 3, פֿון מאי 1930. די אנדערע 2 זייטן (3 און 4) זענען פֿון אן אנדערן, שפּעטערן נומער.

אויף דער ערשטער זייט איז אן ארטיקל: „ארבעטער-יוגנט מאַר-שירט". אויף דער צווייטער זייט איז אן ארטיקל פֿון וול. מעדעם: „בונד"; פֿון אנאטאָל פּראנס: „צו א ליכטיקער צוקונפֿט"; בער י. ראָזען: „מיט וואָס מיר קומען".

די דריטע זייט — איז קענטיק — פֿון א שפּעטערדיקן נומער, לכל הפּחות פֿון חודש סעפּטעמבער. אויפֿן קאָלאָנעטיטל פֿון דער זייט איז געשריבן „ביילאַגע צו „די נייע צייטונג", נ"ר 32, „צוקונפֿט".

דאָ איז פֿאראן אן ארטיקל „א וואָרט צו דער פּארבלאָנדזשעטער יוגנט" (אנטיציוניסטיש): „צוקונפֿט" דארף ווערן אייער שטענדיקער אָרגאַן. זאָרגט דערפֿאַר, אז די צייטונג זאָל רעגלמעסיק דערשיינען!".

אויף דער פֿערטער זייט איז דאָ א באַריכט וועגן די פֿעריען-קאָ-לאָניעס, 1930.

אין דער רובריק „פֿון די אָרגאניזאציעס" ווערט געזאָגט וועגן א פֿארזאמלונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין סיגעט, אין 9טן אויגוסט, וואו סע האָט זיך געגרינדעט א יוגנט-בונד: „מיט א שטיקל צייט צוריק איז ביי אונדז געגרינדעט געוואָרן א יוגנט-בונד, וועלכער האָט זיך אינטענ-סיוו גענומען צו דער ארבעט. מיר האָבן געמאכט א ריי אויספֿלוגן. לעצ-טנס האָבן מיר געגרינדעט א ספּאָרט-סעקציע מיטן נאָמען „מאָרגנשטערן". אונדזער ביבליאָטעק איז די איינציקע יידישע ביבליאָטעק אין אונדזער שטאָט. אין אויסשוס זענען פֿאָלגנדע חברים: גוטמאן, גראָס, י. שטערן, האנעס, סאָלאָמאָן, קויפֿמאן, ב. לאקס, יוראָוויטש, נ. קויפֿמאן און שנאבל.

עס איז ביי אונדז געווען חבר יאטשאק פֿון קלוש, וועלכער האָט אָפּגעהאלטן א פֿאָרטראג אין דער אונגערישער שפּראך וועגן די אויפֿגאבן פֿון דער יוגנט. דער פֿאָרטראג איז אדורך נ.יט גרויס דערפֿאָלג"...

אזוי האָב איך געלייענט מיט מיינע אויגן — אויב עס איז טאקע אזוי געשען, דאָס איז שוין א פֿראגע פֿון „גלויבן"... איך בין דאָך אויך א סיגעטער, און וויפֿל איך ווייס, איז דאָרט קיין בונד-אָרגאניזאציע נישט געווען. „שומר=הצעיר" און קאָמוניסטן — דאָס יאָ.

134

דער פלאמענדיקער גראגער

(מיט לאטייניש[ע] אותיות דער גאנצער נומער)

אַפּהענגיקעס קאָרופּטעס, פּאָליטישעס. הומאָריסטיש־סאטיריש בלעטל. דערשיינט ווען מע וויל. נומער: טשערנאָוויץ אום פּורים 1930.

פאָרמאט: 23/32 צמ, 8 זייטן, 2 קאָלומנעס.

פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטאָר: סאָלאָ זוסמאן.

135

מאראמאָרעשער בלעטער

אָרגאן פאר ליטעראטור, קונסט און פּאָליטיק. ערשיינט לעת עתה איינמאל אין חודש. רעדאגירט פון: ד"ר שטערנבערג און ד"ר דערמער.

פאָרמאט: אָקטאוו, 16 זייטן און א רויטע הילע, אויף וועלכער עס פיגורירט דער פאראנטוואָרטליכער רעדאקטאָר: אברהם מרדכי הירש.

דער צווייטער נומער איז א טאָפּלט-נומער אַפּריל-מאַי 1931. דער 3טער נומער פון יוני 1931 האָט שוין אן אנדערן אונטערטיטל: אָרגאן פאר ליטעראטור, קונסט און וויסענשאפט. דערשיינט איינמאָל אין חודש. אונטער דער רעדאקציע פון: ד"ר נ. שטערנבערג און פראָפ' ד"ר יעקב דערמער.

אויך דער פאָרמאט איז געענדערט: א קוואַרט-בויגן, 10 זייטן, 3 קאָלומנעס. דאָס מאָל דערשיינט די פּובליקאציע רעגולער יעדן חודש.

אָנהייבנדיק מיטן נומער 8 פון נאָוועמבער 1931 איז די רעדאקציע: ד"ר נ. שטערנבערג און א. מרדכי הירש.

בן-מנחם, פון וועמען איך האָב די ידיעה, מיינט אז דער לעצטער נומער איז דערשינען אין יאנואר 1932.

אמאָל האָב איך די צייטשריפט געזען, אבער איצט האָב איך נישט געפונען קיין איין עקזעמפלאר.

איך האָב זי געפֿונען דערמאָנט אין „ידיעות פֿון ייוואָ“ נומער 35 פֿון 11טן סעפּטעמבער 1931, (ביילאַגע צו די ליטעראַרישע בלעטער פֿון וואַרשע, נומער 35 פֿון יאָר 1931), אין דער רובריק „נייע צייטשריפֿטן... מאַראַמאַרעשער בלעטער—סיגעט“.

136
אָנזאָג

צייטשריפֿט פֿאַר ליטעראַטור, קונסט און צייטפֿראַגן. ערשיינט פֿון צייט צו צייט. קעשענעוו, 12.1931 זייטן. רעדאַקציאָנס־קאָלעגיאום (רעדאַקציע־קאָלעגיע): ה. גייסינער, ה. וויינשטיין, י. יאַקיר.

אינהאַלט: אונדזער וואָרט צום „אָנזאָג“-לייענער; יאַנקל יאַקיר — דער טראַגישער פֿאַררעטער; הערש וויינשטיין — כּאַוועד שעפּטל; מרדכי שקאָלניק — פֿאַרטאָג (ליד); הערצל גייסינער — געזאַנג און באַלאַדע; אַנטשל קאָבילקאָווסקי — אין אַ פֿרימאָרגן: מרדכי שקאָלניק — צו מיין מאַמען; מאיר פּאָליאַקאָוו — אַ טאָג אין מאַרש; יאָסל טראַכטנבערג — וועגן שטעטלדיק צאַנקען; נאָטיצן: פֿון נאָענט און וויט; אויפֿן קינסטלערישן פֿראָנט.

ביז אהער איז עס כאַראַקטירט אין דער רובריק „נייע ביכער“ פֿון די „ליטעראַרישע בלעטער“ פֿון וואַרשע, נומער 1931/46, זייט 868.

איך וועל נאָר צוגעבן אַז ה. גייסינער איז דער דיכטער ה. ריווקין און ה. וויינשטיין איז דער פּראָזאַטאָר הערש לייב קאָזשבער — ביידע זענען זיי אומגעקומען בעת דער שואה. יאַנקל יאַקיר לעבט איצט אין ישׂראל.

דער אָנזאָג איז טאַקע געווען אַן אָנזאָג פֿון גאָר יונגע טאַלאַנטן — אָבער מער איז נישט דערשינען פֿון דער דאָזיקער פּובליקאַציע. איך האָב מער נישט געפֿונען קיין שפּורן.

137
יוגנט-שטימע

דערשינען אין יאָר 1931, אין טשערנאָוויץ. אָבער איך האָב נישט געפֿונען קיין איין נומער.

138

די נשמה

עישטער יאָרגאַנג, נומער 1. טשערנאָוויץ. 15טער אָקטאָבער 1932.
מאָנאַטלעכע שריפט וועגן כאַראַקטערבילדונג דורך אמונה.
פאַראַנטוואָרטלעכער: מ. נ. ריכטער.

פאָרמאַט: 22/32 צמ, 4 זייטן, 3 קאָלומנעס.

דער דאָזיקער נומער הויבט זיך אָן מיט: „דאָס ערשטע וואָרט צו אונדזערע חשובע לעזער", דערנאָך א ליד פון מ.נ. ריכטער.

...לייענענדיק די דאָזיקע צייטשריפט, וואָס איז געשריבן מיט א זייער שיינעם יידיש און מיט הויכע רעיונות וועגן כאַראַקטער און אמונה וועגן פסיכאָלאָגיע (און וועגן וואָס מע הערט און געדענקט!...) אָבער ערשט אין צווייטן נומער (נאָוועמבער 1932) און אין 3טן נומער (מערץ 1933) באַווייזן זיך „פראַגמענטן פון ישוע דמשיחס באַרג-דרשה"...

הייסט עס, אַז עס איז א מיסיאָנערישע צייטונג...

אין די דאָזיקע דריי נומערן (געפונען אין דער אקאַדעמיע), האָב איך געטראָפן די חתימות פון: ד"ר פ. וואַלדמאַן, ד"ר רפאל פערל ד"ר ש. לעווינ.

איך מיין, אַז פון דעם קאָן מען נאָך נישט דרינגען, אַז די אַלע זענען געווען מיסיאָנערן. סע קאָן גיכער זיין, אַז מע האָט איבערגע-דרוקט אומשולדיקע, מעדיצינישע (וועגן פסיכאָלאָגיע און כדומה!) אַר-טיקלען פון אַנדערע צייטשריפטן, דווקא מיט קלינגענדיקע אקאַדעמישע דאָקטאָר־טיטלען, כדי צו ווייזן, ווער סע זענען די מיסיאָנערן — הגם זיי זענען עס אפשר נישט געווען.

139

וויאַצאַ עוורעאַסקע (יידיש לעבן)

ליטעראַריש, געזעלשאַפטלעך, ציוניסטיש־פּעדאַגאָגישער חודש־שריפט אין רומעניש און יידיש.

(בלויז איין זייט איז געווען יידיש).

דערשינען אין יאָר 1932, אין פיאטרא-נעאמץ, אונטער דער רע-דאקציע פון א.מ. העניק.

איך האָב דעם זשורנאל נישט געפונען.

140

באסאראבער היינט

וואָכנבלאט פאר קאמף פאר א אידישער מלוכה אין ארץ ישראל אין אונדזערע צייטן.

דערשינען אין בעלץ אין יאָר 1932, ווי א וואָכנצייטונג, אונטער דער רעדאקציע פון מיכאל יאכינזאָן. כאראנטוואָרטלעכער: א. זיגערמאן.

פאָרמאט: 32/47 צמ, 4 זייטן, 5 קאָלומנעס.

נאָך 3 חדשים איז עס דערשינען א שטיקל צייט פעריאָדיש. ביזן יאָר 1935.

איך האָב געפונען עטלעכע נומערן אין דער אקאדעמיע.

דאָס איז געווען א ציוניסטיש-רעוויזיאָניסטישע צייטונג.

141

אונזער וועג

אזוי איז דערשינען אין קעשענעוו א צייטונג, אין יאָר 1932, אונ-טער דעם נאָמען. אָבער איך האָב נישט געפונען קיין שפורן.

142

דער שטערן

אָרגאן פאר קולטור און פאָליטיק.

דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 15טן סעפטעמבער 1932, אין סיגעט, אונטער דער רעדאקציע פון בערל שנאבל.

פאָרמאַט 32/48 צמ, 4 זייטן.

דאָס איז געווען אַ ראַדיקאַלע צייטונג, אַזוי קאָמוניסטיש איז נישט דערשינען צו יענער צייט אין גאַנץ רומעניע. אין סיגעט האָט זי געקאָנט דערשיינען בסך הכל 4 נומערן.

פון וואו מע האָט גענומען געלט?

פאַר דרוק האָט מען כמעט נישט געצאָלט. לייזער פישמאַן, וועלכער איז געווען אַן איבערגעגעבענער חבר, האָט עס געזעצט און בע-דרוקט אין דער דרוק פון דער „קויפמאַן־דרוקעריי"...

היינט געפינט זיך שוין נישט קיין איין עקזעמפּלאַר. ביים ייוואָ, דאַרף יאָ זיין. איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ ישיבה-בחור און עס גע-לייענט מיט חשק.

143

בלעטער פאַר יוגנט-קולטור

דערשינען 2 נומערן אין קעשענעוו, אין יאָר 1932, אונטער דער רעדאַקציע פון נתן פעלד.

אַ ציוניסטישע פּובליקאַציע, פון וועלכער איך האָב נישט געפונען קיין שפּורן.

145

אויפגאַנג

אילוסטרירטער חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט.

דערשינען אין סיגעט, אונטער דער רעדאַקציע פון ישראל דוד איז-ראַעל.

דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער מאַכט, ווי געווייינטלעך, איז געווען זיין ברודער: אַ״י (אברהם) איזראַעל, וועלכער איז געווען אַן עסקן ביי דער סיגעטער מזרחי.

פאָרמאַט: 24/32 צמ, 16 זייטן, 2 קאָלומנעס. (צו מאָל בלויז 8 זייטן, אָבער אויך 32 זייטן).

№ 1. פרייז 15 ליי מ. סיגעט [illegible] 1933

אינזיך

אילוסטרירטער חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור־טעאַטער און קונסט

צו אַלע פרײַנט פון יידישן וואָרט!

אילוסטרירטער חודש־זשורנאַל

אינזיך

פאַר ליטעראַטור טעאַטער און קונסט

No. 11 (19) רעדאַקציע: י. י. איזראעל, א. ש. הירש מ. סיגעט נאָוועמבער נומער 1934

י. ב. שטיין / וואַרשע

ערגער קאָן שוין נישט זיין

דאָס איז געווען א געשעעניש. דער זשורנאל האָט געקאָנט קאָנקורירן נישט בלויז מיטן אויסזע מיט די ווארשעווער „ליטעראַרישע בלעטער" נאָר אויך מיטן ליטעראַרישן ניוואָ. סע האָבן אין אים מיטגעארבעט די בעסטע כוחות פון לאנד און פון דער גרעסער יידישער וועלט.

נישט אומזיסט האָט דער ערשטער זיך אָנגעהויבן מיט:

„צו אלע פריינט פון יידישן וואָרט!

טרויריק, ממש פארצווייפלט איז דער מצב פון אונדזער יידיש קולטור-לעבן אין רומעניע. ביטול און אפאטיע מצד די ברייטע יידישע באַלקסמאסן, צעריסנקייט און צעדרויבלטקייט מצד דער יידישער שרייבער-משפחה, פארטעמפן און פארהאמעווען יעדע אָנרעגונג פאר אן ערנסטער יידישער קולטור-ארבעט..."

אָבער ווי, וויפל ביז סע האָט אָנגעטאָן טאקע די דאָזיקע „צעדרויבלטקייט" ווען סע האָבן זיך אויסגעפאָרעמט דריי „קליי־זלעך", וואָס האָבן געפירט מחלוקות צווישן זיך, ממש להרוג ולאבוד. „טשערנאָוויץ" האָט זיך גרופירט ארום די „טשערנאָוויצער בלעטער", „בוקארעשט" האָט זיך גרופירט ארום דער „וואָך" און אלעביידע זענען באַפאלן „סיגעט" מיט איר „אויפגאנג", וועלכער האָט אָנגעהויבן אונטער די שווערע שלעק „אונטערצוגיין"...

מחמת דעם האָב איך אויבן דערמאנט, אז דעם רעדאקטאָרס ברודער איז געווען א מזרחיסט. אָט דעם חטא האָט מען אויך נישט געקאָנט מוחל זיין פארן רעדאקטאָר פון אזוי געלינגענעם „אויפגאנג"...

איך וועל ציטירן פון „יינג מאראמאָראָש", וואָס איז דערשינען אין סיגעט, אין מערץ 1941, וואו יחזקאל רינג האָט אזוי כאראקטעריזירט איזראעלן: „א שטיק שטורעמווינט, וואָס האָט אויף זיינע פלייצעס אָנגעטראָגן א פילשטאָקיקן בלאָק און אויפגעשויבערט דאָס גאנצע קולטור פארגליווערטע רומעניע"...

עס האָט זיך אָנגעהויבן א געראנגל אויף לעבן און טויט. י. ד. איזראעל האָט שוין אליין נישט געקאָנט אויספירן, האָט ער צוגענומען א שותף. אזוי איז זינט דעם נומער 11 (19) פון נאָוועמבער 1934 איז געווען די רעדאקציע: י. ד. איזראעל און א.מ. הירש.

אָבער מע האָט זיי ביידע אויפגעגעסן לעבעדיקערהייט. אלע, אלע וואָס האָבן „געכטן" פארעפנטלעכט זייערע שאפונגען אין דאָזיקן „אויפגאנג" האָבן היינט געוואָרפן שטיינער.

היינט, ווען דאָס רוב זענען שוין אויפן עולם-האמת (א. מ. הירש לעבט אין אשקלון, ער זאָל לעבן!) איז מיר א בושה צו ציטירן יענע עפּיטעטן, וואָס מע האָט אים געוואָרפן אין פּנים אריין. ממש אים געלייגט אין חרם:

איך האָב זיך באַפריינדט מיט איזראעלן, ווען דער לעצטער נומער (37) איז שוין דערשינען, אין יאנואר 1948. פונעם „אויפגאנג“ איז געוואָרן „אונטערגאנג“... איך בין דעמאָלט אהיימגעקומען פון טשערנאוויץ, כדי צו מאכן מיליטער-דינסט.

איזראעל האָט אויסגעזען, ווי אַן אבדיקירטער מלך. ער האָט געלעבט בלויז מיט די זכרונות, וואָס זענען פאראייביקט אין דער רייכער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ער האָט פארמאָגט, בריוו פון די גרעסטע יידישע שרייבער, אָנהייבנדיק מיט אָפּאטאָשון.

ער האָט מיר געגעבן צו לייענען די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ מיטן געדאנק, אז איך זאָל אָנשרייבן א מאָנאגראפיע וועגן „אויפגאנג“. באמת, וואָלט מען געוועז געקאָנט אָנשרייבן אזא מין מאָנאָגראפיע. דאָס מאטעריאל איז געווען א זייער רייכער אוצר (און איך בין געווען אן אָנהייבער, וואָס בין נישט געווען צווישן די מחלוקת-גרופּעס!). אָבער ווי „צעדרויבלט“ האָט אונדז שוין דאָס מאָל דער היטלעריסטישער אשמדאי... און פון דעם אלעמען איז געוואָרן אש. אויך פון איזראעלן איז געוואָרן אש אין אוישוויץ.

עס איז כדאי צו דערמאנען די איראָנישע באמערקונג פון א בו-קארעשטער קאָרעספּאָנדענט צו די ליטערארישע בלעטער (נומער 49 פון 6סטן דעצעמבער 1935, זייט 763), וועלכער באקלאָגט זיך בזה הלשון:

„מיר שטוינען און גאפן אויף די געציקלטע האָניק-זיסע בריוו פון אָנגעזעענסטע יידישע שרייבער צו אָט דער צייטשריפט, וועלכע זענען כמעט אלע אין גייסט פון דעם פסוק: „כי מסיגעט תצא תורה ודבר ד' ממאראמורעש“...

דער אויטאָר פונעם ארטיקל מאָטיווירט זיין אויפגעבראכטקייט „...ווייל דאָס ווייניקע וואָס דער „אויפגאנג“ האָט אין ליטעראַרישן זינען מיט איין האנט אויפגעבויט, דאָט ער מיט דער צווייטער האנט כפל-כפלימדיק צעשטערט“.

איך האלט אָבער פאר וויכטיק דאָ צו פארעפנטלעכן דריי בריוו, וואָס דער רעדאקטאָר האָט געשיקט צו ש"ס-ראָמזן, וואָס שפּיגלען אָפּ די חבלי-לידה פון דעם זשורנאל:

[illegible], דעם 1-טן פעברואר 1953

ווערטער חשובער פריינט ש"מ ראסאן,

בוקארעשט.

מיר האבן דעם כבוד אייך איינצולאדן, אז די
יידישע שרייבער-משפחה אין רומעניע גרייט זיך אין די קומענדיקע
טעג ארויסצולאזן א אילוסטרירטן הויפט-זשורנאל א.נ. „[illegible]”,
[illegible]

י.ד.איוראעל

ט.-סיגעט, דעם 28-טן מערץ 1953

ח"ש שים ראסאן,

בוקארעשט.

ווערטער חשובער פריינט!

אונז וואונדערט זייער, וואס אויף אונזער לעצטן בריוו צו אייך
אין וועלכן מיר האבן אייך געבעטן אונז היכף איינצושיקן די
געשיצן פאר בוקסיק, האבן מיר ביז איצט פון אייך קיין שום
תשובה ניט דערהאלטן.-
געמענדיק אין אכט, וואס דער [illegible] נומער דערשיינט שוין די
טעג, בעטן מיר אייך זייער אונז [illegible], מיט דער ערשטער
פאסט די דערשינענע געשיצן אריינצושיקן, מחמת [illegible]
האבן מיר די [illegible] ידיעה שוין פון לאנג דערהאלטן און
מיר ווילן זייער, אז אייך בוקארעשטער יידיש קולטור-לעבן זאל
אין [illegible]
בראנזק-ווירבריק.-
מיר האפן היבש אייך די געשיצן, און [illegible]

מיט [illegible] צו אייך

פאר דער רעדאקציע,

י.ד.איוראעל,

„מארמאָראָשסיגעט, דעם 1-טן פעבער 1933

זייער חשובער פריינט ש"ס ראָמאן,

בוקארעשט

מיר האָבן דעם כבוד אייך מיטצוטיילן, אז די יידישע שרייבער-משפחה אין רומעניע גרייט זיך אין די קומעניקע טעג ארויסצולאָזן א אילוסטרירטן חודש-זשורנאל א.נ. „אויפגאנג“, געווידמעט פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און וויסנשאפט. איר האָט דאריבער שוין געקאָנט לייענען די נאָטיצן און אנאָנסן אין דער גאנצער יידישער אויסלענדישער פרעסע.

דער טענדענץ פונם זשורנאל איז, די פונאנדערגעוואָרפענע גרויסע יידישע שרייבער־משפחה פון אלע פאַרוואָרפנסטע ווינקלען אין רומעניע, וואָס זיינען צוליב די אָדער יענע סיבות אומפּראָדוקטיוו און אומבאקאַנט פאר די ברייטע יידישע לייענער-מאסן, צונויפצוזאמלען אין איין צענטער בא א קינסטלערישן זשורנאל, בכדי ניט צו פארוואָרלאָזן דעם הא'ב-געאקערטן באָדן פאר יידיש אין רומעניע, אין אָט-דער פארשאָלטענער און הינטער שטעליקער מדינה לגבי אונדזער קולטור און ליטעראטור.

ביז איצט זיינען צו אונדז שוין אריינגעלאָפן זייער וויכטיקע מאטעריאלן פון די באדייטנדיקסטע יידישע שרייבער, דיכטער, קריטיקער און וויסנשאפטלער פון אינ־ און אויסלאנד, און איצט, קריגנדיק אייער אדרעס, האָבן מיר דעם כבוד אויך אייך איינצולאדענען זיך צו באטייליקן מיט א גרעסערן ליטעראַרישן בייטראַג אינם ערשטן נומער פון אונזער זשורנאל, פאר וועלכן מיר וועלן אָפּגעבן א גאַר בכבודיק אָרט אויף די שפאלטן פונם „אויפגאנג“.

מיר גלויבן, אז איר וועט פארשטיין און באלד תופס זיין די קאָלאָסאלע באדייטונג און וויכטיקייט פון שאפן אזא ליטעראריש-קינסטלערישע טריבונע אין רומעניע, און וועט באלד נאָכן דערהאלטן פון אונדזער דאָזיקן בריוו, אָן פארשפעטיקונג, איינשיקן אייער מאטעריאל באגלייך מיט אייער לעצט בילד וועגן א קלישע.

אייער מאטעריאל באדארף צו אונדז אריינלויפן ניט שפעטער פונם 10-טן ד.ח., מחמת דאָס איז דער לעצטער טערמין פון געבן אין דרוק פארן ערשטן נומער, און מיר וואָלטן זייער געוואָלט, חשובער פריינט ראָמאן, אז דער ערשטער נומער פון אונדזער זשורנאל זאָל מיט זיך פאַר-



שטעלן א קיבוץ-גליות פון דער גאַנצער יידישער שריפטשטעלער-משפּחה אין רומעניע.

דערוואַרטנדיק תּיכּף אייער מאַטעריאַל מיטן בילד, פאַרבלייבן מיר

מיט פריינדלעכסטע גרוסן און גרויס דרך-ארץ:
רעדאַקציע „אויפגאַנג“

נ.ב. מיר בעטן שרייבן די מאַנוסקריפּטן קלאָר און לעזבאַר יעדעס וואָרט, אויף שמאָלע צעטל, אויף איין זייט און מיט טינט".

פון דעם דאָזיקן בריוו, וועלכער אַנטהאַלט נישט קיין קליינע דאָזע נאַיוועקייט, קאָן מען דרינגען די געוואַגטקייט פונעם יונגן רעדאַקטאָר, וועלכער הגם ער חתמעט זיך נאָך נישט מיט זיין נאָמען, נאָר מיט א חותם, דאָך רעדט ער שוין אין נאָמען פון דער גאַנצער „יידישער שרייבער-משפּחה אין רומעניע“. און נאָך עפּעס: אַנשטאָט האָנאָראַר, ווערט צוגעזאָגט „א גאָר בכבודיק אָרט אויף די שפּאַלטן פונם אויפגאַנג“... און צו פאַרעפנטלעכן „א לעצט בילד“.

דאָס איז אַלץ, וואָס דער יונגער איזראעל האָט דעמאָלט געקאָנט אַנבאָטן. איז אפשר דערפאַר האָבן זיך נאָך נישט געאיילט די שרייבער צו שיקן זייערע אַרבעטן?

יעקב גראָפּער, אין זיינס א בריוול צו א ידיד פון 2טן יאַנואַר 1933, איז מודיע: „כ'האָב באַקומען פון „אויפגאַנג“ א טעלעגראַם צוצושיקן לידער“.

איזראעל האָט זיך אָבער נישט געלאָזט. ער האָט ווידער געשריבן:

„מ.-סיגעט, דער 28-טן מערץ 1933

ה' ש"ס ראָמאַן,
בוקארעשט.

זייער חשובער פריינט!

אונז וואונדערט זייער, וואָס אויף אונזער לעצטן בריוו צו אייך, אין וועלכן מיר האָבן אייך געבעטן אונז תיכף אריינצושיקן די נאָטיצן פאַרן כראָניק האָבן מיר ביז איצט פון אייך קיין שום תשובה ניט דערהאַלטן.

נעמענדיק אין אַכט, וואָס דער ערשטער נומער דערשיינט שוין די טעג, בעטן מיר אייך זייער, אונז תיכף, מיט דער ערשטער פּאָסט די דערמאַנטע נאָטיצן אריינצושיקן, מחמת פון אַלע מקומות

האָבן מיר די נייטיקע ידיעות שוין פון לאנג דערהאלטן און מיר ווילן זייער, אז אויך בוקארעשטער יידיש קולטור-לעבן זאָל אין ערשטן נומער פון „אויפגאנג" באלויכטן ווערן אין דער כראָניק-רובריק.

מיר ווארטן תיכף אויף די נאָטיצן, און פארבלייבן

מיט פיל פריינטשאפט און אכטונג צו אייך

פאר דער רעדאקציע,

י. ד. איזראעל"

ווי עס איז צו זען, פון יאָזיקן בריוו, איז ער שוין יאָ געחתמעט, אָבער ער איז אויך נאָך נישט פערזענלעך, נאָך איז אין נאָמען פון „פאר דער רעדאקציע", וואָס איז נישט באשטאנען פון קיינעם אחוץ טאקע פון איזראעלן.

אָבער דאָס איז געווען בלויז אין אָנהייב, ביים סאמע בראשית, איידער עס איז נאָך דערשינען דער ערשטער נומער פונעם זשורנאל. נאָכן דערשיינען פונעם ערשטן און פון עטלעכע נומערן, האָט שוין דער רעדאקטאָר באקומען מאטעריאלן פון אלע יידישע שרייבער (מיט א נאָמען!) פון רומעניע און אויך פון חוץ לארץ.

קיינער האָט נישט באקומען קיין איין גראָשן האָנאָראר, אָבער מען איז געווען איבער-גליקלעך, אז מע האָט געהאט וואו אפצודרוקן א ליד, א דערציילונג צי אן עסיי. אויב מע האָט זוכה געווען צו זען אפגעדרוקט אויך א קליין בילדל — איז מען געווען אין זיבעטן הימל.

און ווען איך האָב געזאָגט, אז יידישע שרייבער פון אויסלאנד, האָב איך געמיינט אויך אפילו אַפּאטאָשון.

איך וועל נאָך ציטירן א בריוו פון 18טן אָקטאָבער 1934.

„ליבער טייערער פריינט ש"ס-ראָמאן!

אין איילעניש שרייב איך אייך א פּאָר ווערטער. איך האָב צו אייך א זייער וויכטיקע און דרינגענדע בקשה:

דעם בייגעלייגטן ארטיקל איבערצוזעצן אין יידיש און מיר אים תיכף צוזאמען מיטן אָריגינאל (וועלכער געהער פאר האראָוויצן!) צוריקשיקן. די דאָזיקע איבערזעצונג קומט אריין אין איצטיקן נומער פון „אויפגאנג" (נ"ר 17) אלס הקדמה צום צווייטן קאפיטל „טעג און נעכט מיט פּאנאיט איסטראטי", וועלכער איז שוין אפילו אויסגעזעצט אין דרוקעריי.

איך בעט אייך אזוי ארום מיר טאָן די געפעליקייט און תיכף, ווי איר קריגט מיין בריוו, זיך א נעם טאָן איבערזעצן דעם ארטיקל אין א

פיינעם זאפטיקן יידיש, ווי איר קאַנט, און אויף מיינע הוצאות אים אריינשיקן עקספּרעס.

אויב איר קענט דעם ארטיקל אוועקשיקן פון בוקארעשט שפּעטעס-טנס דינסטיק, ד.ה. דעם 23-טן ד.ח., דאן דארפט איר אים ניט שיקן עקס-פּרעס, נאָר אייגפאַך. ער וועט אנקומען אין דער צייט. שיקט אומבאַ-דינגט צוריק דעם אָריגינאַל, וועלכן איך מוז — לויט הראַוויצנס בקשה — אים תיכף אומקערן.

נעמט צו, ליבער ש"ס, מיין בעסטן דאנק פאר אייער באַמי און פּריינטלעכקייט אין פאַרויס און דערפילט מיין בקשה בעסער ווי מעגלעך.

מיט די בעסטע און הארציקסטע גרוסן:

אייער י.ד. איזראַעל

פּ.ס. שיקט אומבאדינגט, כראָניק-מאטעריאַל און עפּעס אַן ארטיקל. די ארויסגעשיקטע „אויפגאַנג"-נומערן דערהאלטן? שרייבט.

ד.ז."

אז מע טוט א טראַכט, אז איין איינציקער מענטש האָט געטראָגן אויף זיינע יונגע אקסל דאָס אחריות פון אזא וואָגיקן זשורנאל, סיי דאָס רעדאקטירן, קאָרעקטור אריינגערעכנט — און סיי די גאַנצע ארבעט פון אדמיניסטראַציע, אפילו דאָס עקספּעדירן מיט דער פּאָסט צו די אַבאָנענטן, צו פירן קאָרעספּאָנדענצן מיט שרייבער און לייענער — קאָן מען פאר-שטיין דעם דאָזיקן בריוו.

און דאָך איז נישט קיין חידוש, וואָס דער זשורנאַל האָט נישט מאריך ימים געווען. מערער איז א וואונדער, וואָס ער האָט יאָ געקאָנט באַוויזן צו דערשיינען, וויפל ער איז דערשינען.

146

די יודישע שטימע

אן אָרטאָדאָקסישע וואָכנצייטונג, דערשינען אין דעזש (טראַנ-סילוואַניע) אין מאַי 1933. אונטער דער רעדאקציע פון אַהרן דוד ברוין.

פאראַן עטלעכע נומערן אין דער אקאדעמיע.

147
דער ראַדיאָ

וואָכנבלאַט געווידמעט פאַר די אינטערעסן פונעם רעליגיעז נאַציאָנאַלן ייִדנטום.

דערשינען אין סיגעט אין יאָר 1933.

בסך-הכל זענען דערשינען, דאַכט זיך, נישט מער ווי 4 נומערן. דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל געזען פאַרעפנטלעכט מיין חתימה, אונטער א וויץ, וואָס האָט מיר פאַרשאַפט פיל צרות — וואו קומט מען דרוקן עס אין די גאַזעטן?!...

די קליינע וואָכנצייטונג איז געווען רעדאַגירט, געזעצט און געדרוקט פון יחזקאל רינג, וועלכער לעבט היינט (נאָך אוישוויץ) אין שוועדן. אבער זיין נאָמען פיגורירט אין דער ענציקלאָפעדיאַ פון ירושלים, צוליב זיינע פּראָזע ביכער וואָס ער האָט פאַרעפנטליכט ערב דער היטלער־מלחמה, וואָס האָבן אָנגעזאָגט א גרויסן טאַלאַנט.

איך האָב נישט געפונען איצט קיין עקזעמפּלאַר פון דער דאָזיקער צייטונג, אָבער דאָס פלוג-בלעטל, וואָס האָט אָנגעזאָגט דאָס דערשיינען, האָב איך יאָ געפונען. איז וועל איך ציטירן, ווייל עס איז באַלערנדיק:

„יידישע ליינער!

אינגיכן הויבט אָן דערשיינען אין סיגעט א ניי וואָכנבלאַט א.נ. „דער ראַדיאָ", וועלכס איז געווידמעט פאַר די אינטערעסן פונעם רעליגיעז-נאַציאָנאַלן יידנטום.

דער ראַדיאָ איז דאָס איינציק-יידישע וואָכנבלאַט אין גאַנץ רומעניע, רעדאַגירט דורך די פּאָפּולערסטע זשורנאַליסטישע כוחות.

דער ראַדיאָ ברענגט די גאָר לעצטע סענסאַציאָנעלסטע נייעס פון „גאָר דער ברייטער וועלט".

דער ראַדיאָ ווידמעט ספּעציעלע טאַלאַנטפולע רובריקן פאַר „פּאָליטיק ליטעראַטור און הומאָר".

דער ראַדיאָ מוז געלייענט און פאַרשפּרייט ווערן צווישן טויזנטער יידישע מאַסן.

דער ראַדיאָ אַפּעלירט מיט זיין מעכטיקע שטים צום באַוואוסטזיין פון די ברייטע יידישע ליינער מאַסן.

ברודער!

ווילסטו אז דאָס אָרטאָדאָקסישע יידנטום זאָל באזיצן אן אָפיציעל-דעמאָנסטירנדיקע טריבונע? ווילסטו כאפן אן איבערבליק איבער די פּאָליטישע געשעענישן פון דער וואָך? ווילסטו באקומען א באגריף איבערן לעבן און שאפן פון די יידישע אויטאָריטעטן? ווילסטו הערן שפילן דעם וויאָלין פונעם דיכטערס נשמה?... ווילסטו זיך צעשמייכלען פונעם יידיש-קיצלדיקן הומאָר און בייסנדיקער סאטירע?

דאן קויף, לייען, פארשפּרייט אונדזער איינציקן וואָכן אָרגאן „דער ראדיאָ".

אבאָנאמענט פּרייז: איינצ' נומער 1 ליי. מאָנאטלעך 4 ליי. אויסלאנד 7 ליי.

אדרעס: „דער ראדיאָ" סטר. אי.ק. בראטיאנו נר' 3, סיגעט".

איך וויל צוגעבן צו אָט דעם ציטאט, אז דער רעדאקטאָר איז נאָך נישט אלט געווען דעמאָלט קיין 20 יאָר...

דער שטרענג חסידישער ישיבה-בחור, יחזקאל רינג, איז געווען א פילזייטיקער טאלאנט: דראמאטורג, אקטיאָר, דערפינדער, פּאָעט, פּראָזאַטאָר, עסייאיסט און וואָס איר ווילט, אזוי ווי סע קאָן זיין נאָר א מאראמורעשער ישיבה-בחור. ד"ר שלמה ביקל האָט אים געווידמעט א קאפּיטל אין זיין בוך „רומעניע". י. רינג האָט זיך ספּעציעל אויסגעלערנט די מלאכה פון זעצעריי, כדי אליין צו זעצן זיין וואָכנצייטונג „דער ראדיאָ" — אנדערש ווי אזוי וואָלט ער געקאָנט כאָטש פּרובירן ארויסגעבן א פּובליקאציע, אויך אפילו ווען ער איז מאראליש געווען געשטיצט פון זיינע חברים פון דער לאָקאלער אָרגאניזאציע צעירי אגודת ישראל?

שפּעטער מיט דריי יאָר האָט ער געזעצט מיט די אייגענע הענט זיינע אזוי וואָגיקע ביכער: „א גילגול פון א ניגון", „אויפן הימל א יריד", „מגילת יודא" און אן אונגעריש-יידיש ווערטערבוך, ביכער וואָס האָבן געמאכט א גרויסן רושם הן מיט זייער ליטעראריש-קינסטלערישן ווערט, הן מיט זייער פילאָזאָפיש-פּאָליטישן און אויך רעליגיעזן תוכן.

ליידער האָט זיין אזוי פיל צוזאָגנדיקע ליטערארישע טעטיקייט נישט געקאָנט פאָרגעזעצט ווערן צוליב דער אוראלטער יידישער סיבה — „עבדים היינו", עס איז געקומען אוישוויץ און געמאכט א סוף צו די מאראמאָרעשער יידן.

פון רינגן האָב איך מיר גענומען דעם ביישפּיל און אויך געלערנט די מלאכה פון זעצעריי, כדי צו קאָנען אליין זעצן מיינע ביכלעך...

IN CURÂND VA
APARE IN SIGHET
אינגיכן הויבט אן
דערשיינען אין סיגעט
Transilvanier Bleter
טראנסילוואניער בלעטער
REVISTĂ ILUSTRATĂ
PENTRU LITERATURĂ
TEATRU ŞI ARTĂ
REDACTATĂ DE SCRIITORUL
TÂNĂR I. RING.
TRANSILVANIER BLETER
este tribuna intelligenţiei evreeşti, în care vor apare creaţiile artistice al tineretului din Transilvania

148

די יודישע וועלט

א ציוניסטיש-רעוויזיאָניסטישע וואָכנצייטונג, דערשינען אין סיגעט, אין יאָר 1933—1934. אונטער דער רעדאַקציע פון א.מ. הירש.

ביי דער דאָזיקער צייטונג האָב איך זיך געלערנט די מלאכה פון זעצן (און אפשר אויך צו זיין א רעדאַקטאָר?)...

149

סומך נופלים

צווייּשפּראַכיקער פּייערלעכער נומער. געווידמעט פאר משה ווערמערעזעו צום יובל פון 10 יאָר אומאונטערבראָכן פּרעזידענטשאַפט פונעם פאַראיין „סומך נופלים“.

גאַלאַץ, 3טער דעצעמבער 1933. רומעניש און יידיש.

פאָרמאַט: 32/43 צמ, 4 זייטן, 5 קאָלומנעס.

כמעט אין גאנצן איז עס רומעניש. כמעט איין זייט איז אין יידיש: „א זעלטענער פאל. א יובילעום פון א זונדערן כלל-טוער“, געחתמעט אבא שפּושניק, נשיא מועצת הגלילית צעירי מזרחי ברגט.

דעם נומער האָב איך געפונען אין דער אַקאַדעמיע.

150

דער שטוב-זשורנאַל

רעליגיעז־נאַציאָנאַלער חודש־שריפט אין רומעניע.

דערשינען אין קעשענעוו, אין יאָר 1933, אונטער דער רעדאַקציע פון י. עפּלבוים.

איך האָב געפונען אין דער פעדעראַציע דעם נומער 3 פון יולי-אויגוסט 1933.

פאָרמאַט: 16/23 צמ, 20 זייטן, 2 קאָלומנעס, אין א הילע.

אויך דער דאָזיקער נומער איז א ביסל ציוניסטיש-מזרחיסטיש און אויך א ביסל מער אגודיסטיש.

סע האָבן געהתמעט ארטיקלען אין דאָזיקן נומער: ד״ר מ. עליאש (פראנקפורט); הרב ישעיה רייכער (איזמאיל-באסאראביע); י. ד. מאנדל-בוים (זאמאָשטש); הרב א. בן-קרן; ר׳ משולח; אדוואָקאט יצחק כיידל און מ. ליפמאן.

151

הדת

על חג השבועות זמן מתן תורתנו. גאלאץ. מאי 1933.

ארויסגעגעבן פון ״חבורה תומכי הדת״ אין רומעניש און יידיש (הגם דער טיטל איז העברעאיש!).

יעדע זייט איז אין דער לינקער זייט דאָס רומעניש און אין דער רעכטער זייט דאָס יידישע. אָבער די ארטיקלען זענען באזונדערע, נישט דער זעלביקער תוכן.

פאָרמאט: 23/32 צמ, 4 זייט, 2 קאָלומנעס.

די פערטע זייט איז געווידמעט יידיש.

דער צווייטער נומער איז דערשינען אין אויגוסט 1933 (מנחם-אב תרצ״ג).

אין דאָזיקן נומער איז שוין דאָס יידישע ווינציקער ווי דאָס רומע-נישע.

ביידע נומערן האָב איך געפונען אין דער אקאדעמיע.

152

חיים נחמן ביאליק

אן איינמאָליקע אויסגאבע, וואָס איז דערשינען מיט דער דאטע פון כ׳ תמוז 1934, אין בוקארעשט, ווען עס איז געשטאָרבן דער גרויסער העברעאישער דיכטער.

דער העפט איז דערשינען אין פיר שפּראַכן: רומעניש, העברעאיש, יידיש און דייטש — אין וועלכן סע זענען אריין מאַטעריאַלן פון דיכטער און וועגן דיכטער.

אין יידיש זענען פאַרעפנטלעכט צוויי ביאַליקס לידער: „אונטער די גרינינקע ביימעלעך" און "ערב פרילינג".

פאָרמאַט: 24/33 צמ, 12 זייטן מיט א הילע.

טראַנסילוואַניער בלעטער

איז דאָס דער טיטל פון א דערשינענער צייטונג? איך פאַרצייכן בלויז דעם פּרוואו, אז מע האָט געמאַכט צוגרייטונגען אַרויסצוגעבן אזא צייטונג. איך וועל איבערגעבן דעם תוכן פון א פלוג־בלעטל, וואָס האָט אָנגעזאָגט אזא מין צייטונג:

„אינגיכן הויבט אָן דערשיינען אין סיגעט טראַנסילוואַניער בלעטער, אילוסטרירטע פּעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור טעאַטער און קונסט. רעדאַגירט פון יינגן שריפטשטעלער: יחזקאל רינג..

„טראַנסילוואַניער בלעטער" איז די טריבונע פון דער יידישער אינטעליגענץ און ברענגט צום אויסדרוק דאָס קינסטלערישע שאַפן פון „יינג-טראַנסילוואַניע"."

איך פאַרצייכן דעם „ווילן" אַרויסצוגעבן אזא מין פּובליקאַציע. דאָס האָט זיך פאַרמאָסטן מיין יוגנט-חבר, יחזקאל רינג, וועלכער האָט געהאַט אחוץ טאַלאַנט אויך אַן אומרואיקן שעפערישן גייסט און איז אויך געווען א געוואַגטער אונטערנעמער.

נאָך דעם וואָס ער האָט געמאַכט דעם פּרוואו מיטן באַשיידענעם „דער ראַדיאָ" וואָס איך האָב אויבן דערמאָנט, האָט ער שפּעטער מיט א יאָר-צוויי זיך פאַרמאָסטן אַרויסצוגעבן א ליטעראַרישן זשורנאַל.

שרייבערישע כוחות האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין אזוי יידישן שטעטל סיגעט, וואו זשע זאָלן זיי פאַרעפנטלעכן? האָט מען געטראַכט צו שאַפן אַן אַכסניה פאַר זיך און פאַר נאָענטע חברים...

איז דער חלום רעאַליזירט געוואָרן? צי ערשט שפּעטער אין יאָר 1941, ווען רינג האָט אַרויסגעגעבן דעם חודש-זשורנאַל „יינג מאַראַמאַראָש"? אָבער אין אזא פאַרשאָלטן יאָר מיט אזא פאַרוואָלקנטן הימל,

האָט נישט געקאָנט דערשײנען מער װי אײן אײנציקער נומער. אָבער ער איז דערשינען! װי מיר װעלן זען, װען מיר װעלן אָנקומען אהין.

אין עלעכן פאל, װעל איך פארצײכענען, װאָס עס איז אָנגעזאָגט געװאָרן א יידישע צײטונג אונטערן נאָמען

פרייהייט

אין דער רומענישער צײטונג „ליבערטאטעא, די צײטונג פון די יידן אין רומעניע", אין נומער 3, ערשטער יאָרגאנג פון 24סטן מערץ 1923, װערט אונטערן רומענישן טיטל אָנגעגעבן אין יידיש: „פרייהייט, יודישער אָרגאן אין רומעניע".

לכתחילה קאָן דאָס הײסן, אז דאָס איז בלויז איבערזעצט אויף יידיש דער רומענישער טיטל פון דער צײטונג. אָבער אויף דער צװײ-טער זײט פון דער צײטונג קאָן מען לײענען א קלישעע נאָך א האַנט-שריפט, װאָס זאָגט אָן: „אונזער בלאט װעט בקרוב ערשײנען אין א יודישער בײלאגע פאר די אלע װאָס לײנען אידיש".

מער װי דעם אָנזאָג, האָב איך נישט געפונען קײן שפּורן, אז סע זאָל געװען דערשײנען אזא מין צײטונג.

153
די װאָך

ליטעראריש געזעלשאפטלעכע טריבונע.

דערשינען אין בוקארעשט אָנהײבנדיק כונעם יאָר 1934, אונטער דער רעדאקציע פון ש. ביקל, יעקב שטערנבערג און משה אלטמאן.

פאָרמאט: 32/48 צמ, 4 זײטן (צו מאָל אויך 6), 4 קאָלומנעס.

די דאָזיקע צײטונג האָט פאָרגעזעצט, װאָס עס איז אָנגעהויבן געװאָרן אין „אונזער װאָרט".



ארום דער וואַד האָבן זיך גרופּירט אויך אַ פּלעיאַדע יונגע שרייבער פון דער באַסאַראַביע: אין דער ערשטער ריי מאָטל סאַקציער און יאַנקל יאַקיר.

בסך הכל זענען דערשינען 64 נומערן ביז 1935. מער האָט די צענזור נישט דערלויבט, ווייל עס איז געווען די ראַדיקאַלסטע צייטונג אין יידיש (אין רומעניש איז אוודאי נישט דערשינען אַזאַ מין צייטונג).

הגם זי איז דערשינען נישט מער ווי קנאַפּע צוויי יאָר, איז עס אָבער געווען אַ געשעעניש סיי ליטעראַריש, סיי פּאָליטיש.

סע זענען פאַראַן עטלעכע נומערן אין דער אַקאַדעמיע און אויך אין דער פעדעראַציע.

אין די ליטעראַרישע בלעטער (נומער 49 פון 6סטן דעצעמבער 1935 זייט 793) קאָן מען לייענען אונטערן טיטל „אָפּגעשטעלט די „וואַד"":

„און אָט איז אין רומעניע דער מדינה נאָך אַ צייטונג אומגעקומען על קידוש הקולטור.

יאָ, צו די פּריציייטיק-אָבגעבראַכטע יידישע צייטונגען און צייט-שריפטן ווי „שטערן" (דערשינען אין סיגעט, אונטער דער רעדאַקציע פון ב. שנאַבל — וו.ט.) און „אַנזאַג" (זע דאָרט — וו.ט.), איז צוגעקומען אַ נייער קרבן — „די וואַד". לויט אַ לאַקאָנישער, נישט באַגרינדעטער פאַראָרדנונג איז אומגעריכט אָט די בוקאַרעשטער קולטור-געזעלשאַפטלעכע טריבונע, וועלכע סע האָבן רעדאַגירט די ח"ח י. שטערנבערג און ד"ר ש. ביקל — אָפּגעשטעלט געוואָרן. שאַ שטיל, די צענזור האָט נישט דערלויבט צו פאַרעפנטלעכן וועגן אָט דער פּטירה, אפילו קיין מינדסטן עפנטלעכן פּראָטעסט אָדער אפילו פּאַרעוו מעלדונג אין דער אָרטיקער יידיש-רומענישער פּרעסע. ס'איז ווי אין איינקלאַנג מיט דעם אוקראַינישן פאָלקסווערטל: „מען שלאָגט און ווײנען לאָזט מען אויך נישט". ערגעץ וואו אין פאַרשיידענע רומענישע שטעט און שטעטלעך וועלן זיך אונדזערע טרייע יידיש-לייענער אויסקוקן די אויגן אויף זייער צייטונג; אָבער נעמט דען די מאַכט אין אַכט אַזעלכע „סענטימענטאַליזמען"?!...

איז וועלן מיר טאַקע מיט ווייטיק און צער — ווי מיר האָבן עס זיך שוין צוגעוואוינט צו טון מכּמה און כּמה יאָרן — פאַרצייכענען דעם קור-צינקן צוויי־יאָריקן לעבנס-וועג פון דער „וואַד"".

154

דאָס אידישע וואָרט

פּעריאָדישע אויסגאבע פון דער אידישער פּארטיי, בעלץ, ביי דער מיטווירקונג פון דער יוגנט-סעקציע.

פאראנטוואָרטלעכער דירעקטאָר: ד"ר ל. גורפעל.

פאָרמאט: 32/47 צמ, 4 זייטן, 5 קאָלומנעס.

ערשטער יאָרגאנג, נומער 1, 25סטער פעברואר 1934, בעלץ.

אין לייטארטיקל ווערט געזאָגט, צווישן אנדערן:

„...די אידישע פּארטיי, וועלכע שטרעבט דערצו, אז דער איד פון א גאנץ יאר זאָל ווערן געזעלשאפטלעך דערצויגן, זאָל באקומען א חוש פאר געזעלשאפטלעכע פראגן — האָט דעריבער גענומען אויף זיך די שווערע און פאראנטוואָרטלעכע אויפגאבע צו שאפן ביי אונדז א פעריאָדישן אָרגאן — וועלכער זאָל געבן דעם כשוטן אידישן מענטשן די מעגלעכקייט זיך צו באקענען דורך א צייטונג, געדרוקט אין מאמע-לשון מיט אלע פראגן און מיט אלע געזעלשאפטלעכע ערשיינונגען פון דעם אידישן לעבן סיי אין שטאָט, סיי אין לאנד, צי אין אויסלאנד".

„ס׳ איז קלאָר, אז נישט די רומענישע צייטונגען, אפילו ווען מ׳וואָלט זיי געלייענט, און נישט די רוסישע צייטונגען געבן נישט אָפּ דעם געהעריקן פלאץ פאר פראגן, וועלכע עקבערן דעם מח פון דעם אידישן מאסן-מענטש"...

אין דער אקאדעמיע האָב איך געפונען 3 נומערן פון דער צייטונג. סע האָבן געחתמעט ארטיקלען: י. זגני, א. עירוני און א. פיכמאן.

155

קולטור און ארבעט

יובליי-אויסגאבע ארויסגעגעבן פון פּראָפעסיאָנעלער שול „אָרט", אין יאס, לכבוד צען יאָר אָרט-ארבעט.

איינמאָליקע אויסגאבע, 1טער אפּריל 1934, יאס.

רעדאקטאר: חיים ראבינזאָן.

אין דעם 4 זייטנדיקן בלאט ווערט אָפּגעשפּיגלט די טעטיקייט פון „אָרט", אין משך פון 10 יאָר.

איך האָב דעם נומער נישט געזען.

156

הירדן

ירחון לעניני הנער העברי, יוצא על-ידי נציבות בית"ר ברומניה.
שנה ראשונה תשרי תרצ"ה — נומער 1 סעפּטעמבער 1934 (בוקארעשט?)

פאָרמאַט: 23/32 צמ, 12 זייטן מיט א הילע.

די פּובליקאַציע איז אין יידיש, הגם דער טיטל און אונטערטיטל (און אויך צו אן ארטיקל) איז אין העברעאיש.

איך האָב געפונען בלויז איין נומער אין דער אקאדעמיע.

אין זיין באַגריסונג, שרייבט א. פּראָפּעס: „הירדן". „מיט גרויס פרייד און צופרידנהייט שרייב איך די שורות פון באַגריסונג צום רומעניש בית"ר. מיר פּראַוועון א שמחה: דער ערשטער נומער פון ערשטן בית"רישן זשורנאַל הייבט אָן ערשיינען.

...געפעלט האָט אונדז דער זשורנאַל שוין לאַנג...

...מיר האָבן געטראַכט וועגן א נאָמען פאַר אונדזער זשורנאַל און אויסגעוויילט: „הירדן". געווויס נישט צופעליק...

...און דער נאָמען אליין „הירדן" איז שוין א גרויסער טייל פון אונדזער פּראָגראַם, אפשר דאָס גאַנצע...

...און אזוי ווי די וואַסערן פון ירדן ערפרישן אין א דושנעם און הייסן טאָג, אזוי וועט אויך דער „הירדן" אריינברענגען צווישן דער יידישער יוגנט אין רומעניע א פרישן שטראָם באַגייסטערונג פון גלויבן פאַר דער זאַך וואָס הייסט: יודענשטאַט".

סע האָבן נאָך געחתמעט אונטער יידישע ארטיקלען: יעקב שיבער, אליהו גינזבורג, ש. אבידוד, יוסף כרוסט, מ. שאַפּירא, צבי בערעסט.

אונטער העברעאישע ארטיקלען צי שירים האָבן געחתמעט: א. שניאורסון. ה. ייבין און י. סובל.

שפּעטער האָט דער „הירדן“ געביטן זיין פאָרמאט און אויך דעם אונטערטיטל. איך האָב געפונען עטלעכע נומערן פון פאַרגרעסערטן פאָרמאַט: 32/47 צמ, 4 זייטן, 5 קאָלומנעס.

דער אונטערטיטל פון נומער 13, למשל, פון 27סטן דעצעמבער 1935 איז: בטאון ברית תרומפּדלור ברומניה בהשתתפותו של ראש בית״ר.

דער דאָזיקער נומער האָט געקאָנט דערשיינען אין סיי וועלכן לאַנד, ווייל ער האָט נישט קיין איין אַרטיקל וואָס זאָל זיך באַציען צו רומעניע. צוויי גרויסע אַרטיקלען זענען געחתמעט פון ז. זשאַבאָטינס־קין; אייזיק רעמבאַ (פּאַריז), ד״ר י. שעכטמאַן (פּאַריז), יעקב שיבער — חתמענען אַרטיקלען. איין אַרטיקל איז אין העברעאיש.

דער נומער 18 פון כ׳ תמוז 1936 איז געווידמעט דעם יאָרצייט פון הערצלען.

דער אונטערטיטל איז שוין ווידער אַן אַנדערער: „טריבונע פאַר ציוניסטישע פּאָליטיק און אינפאָרמאַציע“. דער פאָרמאַט איז דער זעלביקער, אָבער בלויז 2 זייטן. דערשינען אין בוקאַרעשט אָבער גע־דרוקט אין קעשענעוו.

ווי געזאָגט, האָט די צייטונג נישט אָפּגעשפּיגלט דאָס היגע לעבן, צי כאָטש דאָס היימישע בית״רישע לעבן.

157

דאָס יודישע וואָרט

ערשיינט יעדן פרייטאָג.

פאָרמאַט: 32/57 צמ, 4 זייטן, 5 קאָלומנעס.

די דאָזיקע צייטונג האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין האַרבסט 1934, טשערנאָוויץ, ווי דער אָרגאַן פון דער צענטראַלע פון אגודת ישראל אין רומעניע.

דער ערשטער רעדאַקטאָר איז געווען מרדכי וואָלאָגאָוו, וועלכער איז בטבע געווען א שווייגער, און דערפאַר זענען זיינע לייטאַרטיקלען געווען בצימצומדיקע.

דאָס
יידישע
וואָרט


ליטעראַטור
קונסט
קריטיק
ביבליאָגראַפיע

דערנאָך איז געווען דער הויפּט-רעדאַקטאָר. חיים-מאיר קאַהאַן, וועלכער איז געווען דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער אגודה. נאָענטע מיטאַרבעטער זענען געווען אייזיק מינסטער, שמחה דערבאַרעמדיקער. שלמה יעקב גראָס (היינט חבר־הכנסת אין ישראל) האָט רעדאַגירט די צייטונג אין לעצטן יאָר.

איך האָב דעבוטירט אין דעם דאָזיקן בלאַט מיט א סקיצע „אין די ערשטע טעג...“ וואָס איז דערשינען אין נומער 15 פון 4טן יאַנואַר 1935.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל דערנאָך אַרבעטן ביי דער דאָזיקער צייטונג ווי א זעצער, דרוקער און שטענדיקער מיטאַרבעטער... ביזן סוף פונעם דערשיינען. דאָס הייסט, סוף יאָר 1937, ווען די קוזאַגאַ רעגירונג האָט איינגעשטעלט אַלע יידישע צייטונגען.

דער פּראָפיל פון דער צייטונג איז געווען א רעליגיעזער, אַנטי-ציוניסטיש, אָבער נישט אַנטי-ארץ-ישראל.

אויף דער ערשטער זייט פון דער צייטונג זענען געווען ידיעות פונעם יידישן לעבן פון אומעטום, וואָס מע האָט גענומען פון די פּוילישע צייטונגען.

אויף דער צווייטער זייט זענען געווען פּובליציסטישע אַרטיקלען, און צו א ליטעראַרישן פעליטאָן, א דערציילונג.

די דריטע זייט האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ארץ-ישראל-פּראָבלעמען. קאָרעספּאָנדענצן, וואָס זענען געקומען פון ארץ-ישראל: פון משה שטאָקהאַמער צי הערשל פוקס, נאָך זייער עולה זיין. אויב נישט, האָט מען איבערגעדרוקט פון אַנדערע צייטונגען.

אויף דער פערטער זייט זענען געווען קאָרעספּאָנדענצן פון לאַנד, פון דער אגודהשער באַוועגונג; וועגן קרן התורה, בית יעקב וכדומה.

א גאַנצע וואָך האָב איך מיט נאָך איין חבר געזעצט די צייטונג, דאָנערשטיק ביי נאַכט זי געדרוקט און פרייטיק פאַר ליכט-צינדן האָט מען די צייטונג אַרויסגעשיקט צו די אַבאָנענטן.

איך וועל דערציילן איין עפּיזאָד: ווען איך האָב זיך געקווענקלט, זיך צו דערנענטערן צו דער גרויסער דרוק-מאַשין (מיל-סיסטעם), וואָס איך האָב אין מיין סיגעט נישט געזען (אַזא מין ריזן־טיפּ עקזיסטירט שוין היינט נישט, בלויז אין א מוזיי!), האָט מיך חיים-מאיר קאַהאַן אונטערגעטריבן בזה הלשון: זאָג נאָר, איר ווייסט ווי אַזוי מע מאַכט פון א לאָשיקל א פערד?

איך האָב געצויגן די אקסל. וואָס זאָל איך געווען ענטפערן, און וואָס פאר א שייכות האָט עס צו אונדז?

האָט ער אליין געגעבן די תשובה:

„מע שפאַנט איין דאָס לאָשיקל הײנט, מע שפּאַנט עס איין מאָרגן — און איבערמאָרגן איז עס שוין א פערד... קריכט ארויף אויף דער מאַשין!"

אזוי בין איך געוואָרן אויך דער דרוקער פון דער צייטונג, אין דער אייגענער אגודהשער דרוקעריי...

שבת נאָכן דאַווענען, צו מאָל האָב איך עוקר געווען ביי קריאת התורה, און אוועק צו דער פּרעפעקטורע פון טשערנאָוויצער פּאָליציי. דאָרט האָב איך אָנגעטראָפן אויף א זייער העפלעכן „גוי". אויב איך געדענק גוט, האָט ער געהייסן „טאָמאָוויטש". איך האָב אים פאַרטייטשט די טיטלען פון די ידיעות צי אַרטיקלען. צו מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט מיטן פינגער אויף אן אַרטיקל גופא — און ער האָט ארויפגעלייגט זיין חתימה „צענזוראַט!".

איך דאַרף נישט דערמאָנען, אז אין יענער שעה, ווען ער האָט געגעבן זיין הסכמה, איז שוין די צייטונג געווען ביי די לייענער...

פון דאָרט בין איך געגאַנגען צו ש.א. סופר, דער רעדאַקטאָר פון די דערמאַנטע „טשערנאָוויצער בלעטער". איך האָב שוין געוואוסט אים צו נעמען פון דער דזשאָינט-באַנק, וואו ער האָט געאַרבעט, און אים באַגלייט אהיים.

ער האָט געלייענט פון מיין „שרייבן", געזאָגט זיין מיינונג. גע־דרוקט האָט ער עס אָבער נישט אין זיין צייטונג. עס איז נישט געקומען אפילו קיין רייד דערצו, הגם ער האָט אייניקע „זאַכן" מיינע געלויבט.

סע האָט נישט געקאָנט דערשיינען מיין נאָמען אין אזעלכע צוויי קעגנגעזעצטע צייטונגען — א רעכטע און א לינקע... הגם, אידעאָלאָגיש זענען מיר נישט געווען אזוי ווייט איינער פונעם אנדערן. ער האָט טאַקע געאַרבעט שבת, אָבער ווען מיר זענען אָנגעקומען צו אים אהיים, איז געווען א שבתדיקע שטימונג אין הויז.

ביי אים האָב איך זיך באַקאַנט מיט הערש-לייב קאָזשבער,ווע־מענס ביכל איז דערשינען אין יאָר 1937 („קאַזיאַנע גימנאַזיע") אין „אליעזר שטיינבאַרג ביבליאָטעק" מיטן נומער 1 און מיין ביכל (דאַכט זיך, אז דער נאָמען האָט געזאָלט זיין „זאַלץ-מענטשן"!) האָט געזאָלט זיין נומער 2. עדות קאָנען זיין איציק שוואַרץ און הערש סעגאַל, וועלכע זענען געווען די עסקנים פונעם דאָזיקן פאַרלאַג.

מיט דעם דערקלערט זיך פאַר וואָס איך האָב איבערגעריסן דאָס זעצן ווייטער מיינע דערציילונגען, און מיין ערשטלינג איז געבליבן ביי די 36 זייטלעך... וואָס איך האָב אַרויסגעגעבן טאַקע אין דער דרוקערײַ פון דער אגודה, אונטערן טיטל „ביי דער טיר“.

א קאָלעקציע פון דער דאָזיקער צייטונג געפינט זיך אין דער אַקאַדעמיע.

158
אינזל

ליטעראַטור, קונסט, קריטיק, ביבליאָגראַפיע.
יאָרגאַנג 1, נומער 1, סעפּטעמבער 1934, בוקאַרעשט.
ביי דער נאָענטער מיטאַרבעט פון אורי בן-הדור. רעדאַקציע: זישע באַגיש, ש״ס-ראַמאַן.

פאָרמאַט: 24/32 צמ, 24 זייטן מיט א הילע, 2 קאָלומנעס.

אין דער הקדמה צום זשורנאַל ווערט געזאָגט:

„אינזל“ דערפאַר, ווייל אין גרויסן ים פון יידישער ליטעראַטור, קולטור, און יידישער שפּראַך, זענען מיר דאָ, אין רומעניע, ווי אַן אינזל און „אינזל“ דערפאַר, ווייל אין דער דאָמינירנדיקער רומענישער קולטור זענען מיר צוגלייך מיט אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע, עטנישע און קולטורעלע מינאָריטעטן, אַן אינזל. אינזל איז נישט נאָר ווי א זשורנאַל — נאָר א גרופּע. און אַלס א גרופּע ווילן מיר שטרעבן צו פאַרוואַנדלען דאָס אומבאַקאַנטע יידישע רומעניע, אין א באַקאַנטער גייסטיקער יידיש־טעריטאָריע, וואו אונטער אַן איין מיליאָניק יידישן ישוב לעבט און שאַפט א יונגער ליטעראַרישער נאָכוואוקס, וועלכער וועט מיט דער צייט ווערן אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור. מיר ווילן, אויך שטרעבן צו אימפּאָרטירן אויף אונדזער אינזל-טעריטאָריע — יידישע קולטור פון די גרויסע יידישע קולטור־ישובים. און אַלס אויסבייט עקספּאָרטירן אהין יידיש רומענישע און רומענישע קולטור, כדי אזוי־אַרום צו פאַרוואַרפן א גייסטיקע בריק צווישן דער יידישער און רומענישער קולטור

סע האָבן געחתמעט אין דעם דאָזיקן נומער: מרדכי גאָלדענבערג, אייזיקן פאָלאַק, א.י. גרינאָוצקי, ה. סעגאַל, יעקב גראָפּער, זישע באַגיש.

ש"ס ראָמאַן האָט איבערזעצט אין יידיש אַרטיקלען און פּראָזע פון רומענישע שרייבער.

פון די 5 נומערן, וואָס זענען דערשינען, האָב איך געפונען איי־נעם אין דער פעדעראַציע.

159

דער שבת הגדול

(די צייטונג איז מיט לאַטיינישע אותיות)

איינצלנומער 4 ליי אָדער 4 קראָץ מיך נישט אין פּנים.

אָפּיציעלער אָרגאַן אַלער אָרגאַניזירטער אויסגעצוואָגענער טשערנאָווי־צער „פּאַרעכעס" מיט אַ ספּעציעלער ביילאַגע פאַר אָרטאָדאָקסע „פּאַרעכעס".

פאָרמאַט: 32/48 צמ, 2 זייטן, 3 קאָלומנעס.

ביילאַגע צום שבת הגדול

פאַר אונדזערע אָרטאָדאָקסע לעזערס

(4 זייטן, סך הכל 6 זייטן).

פאַראַנטוואָרטלעכער: מ. ענגעל.

די צייטונג האָט נישט קיין דאַטע אָבער אין תוכן רעדט זיך וועגן באַיקאָטירן היטלער־דייטשלאַנד. קאָן עס זיין 1935 — 1937.

דעם נומער האָב איך געפונען אין דער אַקאַדעמיע.

160

אויפבוי

פועלי־ציוניסטישע טריבונע.

דערשיינט 2 מאָל אין חודש.

רעדאַקטאָר: יוסף שיץ (היינט אין ישראל: יוסף מגן).

פאָרמאַט: 32/57 צמ, 4 זייטן, 4 קאָלומנעס.

הגם די צייטונג האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פּועלי־ציוניסטישער טע־טיקייט, האָט זי אָבער פאַרעפנטלעכט אָטט ליטעראַטור.

סע האָבן זיך באַטייליקט ווי שטענדיקע מיטאַרבעטער: ד"ר צבי עלנער, חיים געלער, נ. הובערמאַן ד"ר מ. העלפּמאַן.

אין נומער 13 פון 20סטן דעצעמבער 1936, למשל, האָב איך גע־פונען לידער פון: גרשון קיזשנער, יוסף טראַכטענבערג, צבי צעלמאַן.

אפילו מיין ערשטלינג „ביי דער טיר" איז אויך דאָ, אין נומער 1937/20, צום ערשטן מאָל רעצענזירט געוואָרן...

די צייטונג האָט עקזיסטירט, ווי די איבעריקע צייטונגען, ביזן סוף.. דאָס הייסט יאַנואַר 1938.

די נומערן האָב איך געפונען אין דער פעדעראַציע.

161

יידיש

חודש־שריפט פאַר ליטעראַטור און קריטיק. בוקאַרעשט, 1935.
רעדאַקטאָר: משה אלטמאַן.

איך האָב נישט געפונען קיין איינעם פון די 2 נומערן, וואָס זענען דערשינען.

162

טראַנסילוואַניער יודישע צייטונג

דערשינען וועכנטלעך, אין שאָמקוטא מאַרע, אין 1935, ווי אַן אָר־טאָדאָקסישע צייטונג.

רעדאַקטאָר: שמואל צבי ווייס.

איך האָב נישט געפונען די צייטונג.

163

אָרטאָדאָקסישע צייטונג

דערשינען אין סאטו־מארע, אין יאָר 1935, שטרענג־רעליגיעז.
איך האָב נישט געפונען די צייטונג.

164

אויף דער וואך

אויסגאבע פון „השומר הצעיר" אין רומעניע.
פאָרמאט: 32/47 צמ, 4 זייטן, 4 קאָלומנעס.
איך האָב געפונען פון דער פובליקאציע 2 נומערן אין דער אקאדעמיע נומער 3־4, אָקטאָבער 1935, ווי א ביילאגע צו דער רומענישער „על המשמר".
דער נומער 5 איז פון דעצעמבער 1935, בוקארעשט.
סע האָבן געחתמעט: אהרן כהן, בן יוסף און ר.ו.

165

אונזער שטימע (קולנו)

אָרגאן פארן רעיון פון תורה ועבודה.
נומער 1. ערשטער יאָרגאנג. ה׳ טבת תרצ"ה
ערשיינט 2 מאָל אין חודש, אונטער דער לייטונג פון א קאָמיטעט.
ארויסגעבער: ב.ה. המזרחי, אויבער ווישע. מאראמאָרעש.
הויפטרעדאקטאָר און פארוואלטער: יחיאל האָראָוויץ. פאראנטוואָרטלעער רעדאקטאָר: משה האָראָוויץ.

די צייטונג איז געווען צווייישפראכיק: עברית און יידיש, 4 זייטן, שפעטער זענען געווען צו מאָל אויך 6 זייטן.

אויפבוי
"UIFBOI"

נאך דער
פאראייניקונג
די ציוניסטיש-סאציאליסטישע פאראייניקונג
אין רומעניע איז צושטאנד געקומען
די פאראייניקונגס-קאנפערענץ

דעם פראָגראַמאַטישן אַרטיקל האָט געשריבן אין עברית, אברהם איזראַעל, וועלכער איז געווען אַן עסקן ביי דער צעירי מזרחי פון סיגעט.

נפתלי בן־מנחם, פון וועמען איך נעם די ידיעה, דערמאָנט אין זיין בוך „מספרות ישראל באונגריה" (זייט 293), אַז סע זענען דערשינען 12 נומערן. דער לעצטער איז דערשינען י"ז מנחם־אב תרצ"ה (1935).

סע דאַכט מיר, אַז איך האָב געזען אַזאַ צייטונג, מיט ביידע נע־מען, העברעאיש און יידיש: קולנו, אונזער שטימע.

166

נאָך דער פאַראייניקונג

ערשטער בולעטין פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַראייניקטער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פאַרטיי פועלי ציון—צעירי ציון אין רומעניע. בוקאַרעשט אַפּריל 1936.

סופּלימענט לא „טריבונא" נומער 19.

פאָרמאַט: 32/47 צמ, 4 זייטן, 4 קאָלומנעס.

סע קאָן זיין, אַז דאָס זאָל געווען זיין אַן איינמאָליקע אויסגאַבע, וואָס האָט אָפּגעמערקט אַז „נאָך 3 יאָר אונטערהאַנדלונגען, איז זיך דעם 29סטן יאַנואַר 1936 צוזאַמענגעקומען אין בוקאַרעשט די פאַראייניקונגס־קאָנפערענץ פון די פאַרטייען צעירי־ציון און פועלי ציון אין רומעניע".

דער בולעטין אַנטהאַלט באַגריסונגען פון די מנהיגים פון דער ציוניסטיש סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ווי בן־גוריון, שפּרינצאַק, ד"ר א. טאַרטאַקאָווער און אַפילו פון ד"ר לאָטאַר רעדעטשאַנו, סעקרעטאַר פון דער רומענישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי.

די זייט 2 און 3 איז פאַרנומען מיטן אויפרוף וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט פאַרעפנטלעכט נאָך דער קאָנפערענץ.

אויף דער פערטער זייט זענען באַגריסונגען און „די לייטנדע אָרגאַנען פון דער פאַרטיי"; „די טעטיקייט פון דער עקזעקוטיווע".

לויטן אונטערטיטל „ערשטער בולעטין" וויל מען מסתמא אָנזאָגן, אַז סע וועט אויך זיין אַ צווייטער. אָבער איך האָב געזען בלויז דעם איינציקן עקזעמפּלאַר און אים געשאָנקען דער פעדעראַציע.

167
שויבן

ליטעראריש-געזעלשאפטלעכע מאָנאטשריפט. רעדאגירט פון א קאָלעגיע.
ערשטער יאָרגאנג, נומער 1. 1טער מערץ 1936. בוקארעשט.

פאָרמאט: 16/24 צמ, 40 זייטן מיט א הילע.

אין דאָזיקן נומער האָבן געהתמעט נאָך דער ריי: בנימין שניידער, מאָטל סאקציער, שלמה ביקל, הערץ ריווקין, שמחה שווארץ, חיים ראבינזאָן, יעקב שטערנבערג, מרדכי זעלנער, יאנקל יאקיר, איציק שווארץ, א״א.

אויף דער 35סטער זייט איז פאראן „נאָטיצן״ פון דער רעדאקציע, אין וועלכע סע ווערט צווישן אנדערן געזאָגט:

„...„שויבן״ האָט געהייסן דער ליטעראריש-געזעלשאפטלעכער זשורנאל, וועלכער איז ארויס אין טשערנאָוויץ אין 1924 אונטער דער רעדאקציע פון יעקב שטערנבערג. דער זשורנאל איז געווען דער אָרגאן פון יענער גרופע, וואָס האָט זיך ליטעראריש געזאמלט ארום אליעזר שטיינבארג און געזעלשאפטלעך ארום דער „קולטור-פעדעראציע״.

„שויבן״ האָבן צום ערשטן מאָל פּראָקלאמירט די עקזיסטענץ פון א יידישער ליטעראטור אין רומעניע און אונטערגעשטראָכן דעם אייגענעם לאַנד-קאָלאָריט און אלס באזיס פאר אט דער ליטעראטור געפּראָוווט אויפדעקן די פרובעבארע קולטור-ערד פונעם נייעם גרויס-רומענישן יידישן ישוב, וואָס באשטייט פון פיר, אין זייער היסטאָרישער אנטוויקלונג, פארשידענע פּראָווינצן.

דאָס איז געווען א ספּאָנטאן באדערפעניש פון דער אין דער קולטור-פעדעראציע אָרגאניזירטער ארבעטערשאפט און ראדיקאלער אינטעליגענץ פון איין זייט, און פון די מלחמה-כוואליעס אהער פארטראָגענע און אויטאָכטאָנע שעפערישע כוחות פון דער צווייטער זייט, אויסצוקנעטן דעם אייגענעם קולטור-פּרצוף פון אן אויפשטרעבנדיקן מיליאָנענדיקן קיבוץ״.

צום סוף ווערט נאָך געזאָגט:

„די היינטיקע אנדערשדיקע אומשטאנדן דיקטירן אונדז אויך צו ווארפן דעם לאָזונג פון א געאייניקטן קולטור-פראָנט אלס אפּווער קעגן קולטור-פארניכטנדן פאשיזם, רעאָרגאניזירן אונדזערע קולטור-קאדרען

און אריינציען אין בשותפותן קאמף אלע פראָגרעסיווע אָרגאַניזירטע און יחידישע קולטור-כוחות, וועט זיין איינע פון די עיקר-אויפגאַבעס פון די „שויבן".

...און דאָך — איז אויף דער פאַרלעצטער זייט פאַרעפנטלעכט אן אטאַק, א בייזוויליקער, אונטערן טיטל „טמאים", קעגן דעם סיגעטער „אויפגאַנג", וועגן וועלכן איך האָב שוין אויבן גערעדט. אזא מיאוסער אטאַק האָט זיך גאָרנישט געקאָנט אריינפּאַסן אין א „געאייניקטן קולטור-פראָנט".

נאָר, ווי געזאָגט, וועל איך זיך נישט אריינלאָזן היינט אין קיין וויכּוּחים. נישט דאָס איז דער צוועק פון דער דאָזיקער ארבעט. אָבער לאָזן א טרער — דאָס יאָ.

168

דאָס בעלצער וואָרט

א ציוניסטיש וואָכנבלאט, דערשינען אין בעלץ, אין יאָר 1936, אונטער דער רעדאַקציע פון ל. קופּערשטיין, וועלכער איז געווען צווישן די שטענדיקע מיטארבעטער פון קעשענעווער טאָגבלאט „אונזער צייט".

איך האָב נישט געזען קיין איין נומער.

169

דער נייער גראַגער

(מיט לאטיינישע אותיות)

א הומאָריסטישע פּורים-צייטונג. דערשינען אין טשערנאָוויץ, 8טער מערץ 1936.

פאָרמאט: 32/47 צמ, 8 זייטן, 3 קאָלומנעס.

פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר: זשאן ראָזענשטאָק.

סע האָבן אויך געחתמעט: יוסף פּרוּענקעל און יהודה איש־שלום.
דעם דאָזיקן נומער (און אויך איין נומ'ער פון 24סטן פעברואַר 1937) האָב איך געפונען אין דער אקאַדעמיע.

170

דאָרנער הומאָר

(מיט לאטיינישע אותיות)
צווייטער יאָרגאַנג, 1936.
א קרומער הומאָר־שפּיגל פון שמשון פּערסט.
פאָרמאַט: 32/48 צמ, 6 זייטן, 3 קאָלומנעס.
דעם נומער האָב איך געפונען אין דער אקאַדעמיע.

171

אונזער טאַט

דערשינען עטלעכע נומערן אין יאָר 1936, אין בוקארעשט, ווי א ביילאַגע צו דער רומענישער צייטונג „טריבונא״. א ציוניסטישער אָרגאַן.
איך האָב די צייטונג נישט געפונען.

172

טריבונע

צוויי־וועכנטלעכע אויסגאַבע.
אַן אַנדערע ביילאַגע צו דער דערמאָנטער רומענישער צייטונג, מיטן זעלביקן נאָמען.
דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 14טן מערץ 1937, בוקאַרעשט, אונטער דער רעדאַקציע פון ד״ר מ. קאַטיק.

טריבונע

אליין אין קאמף

„פרייע וואלן"

אונדזערע קאנדידאטן

צו די פארלאמענטס-וואלן


MUNCITORUL EVREU

In jurul unei polemici parlamentare

חברים פועלי־ציון!

אָרגאַן פון דער פאַראייניקטער ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין רומעניע.

איך האָב געזען אין דער פעדעראַציע איין עקזעמפּלאַר.

173

די אידישע טריבונע

אייגנטלעך איז דער נאָמען אין רומעניש „טריבונא עווריאסקע", אומאָפּהענגיקער ציוניסטישער אָרגאַן, דערשיינט וועכנטלעך, אין יאַס, צווישן די יאָרן 1932 — 1940.

צו ערשט האָב איך זיך דערוואוסט וועגן דער דאָזיקער צייטונג, אַז זי איז דערשינען אויך אין יידיש און העברעאיש פונעם „אַלמאַנאַך פון דער אידישער טריבונע אויפ'ן יאָהר תרצ"ח", וואָס איז דערשינען אין יאַס, סעפּטעמבער 1937, אונטער דער רעדאַקציע פון ק. ברזילי (אייזענהענדלער). י.י. בורשטיין און ב. קאָושאַנסקי.

זוכנדיק די צייטונג גופא, האָב איך געפונען אַ קאָלעקציע ביי דער פעדעראַציע און פון דאָרט פעסטגעשטעלט, אַז זינט נומער 189 (זעקסטער יאָרגאַנג) פון 28סטן מערץ 1937 האָט די צייטונג אָנגעהויבן דערשיינען 8 זייטן (זעקס רומעניש און 2 יידיש).

דער פאָרמאַט איז געווען: 32/48 צמ, 5 קאָלומנעס. 2 זייטן יידיש, אין וועלכע סע געפינט זיך אַ רובריק „בשפתנו", אַ קאָלומנע אין העברעאיש. שעף-רעדאַקטאָר פון דער גאַנצער צייטונג איז געווען ק. ברזילי. אָבער סע ווייזט אויס, אַז דער רעדאַקטאָר פון די יידישע זייטן איז געווען י.י. בורשטיין, הגם איך האָב נישט געפונען זיין אַ חתימה.

אגב האָט יעקב גראָפּער פאַרעפנטלעכט אין ערשטן נומער דאָס ליד „פרילינג".

אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער איז הרב שמואל שוועמער. סע זענען פאַראַן פיל איבערגעדרוקטע אַרטיקלען בנוגע דער ציוניסטישער באַוועגונג.

דאָס אָנהייבן דערשיינען פון די יידישע זייטן איז אָנגעזאָגט געוואָרן אויף אַ קול אין אַ לייטאַרטיקל, אָבער אין נומער 227 (זיבעטער יאָרגאַנג) פון 6טן יאַנואַר 1938, ווען די צייטונג איז דערשינען בלויז אין 4 זייטן

(בלויז 1 זייט יידיש), ווערט שוין נישט אנגעזאָגט, אז מיט דעם נעמט א סוף צו די יידיש-העברעאישע זייטן.

זינטן 27סטן פעברואר 1938 דערשיינט די טריבונע עווריאסקע אין א גרעסערן פאָרמאט, אין 4 זייטן, נאָר רומעניש. ביזן 15טן דעצעמבער 1940, מיט וועלכן סע ענדיקט זיך די קאָלעקציע.

174

דער איד

די דאָזיקע צוויי-שפראכיקע צייטונג (רומעניש: „עווריאול") איז דערשינען אין יאס בערך אין יאָר 1936, אונטער דער רעדאקציע פון י.י. בורשטיין.

ליידער האָב איך אויך די צייטונג נישט געפונען, אָבער זי ווערט דערמאנט אין „אלמאנאך פון דער אידישער טריבונע אויפ'ן יאָהר תרצ״ח", וואָס איז דערשינען אין יאס, סעפטעמבער 1937.

איך האָב דערמאנט פריער דעם דאָזיקן אלמאנאך, ווען סע האָט זיך גערעדט וועגן דער אידישער טריבונע.

איך וועל ציטירן פונעם רומענישן ארטיקל געחתמעט פון ק. ברזילי (זייט 191):

„אין יאס פאַרצייכענען מיר אויך דאָס דערשיינען פון דער צייטונג „עווריאול", וועלכע נאָך א נישט-רעגולערן דערשיינען האָט זי איבערגענומען, אָנהייב יאָר 1937, י.י. בורשטיין, ארויסגעבנדיק זי מיט א זייט יידיש, אין חודש מערץ נעמט ער זיך פיר צו דערשיינען אין 8 זייטן אויך אין יידיש און העברעאיש, אָבער זי מוז אויפהערן צו דערשיינען צוליב ארויפגעצוואונגענע סיבות"

ווי געזאָגט, האָב איך אויך די צייטונג נישט געזען, אָבער למען האמת, פאַרצייכן איך זי, גלייך איך וואָלט זי געזען, ווייל דאָס עדות-שאפט איז באגלייביק.

אחוץ דעם, האלט איך אז עס איז וויכטיק צו פאַרצייכענען פון געשיכטלעכן שטאנדפונקט, נישט בלויז פאר דער פרעסע, נאָר אויך פאר דער ציוניסטישער באוועגונג פון יאס.

סע האָט קיינער נישט דערמאָנט די צייטונג ביז איצט.

איז דאָך דאָס אויך איינע פון די צילן פונעם דאָזיקן בוך.

אין דער זעלביקער צייט, אָנהייבנדיק מיטן יאָר 1932, איז דערשי־נען אין בוקאַרעשט נאָך איין רומעניש צייטונג „מונטשיטאָרול עווריי" אונטער דער רעדאַקציע פון ש. פריש, אַרויסגעגעבן פון דער פועלי־ציון צוויי מאָל אין חודש, וואָס האָט געהאַט אויך יידישע אַרטיקלען (זע די פאַקסימיליע אויף זייט 259).

175

געזונט און היגיענע

מאָנאַטלעכער אילוסטרירטער פּאָפּולער־מעדיצינישער זשורנאַל. אַ־רויסגעגעבן פון „אונזער צייט". און „אָזע" קעשענעוו. רעדאַגירט פון אַ קאָלעגיע.

דער ערשטער נומער (16 זייטן) איז דערשינען דעם 15טן אַפּריל 1937.

אין לייטאַרטיקל ווערט געזאָגט:

„מיר ווילן קומען צו הילף דעם מאַסן־ייד און אים דערמאָנען אין די עיקרים פון געזונט; מיר ווילן אים לערנען אַ פּרק אין דער אַזוי איינפאַכער מסכת היגיענע און פּראָפילאַקסיע. דאָס וועלן זיין איינפאַכע אויפקלערונגען און אינסטרוקציעס, באַגרינדעטע אויף וויסנשאַפטלעכע יסודות און אויף עקספּעריענץ".

איך האָב נישט געפונען קיין איין נומער.

176

די וואָרהייט

אַ וואָכנבלאַט וואָס האָט געזאָלט דערשיינען אין קלוזש, טראַנסילוואַניע, אין יאָר 1937, אין דריי שפּראַכן: יידיש, רומעניש און אונגעריש. שפּע־טער האָט מען מצד דער מאַכט פאַראָרדנט, אַז סע זאָל דערשיינען בלויז אין רומעניש.

איך האָב נישט געזען דאָס בלאַט.

177

דרכנו

אָרגאַן פון דער מזרחי באַוועגונג אין רומעניע.

פאָרמאַט: 32/47 צמ, 4 זייטן, 3 קאָלומנעס.

דערשינען אין טשערנאָוויץ און יאָר 1937.

צו מאָל זענען געווען אויך העברעאישע אַרטיקלען אין דער דאָזיקער צייטונג.

איך האָב געקענט די צייטונג (סע האָט זי רעדאַגירט ברוך האגער, א קוזין פונעם שרייבער ברוך האגער), אָבער איצט געפינט זי זיך נישט ביי אונדז.

די צייטונג איז אויך אויסגעגאַנגען דורכן פּאַשיזב.

178

אקטועלע פּראָבלעמען

זאמלהעפט פאר ציוניסטישע פּראָבלעמען, ארויסגעגעבן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין באַסאַראַביע „בנין הארץ", קעשענעוו, פעברואר 1939.

פאָרמאַט: 16/23 צמ, 76 זייטן מיט א הילע.

אזוי ווי קיין דערלויבניש פאר א צייטונג האָט מען נישט געקאָנט באַקומען — און א ייד דאַרף דאָך לעבן... לעזן. איז מען געפאַלן אויף אַן המצאה און מע האָט אָנגעהויבן ארויסגעבן זאמלהעפטן, ווי מיר וועלן זען ווייטער, איבער א יאָר און איבער מערער יאָרן...

אין דאָזיקן נומער, וואָס איז אין דער פעדעראַציע, האָבן געחתמעט: י. שפּרינצאַק, א. ראַבינאָוויטש, חיים גרינבערג, מ. ניישטאַדט, ז. ראָזענטאַל, ב. מילגרוים, י. קאָרן, ל. קופּערשטיין, זאב אגרעס, ב. טוטשינסקי, ק. בערטיני, ד. שמעונאָוויטש, א"א.





179
איינס

פאָלקס־ביבליאָטעק, זאמלהעפט פאר ליטעראטור, בוקארעשט 1939.
רעדאקציע: איציק קאפיטאַנאָוו און ס. בראָונשטיין.

דאָס איז שוין א ריין ליטעראַרישע פובליקאציע, וואָס האָט זיך אויך אריינגעשמוגלט אָן א דערלויבניש...

פאָרמאַט: 16/24 צמ, 16 זייטן.

סע האָבן געחתמעט אין דאָזיקן נומער: זעליק באַרדיטשעווער, מאיר באָדנער, ס. בראָונשטיין, י. גראָפער, איציק קאַפּיטאַנאָוו און י. פעלץ.

180
צוויי

זאמלהעפט פאר ליד און פראָזע. רעדאקטאָר: ש״ס־ראָמאן.

סע האָבן געחתמעט אין דאָזיקן העפט, וואָס איז ווי א המשך פונעם אויביקן „איינס״: לעאָן בערטיש, גוסטאוו סעגאַל, ס. בראָונשטיין, ב. לעבלי, אלי בלומענפעלד־פלאָרין.

181
אונזער וואָרט

ערשיינט מיטוואָך און פרייטאַג.

נומער 1, 1טער דעצעמבער 1939, בוקארעשט.

דירעקציע: ד״ר ב. רייכער און פ. בלום.

אויף דער ערשטער זייט איז דאָ א מודעה:

„אונזער וואָרט״, וואָס דערשיינט דערווייל צוויי מאָל אין דער וואָך, וויל געבן אין דער האַנט פון דעם אידישן לעזער א בלאַט מיט ריכטיקער

VELT-SPIGL
וועכנטלעכער מאגאזין
וועלט-שפּיגל
דאס לעבן אין ווארט און בילד
דער נאנטער־מזרח — דאס גרויסע פראגעצייכן

Lei 3
No. 1
אונזער ווארט
UNZER WORT
דאס פראגראם פון דער נייער רעגירונג

אָריענטאַציע און מיט די לעצטע ידיעות פון איבעראַל, וואו אידן לעבן און ווירקן"...

הייסט עס, אז עס איז אויפגעשטאַנען תחית-המתים מיטן זעלביקן טיטל ווי פאר 14 יאָר, מיטן זעלביקן רעדאַקטאָר און דער זעלביקער שפּראַך און אָרטאָגראַפיע...

פאַראַן אין דער פעדעראַציע א נומער.

182

וועלט-שפּיגל

דאָס לעבן אין וואָרט און בילד. וועכנטלעכער מאַגאַזין. בוקאַרעשט, 1939.

רעדאַקציע-קאָלעגיע: אָנפירונג ד"ר ש. מאָזנער.

פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר: פּאָל בלום.

פאָרמאַט: 27/37 צמ, 12 זייטן.

סע זענען פאַרעפנטלעכט טשיקאַווע אַרטיקלען און נייעסן, אילוס-טרירט. געחתמעט מיט נעמען פון דער הפטורה, צי איבערגעדרוקטע פון אַנדערע צייטונגען.

געפונען א נומער אין דער פעדעראַציע. נומער 3 פון 22סטן דעצעמ-בער 1939.

183

מײַנע העפטן

די העפטן זענען געשריבן געוואָרן אין גאַנצן פון יחיאל שרייבמאַן. שוין דעמאָלט האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר א מייסטער פון מיניאַטורן: פּראָזע און עסיי. ערשטער העפט איז דערשינען אין סעפּטעמבער 1939, אין בוקאַרעשט.

פאָרמאַט: 16/23 צמ, 16 זייטן אין א הילע.

געפינט זיך אין דער פעדעראַציע.



יחיאל א. שרייבמאַן
מײַנע הענט

184
דריי

דאָס איז פון דער סעריע „אײנס", „צחיי", דערשינען אין בוקא־רעשט 1940.

סע האָבן געחתמעט אין דאָזיקן נומער: ס. בראָונשטיין, נאַטאַן מאַרק, סאַמסאָן לאַזאַר (לאָסקאַר שאַראַגאַ), לייבל זאַכאַראָוויטש, יאָן גאַ־רון (יידיש: ש"ס־ראַמאַן).

185
פיר

זאַמלהעפט פאַר ליד און פּראָזע. בוקאַרעשט 1940.

רעדאַגירט פון ס. בראָונשטיין.

סע האָבן געחתמעט אין דאָזיקן העפט: נאַטאַן מאַרק (צום סוף פון אַן אַרטיקל וועגן אליעזר שטיינבאַרג איז דאָ אַ באַמערקונג: דער דאָזיקער אַרטיקל איז אַרויסגענומען אויס מיין בוך „יידיש־ליטעראַטור אין רומעניע", וואָס איז פאַרטיק צום דרוק. נ.מ.). (וועל איך צוגעבן אין מיין פאַראַנטעוועס: דאָס בוך איז דערשינען אין יאָר 1968, אין חיפה) מלכה לי, מיכאל סאַדאָוועאַנו (יידיש ש"ס ראַמאַן), י. פּאַנער, איציק קאַפּיטאַנאָוו, ס. בראָונשטיין.

די אַלע פיר העפטן האָב איך געכונען אין דער פעדעראַציע.

אין לעצטן העפט איז דאָ אַ מודעה מצד דער רעדאַקציע: „דער קומענדיקער העפט דערשיינט אין גיכן. עס וועלן זיך אין אים באַטייליקן: יאַנקעו גראָפּער, י. האַראָוויץ, איציק פּאַנער, אַדוואָקאַט מ. דאַווידאָוויטש, מ. ה מאַקסי, בערל שנאַבל, ס. פּאַדאַלעאַנו, י. קאַפּיטאַנאָוו, לייבל זאַכאַראָוויטש, ש"ס־ראַמאַן, ס. בראָונשטיין, און אַנדערע.

מ. כאַימסקי וועט זיך באַטייליקן מיט זייער אַן אינטערעסאַנטער אַרבעט: וועגן אויסיעס וואָס פעלן אין יידישן אַלעף־בייס".

אָבער מער זענען שוין די זאַמלהעפטן נישט דערשינען.



186
ציוניסטישע פראָבלעמען

ארויסגעגעבן דורך דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין באסארא-ביע „בנין הארץ". (מסתמא איז עס א המשך פון די „אקטועלע פראָ-בלעמען" פון 1939).

קעשענעוו, מאי 1940.

פאָרמאט: 16/23 צמ, 40 זייטן מיט א הילע.

אין דאָזיקן נומער זענען פאראן ידיעות און ארטיקלען ווי אין א פעריאָדישער צייטונג.

סע זענען אויך פאראן ליטעראַרישע ארבעטן געחתמעט פון: מרדכי גאָלדענבערג ק. בערטיני, ל. קופערשטיין; א ברכה צום אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל פון יצחק קאָרן און ח. אגרעס.

187
יינג מאראמאָראָש

זאמלהעפט, סיגעט, מערץ 1941. רעדאגירט: יחזקאל רינג.

אויף דער צווייטער זייט פון דער הילע איז ווי א מאָטאָ א צוויי־סטראָפעדיק ליד פון אברהם רייזען:

„אין א פרילינגס טאָג, א קאלטן
נישט פארצווייפל אויך מיין קינד.
עס באטייט נאָר אז פארהאלטן
האָט אים ערגעץ וואו א ווינט.

און עס הייסט נאָר אז עס זענען
וואָלקנס ערגעץ וואו אין מארס.
און זיי לאָזן נאָך נישט שיינען
דאָ די זון אין גאָר איר פראכט.


ציוניסטישע
פראבלעמען
אינהאלט
אויף דער וואך
ליטעראטור
אין דער באוועגונג
אין און ארום ארץ־ישראל
1940

יונג
זאמלהעפט
מאראש

אַט דער נחמהדיקער אָפּטימיזם און די דאַטע „מערץ“, ווייל דאָך זאָגן, אז סע וועט דערשיינען פּעריאָדיש.

פאָרמאַט: 15/23 צמ 34, זייטן און א הילע.

אין דאָזיקן העפט האָבן געחתמעט לויט דער ריי: יחזקאל רינג, אייזיק פּאָלאַק, הערצל אָפּשאַן, בערל שנאבל, י. ד. איזראעל, יחיאל שטיינבאַד, וואָלף טאַמבור (א פראַגמענט פונעם ערשטן קאַפּיטל פֿון דער דערציילונג „זאַלצמענטשן“, וואָס איציק שוואַרץ האָט אין די ליטעראַרישע בלעטער דערמאַנט, אין זיין רעצענזיע וועגן מיין ערשטלינג-בוך, אָבער ליידער איז דאָס אַלץ געבליבן פונעם גאַנצן. דער כתב-יד איז פארלוירן געגאַנגען, צוזאַמען מיט מיין גאַנצער משפּחה); יוסף עליאש, יהודית האָלדער, ז. סאַבאַ.

אויפן לעצטן זייטל איז צווישן די „נאָטיצן“ צו לייענען: „זייט איינציקע יאָר האָבן מיר צו פארצייכענען א נישט קשהדיקן אויפשטייג אין יידישן קולטור-לעבן ביי אונדז: „דער שטערן“, „אויפגאַנג“, „מיל-נערגאַס“, „ביי דער טיר“, „פאַרבלאָנדזשעטער ניגון“, „וויזשניצער רבינס הויף“, „אויפן הימל א יריד“, „מיין היים“, „יודא“, א. אנד. זענען א שיינער, בכבודיקער און קרעפטיקער אָנזאָג פאַר מאַראַמאָראָש“.

***

די דאָזיקע פּובליקאַציע, „יינג מאַראַמאָראָש“ איז דערשינען אין סאַמע ערב פונעם פינצטערסטן קאַפּיטל פון דער געשיכטע פון די מאַראַמאָרעשער יידן.

דאָס קאָן מען נישט פאַרגלייכן מיטן ארויסגעבן פון „ליכט“ אין יאַס, 1915, דאָס מאָל איז עס נישט א פּשוטע מלחמה. דאָס מאָל איז עס ערב דער שואה. אָבער, ווייל, ווי ווייניק מיר האָבן געוואוסט אין וואָס פאַר א מצב מיר געפינען זיך. אויך פון דעם קאָן מען זען ווי אַזוי מע האָט אונדז אָפּגענאַרט, ווי אַזוי מיר גופא האָבן זיך אָפּגענאַרט, און גע-מיינט אַז אַט-אַט קומט די גאולה און מיר וועלן ניצול ווערן.

והא ראייה: אין זעלביקן חודש, ווען עס איז דערשינען „יינג מאַראַ-מאַראָש“ האָב איך חתונה געהאַט, דער סעפּינקער רבי, ר' אבישל האַראַ-

18 — Presa indiș din România — c. 1/1131

וויץ הי"ד, האָט מיך מסדר קידושין געווען, איך האָב דעמאָלט געזאָגט
א חתן-דרשה... און וואָס האָט זיך דערפון אויסגעלאָזט?!
פון וואו בין איך אוועק — און וואוהין בין איך אָנגעקומען?!

***

מיט דעם ענדיקט זיך דער שעפערישסטער פּעריאָד אין דער
יידיש-פּרעסע און ליטעראַטור אין רומעניע.

פּערטעץ טייל

1977 — 1944

יודישער
טעלעגראף
צייטשריפט
קורות העתים
פורים־רעיונות
1856
27 פעבער

נאָכן מבול

נאָכן שואה־מבול.

...די לעגענדע דערציילט, אַז ווען דער אורעלטער ייִדע נח האָט זיך אָנגעהויבן לאַנגווײַלן אין דער תיבה — האָט ער קיין מעטעאָראָלאָגישן בולעטין נישט געהאַט פון וואַנעט צו וואַרטן, האָט ער אַרויסגעשיקט אַ טײַבעלע דורכן פענצטער, כּדי צו זען ווי ער האַלט מיט דער וועלט, אויב די וואַסערן פונעם מבול האָבן זיך אָפּגעשטילט, אויב מע קאָן שוין געפינען אַ שפּאַן ערד פון דלת-אמות, וואו זיך אַנצולענען אויף דער פרייער לופט. מסתמא איז ער שוין זאַט געוואָרן פון זײַן ווײַבס דערקוטשען. אפשר האָט ער שוין מער נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס ברומען פון די חיות, מיט וועלכע ער איז געווען געצוואונגען צו לעבן צוזאַמען אַזאַ לאַנגע צייט...

און ווען דאָס טײַבעלע האָט נישט געפונען קיין טרוקענעם אָנשפּאַר, איז עס באַלד צוריקגעקומען. האָט ער עס שפּעטער מיט עטלעכע טעג ווידער געשיקט — ענדלעך, איז דאָס טײַבעלע געקומען מיט אַ בירטן בלעטל אין שנאָבל...

זינט דעמאָלט איז דאָס טײַבעלע דער סימבאָל פון שלום (אַזוי ווי בײַ פּיקאַסאָ) און בירטן-בלעטלעך זענען זינט דעמאָלט אויך אַ סימבאָל פון שלום.

נו טאַקע, אַלע קאָמענטאַטאָרן פון דער תנך-מעשה האָבן זיך גע-גריבלט און אויסגעזוכט דערקלערונגען, פאַר וואָס האָט נח דווקא געשיקט אַ טײַבעלע אויסצופירן אַזאַ וויכטיק שליחות?

לאָמיר זיך אויף איין רגע פאָרשטעלן, אַז נח וואָלט געווען געשיקט אַן אָדלער. יאָ, אַן אָדלער, וואָס אַז ער טוט אַ צעפּאַכע זײַנע פליגלען, מאַכט ער אַדורך אַ שטח, אויף וועלכן אַ טײַבעלע איז נישט בכּח דאָס אַדורכצופליען, אָדער עס דאַרף מאַכן גרויסע אָנשטרענגונגען.

לאָמיר נאָר א טראכט טאָן: פיקאסאָ זאָל נישט געווען דארפן מאָלן אזא באשיידן טייבעלע, וואָס קוים זעט מען עס ביי אים אָן, מיט די עטלעכע שטריכן — נאָר זאָל געווען מאָלן אן אָדלער, מיט ברייט צעעפנטע פליגלען, וואָס שפאלט ווי א בליץ די הימלען, גלייך א זשעט-עראָפּלאן וואָלט ווי א ראקעטע דורכגעפלויגן און געלאָזט נאָך זיך א גערויש פון א שיער נישט אָנקומענדיקן שטורעם... נו, און אזא אָדלער, וואָלט ער זיך געווען אָפּגעשטעלט אויף א הויכן צעדערבוים (אויב סע וואָלט געשען אין מאראמאָרעשער וואלדיקע בערג, וואָלט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף א הויכן דעמבענעם בוים!) און ער וואָלט געבראכט אין שנאָבל א צווייגל (ניין, אָפּילו א גאנצן בוים!) פון א צעדער צי א דעמב...

אָבער צו וואָס וואָלט געטויגט נחן א צעדער, צי הויכן דעמבז ער האָט דאָך געוואָלט בלויז געוואויר ווערן, אויב דאָס וואסער האָט זיך אָפּגערונען. און דאָס וועט ער דערפארן דווקא פון א קליין טייבעלע, וואָס איז נידעריקער צו דער ערד, אויף וועלכער דער מענטש טרעט מיט זיינע פיס.

דער מענטש האָט דאָך נישט קיין אָדלערדיקע פליגל...

נאָכן מבול פון דעם גרויסן היטלער-חורבן, פון דער שואה, ווי מע האָט עס שפעטער אָנגעהויבן רופן, האָבן אָנגעהויבן פליען טייבעלעך, ביי וועלכע די פליגעלעך זענען געווען א ביסל אָפּגעסמאלעט פון די קרעמאַ-טאָריעס — און די בירטן-בלעטלעך, אויך די בלעטלעך זענען געווען פאררייכערטע, אויסגעדארטע, וואָס האָבן גיכער געקאָנט אָנזאָגן א הארבסט, ווי א נאָך-מבולדיקן פרילינג...

מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס צו ערשט האָט זיך באוויזן אין בוקארעשט אזא פובליקאציע, מיט אזא קלינגענדיקן נאָמען:

188
ליטעראַרישע בלעטער

(יידיש און רומעניש)

ערשטער יאָרגאנג. נומער 1, 5טער אָקטאָבער 1944.

דערשיינט אונטער דער רעדאקציע פון א קאָמיטעט. ארויסגעגעבן פון קולטור־פאריין „יידיש טעאטער" פון בוקארעשט.

פאָרמאַט: 21/31 צמ, 8 זייטן (4 יידיש און 4 רומעניש).

כדי צו אילוסטרירן, וואָס פאַר א כוחות סע האָבן ארויסגעגעבן די דאָזיקע פובליקאַציע וועל איך ציטירן בלויז איין פסוק, מיט דער אָרי־גינעלער אָרטאָגראַפיע פון דער „אקדמה": „עס ציטערט די פעדער ווען מיר הייבן אָן צו שרייבן די ערשטע שירית פין דעם ערשטן יידישן זשור־נאַל אין רומעניע".

אין נומער איז אריין: „מיין יינגעלע" פון מאָריס ראָזענפעלד; שטע־פאַן טיטא איז פאַרטרעטן מיט „ליליענדופט איבער ניו בריסעל" (פון דער סעריע „מעשהלעך פאַר גרויסע"), איבערזעצט פון רומעניש: י. פאַנער; „טעאַטער פראַגע" פון מ. שערבאַן; א האַלץ־שניט „קליידער פאַר טראַנסניסטריע" פון לאַזאַר זין.

די רומענישע 4 זייטן זענען שוין בעסער רעדאַגירט, ווייל די רע־דאַקטאָרן האָבן געקאָנט רומעניש...

ווען נ. מארק האָט אין זיין בוך „יידיש־ליטעראַטור אין רומעניע" פאַרצייכנט די דאָזיקע פובליקאַציע, האָט ער אונטערגעשטראָכן די חסרו־נות, הן לויט דער „ליטעראַטור", וואָס מע קאָן אין איר געפונען, הן די שפּראַך.

איך האָב געפונען דעם דאָזיקן נומער אין דער פעדעראַציע און — זייענדיק קאָנסעקווענט דעם פּרינציפּ, מיט וועלכן איך האָב זיך גערעכנט זינטן אָנהייבן די דאָזיקע ארבעט, וועל איך זוכן א זכות אויך די דאָ־זיקע פּיאָנערן, וועלכע האָבן זיך געאיילט ארויסצוגעבן א געדרוקט יידיש וואָרט, נעבן דעם רומענישן, הגם זיי גופא האָבן נישט געהאַט די צו־גרייטונג, און אויך נישט געפונען דעמאָלט קיין יידישן זשורנאַליסט און אפילו קיין לייטישן יידישן זעצער...

יענע, וועלכע וואָלטן געווען געקאָנט ארויסגעבן א לייטישע פּוב־ליקאַציע, זענען אָדער אומגעבראַכט געוואָרן, אָדער זיי האָבן זיך נאָך נישט צוריקגעקערט פון די פראָנטן, צי פון די לאַגערן.

און פון וואו זאָל מען געווען דעמאָלט נעמען א יידישן זעצער? ווי באַוואוסט האָבן דאָך די זעצער נישט ווייניק געהאַט צו זאָגן, ווען סע האָט זיך געהאַנדלט וועגן אויסלייג. נאָך מער, אין דעם נומער גע־פינען זיך צוויי שורות, וואָס האָבן זיך, ווייזט אויס, צעשיט און סע האָט זיך נישט געפונען א זעצער, אז ער זאָל זיי צוריק אויסרייען, אז סע זאָל זיך אויסקלייבן פון זיי עפּעס א וואָרט.

וועל איך זיך באגניגן בלויז מיטן פארצייכענען דעם דאָזיקן פּראָוואָ-עקזעמפּלאַר, ווייל עס איז מער נישט דערשינען ווי דער איין איינ-ציקער נומער, וועלכער געפינט זיך אין דער פעדעראַציע.

189

יידישע בייּלאַגע צו דער רומענישער „מענטואירעא"

א ציוניסטישע וואָכנצייטונג, דערשינען אין בוקארעשט, אין יאָר 1945, אונטער דער רעדאקציע פון א.ל. זיסו.

דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 2טן אָקטאָבער 1945, (צום נומער 53 פון דער מענטואירעא), אונטער דער רעדאקציע פון יש-ראל לייוואנדמאן.

פון די עטלעכע נומערן, וואָס זענען דערשינען אין יידיש האָב איך נישט געפונען קיין איינעם.

* *
*

וועלכע פּובליקאציע איז געווען די דריטע? אויף דעם וועט מיר נישט גרינג זיין צו ענטפערן, ווייל אָפיציעל איז עס געווען „איקוף בלעטער" — אָבער נישט אָפיציעל, מיין איך, אז עס איז געווען דאָס שבת-צעטל „שבתון".

דערפאר וועלן מיר פארצייכענען קודם די „איקוף בלעטער", וואָס זייער דערשיינען האָט דאָך עפעס אָנגעזאָגט און צוגעזאָגט.

דארף מען קודם דערמאנען, אז אין אָנהייב, אין יאָר 1946, איז דער איקוף פון רומעניע געווען באזונדער און דער „יידישער דעמאָקרא-טישער קאָמיטעט" איז געווען באזונדער. דער איקוף האָט געהאט ווי א פּראָגראם די איקוף-פּאָליטישע ליניע פון לינק-פּראָגרעסיסטישער קולטור-טעטי-קייט. ווידער, דער יידישער דעמאָקראטישער קאָמיטעט האָט געהאט דעם מוס-טער פון מאָסקאָווער „אנטי-פאשיסטישן יידישן קאָמיטעט", אויף דער באַ-זיס פון א פאלק-פראָנט, אין וועלכן סע האָבן זיך באטייליקט קודם אלע שטרעמונגען אויף דער יידישער גאס, די ציוניסטישע אריינגערעכנט, דערנאָך זענען די ציוניסטישע אָרגאניזאציעס ארויסגעפאלן פון דער טע-טיקייט, צוליב סיבות וואָס זענען דאָ, פאר אונדזער יידיש-פּובליקאציעס געשיכטע, נישט וויכטיק.

ליטעראַרישע בלעטער

אקדמה

איחוד

Unirea

דער אָרגאַן פון יידישן דעמאָקראַטישן קאָמיטעט איז געווען די „אונירעא״ (אייניקייט), אין דער רומענישער שפּראַך; אין קלוזש-נאַפּאָקא איז דערשינען אין דער אונגאַרישער שפּראַך „עגישעג״ (ביידע זענען אויף יידיש: אייניקייט).

שפּעטער זענען די „איקוף בלעטער״ פאַראייניקט געוואָרן מיט דער רומענישער „אונירעא״ און האָבן געהאַט כמעט איין רעדאַקציע.

דערמיט דערקלערט זיך, וואָס ביים אָנהייב האָבן מיטגעאַרבעט אַלע ליטעראַרישע כוחות, וועלכע זענען דעמאָלט געווען אין רומעניע, אין די איקוף בלעטער: יעקב גראָפּער, יעקב פרידמאַן און מיין וויניקייט... שפּעטער האָט מען געשטעלט דעם טראָפּן אויף דער פּאָליטישער זייט און ווינציקער אויף דער ליטעראַרישער, ווי דאָס וועט מען זען ווייטער, פון דעם תוכן, וואָס איך גיב איבער וועגן דעם ערשטן נומער — און איינעם פון די לעצטע נומערן.

190

איקוף בלעטער

געזעלשאַפטלעך-ליטעראַרישער זשורנאַל, דערשיינט אונטער דער רעדאַקציע פון א קאָמיטעט.

פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר: י. דובּאָוויס.

ערשטער יאָרגאַנג, נומער 1 פון 18טן מערץ 1946, בוקאַרעשט.

פאָרמאַט: 25/35 צמ, 8 זייטן, 2 קאָלומנעס.

אין דאָזיקן ערשטן נומער האָבן געחתמעט: משה לאַקס, דעם לייט-אַרטיקל: „איקוף בלעטער, א ניי געווינענע פּאָזיציע פאַר יידיש אין רומעניע״; ב. האַגער „ר׳ יוסי״ פונעם בוך: „אויפן וועג״; ד״ר אַלכּסנדר שאַפּראַן: „אויסצוגן פון אַן-סקי פייערונג״; קובי וואָהל, „דער הונגער״ ליד (יידיש: י. פּאַנער); י. דובּאָוויס, „דער יידישער טעאַטער אין רומעניע״; י. פּאַנער, „וועגן קובי וואָהל״: יעקב פרידמאַן „א לבנה-נאַכט אין מיין היים״, ליד; וואָלף טאַמבור: „אויף די חורבות פון מיין היים“ (פראַגמענט פון א דערציילונג); י. שאַפּירא, „דער איקוף-טעאַטער אין וועג אַריין״; בערל שנאַבל, „ייד״ ליד.

אויף דער לעצטער זייט איז דאָ א מודעה: „דער פאַרבאַנד יידישע שרייבער און פּובליציסטן אין רומעניע ווענדעט זיך צו אַלע דיכטער, שריי-

בער, פובליציסטן, עסייאיסטן א.א.וו. זיי זאָלן אריינשיקן זייערע מאַטערי-אַלן וואָס וועלן ווערן געדרוקט אין זאַמלבוך, וואָס דער פאַרבאַנד גרייט צו אויפן אַדרעס: נ. רויטמאַן, בוקאַרעשט. אינטראַרעא מאָשילאָר 3, אַפּאַרט' 7".

דער דאָזיקער נומער איז דערשינען, ווי געזאָגט, אין חודש מערץ 1946. אָבער פאַקטיש האָט ער זיך צוגעהויבן גרייטן סוף יאָר 1945. וואָס שייך מיין מיטאַרבעט... איך האָב געגעבן דעם כתב-יד, עטלעכע אָנגע-שריבענע בייגעלעך, וואָס חבר דובאָוויס האָט זיי „ערגעץ" געלייגט, נאָר ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען וואו. ביז, ביז עס איז געווען א מוצאי־שבתדיקער קולטור-אָוונט ביים איקוף, ביי וועלכן איך האָב געליי-ענט א דערציילונג — און געהאַט נישט קיין קליינעם דערפאָלג. דעמאָלט האָט זיך דער חבר דובאָוויס געוואָנדן צו מיר: „פאַר וואָס גיט איר מיר נישט אָט-אָ-דאָס־אָ, צום פובליקירן?"

האָב איך מיט דערפעריִשער נאַיוויטעט, פון א מאַראַמורעשער דאָר-פס-פויער, געזאָגט מיט געמאַכטער באַשיידנקייט: מיין כתב-יד ליגט ביי אייך שוין מער ווי צוויי חדשים...

בקיצור, איך האָב עס געגעבן צום צווייטן מאָל, און אין דער לעצ-טער מינוט איז עס אריין אין נומער.

אַזוי האָט אויסגעזען דער ערשטער נומער. אָבער די אַנדערע נומערן זענען געקומען צו אַפּט. למשל, דער נומער 7 פון 23סטן אויגוסט 1946 האָט שוין געהאַט דעם פאָרמאַט 41/62 צמ, 4 זייטן, ווי א בײַלאַגע צו דער רומענישער „אוניריאַ".

אין יאָר 1947 איז דער פאָרמאַט שוין: 31/42 צמ, 6 זייטן.

אין 1949 איז שוין דער פאָרמאַט ווידער 31/62 צמ, 4 זייטן.

דאָס מאָל דערשיינט (נישט דער זשורנאַל, נאָר:) די צייטונג וועכנטלעך.

דאָס מאָל איז שוין דער אויסלייג, אין דער בײַלאַגע פאַר קינדער „עמעסדיק" אויפן סאָוועטישן נוסח.

*

זאָל דערלויבט זיין דאָ מאַכן א פּאַראַנטעז:

אויב ביי די פריערדיקע פובליקאַציעס האָב איך געגעבן גענוי אויך די מחברים פון די אַרטיקלען — דאָס מאָל, וועל איך בכיוון אַרויסלאָזן

איקוף
בלעטער

די נעמען פון די אויטאָרן פון די ארטיקלען, צוליב פארשידענע טעמים: אפילו יענעמס נאָמען, וועלכער האָט געחתמעט די רעצענזיע איבער מיין בוך „פרילינג אָן זון“, וואס איך האָב פארעפנטלעכט אין יאָר 1947, אין אראד, און ער האָט געשריבן אז „דאָס בוך איז נישט לויט דער געשיכטע און אויך נישט לויט דער ליטעראטור“, וועל איך אים אויך נישט מזכיר זיין. נישט ווייל ער האָט שפעטער תשובה געטאָן און פארעפנטלעכט אין דעם רומענישן ליטערארישן זשורנאל „קאָנטעמפּאָראנול“ און געשריבן אז „טאמבורס ראָמאן אנטהאלט שטארקע רעאליסטישע אקצענטן“. ניין, איך האָב נישט דערוואַרט פון אים קיין חרטה. האָב איך דאָך תיכף, אין יאָר 1948, אויף דעם דעקל פונעם ביכלעכל „משה“ אָפּגעדרוקט זיין דערמאנטע מיינונג און נעבן דעם צוגעלייגט די מיינונג פון דער ניו־יאָרקער „מאָר־גן־פרייהייט“ אז:

„...וואָלף טאמבור גראָבט ברייט און טיף, זעצט פאָר דעם נוסח פון די קלאסיקער“...

און פון ניו־יאָרקער „אונזער וועג“ אז:

„...סע אנטפּלעקט זיך פאר אונדז א דערציילער מיט אן אייגענעם שעפערישן קער און ווענד“...

פאָר וואס זשע דערמאן איך עס איצט? נישט עפּעס אנדערש, ווי צו שילדערן די אטמאָספער פון דעמאָלט. מחמת דעם זענען נישט וויכטיק היינט קיין נעמען מזכיר צו זיין, ווייל דאס וואָלט געהייסן, אז איך וויל עמעצן באשולדיקן און צו דעם פיל איך זיך נישט בארעכטיקט.

דאָס רוב פון יענע, וואס האָבן דעמאָלט „מיטגעטאנצט“, זענען שוין היינט, אָדער אין ישראל, אָדער שוין נישט צווישן די לעבעדיקע — איז צו וואס אויפמישן טרויעריקע בלעטלעך?

בעסער וועל איך זיך אומקערן צו געפינען א זכות.

אָבער למען האמת, וועל איך דאָך איבערגעבן א תוכן פונעם נומער 1223, 8טער יאָרגאנג, פון 29סטן פעברואר 1953, וואס איז אין דער קאָ־לעקציע פון דער פעדעראציע, פון די לעצטע נומערן פונעם „געזעלשאפטלעך־ליטערארישן זשורנאל איקוף בלעטער“:

אָט זענען די ארטיקלען, אָן די מחברים, אָבער מיט דער אָריגינעלער אָרטאָגראפיע פון דעמאָלט:

„באלויכטענע אָנווייזונגען פאר נייע דערפאָלגן“; „די ציאָניסטישע אגענטור פונעם אמעריקאנער אימפעריאליזם“; „ווידער אָפּגעלייגט געוואָרן דאָס דורכפירן דעם אורטייל קעגן די ראָזענבערגס“, „קעגן די נידער־

טרעכטיקע ציאָניסטישע פארברעכנס״; „דער הונט וואָס בילט: האוו! האוו!״; „רעאליזירונגען און בלויזן אין דער ארבעט פון גאלאצער „איקוף״; „קולטור-ארטיסטישע מאניפעסטאציע אין דאַראָהאָי״, „א נייע פּרעמיערע אין יאסער יידישן מעלוכע-טעאטער, „30 זילבערשטיק״ פון האווארד פאסט; צוגרייטונגען וועגן אייסצושליסן ייסראָעל אין אַטלאַנטישן פאַקט, א „מאק-ארטי-געזעצ אין ייסראָעל״; „טפיסע-שטראָפן פאר אנטיסעמיטישע אַרויסטרע־טונגען אין דער דייטשער דעמאָקראַטישער רעפּובליק״; „דער אָפיציעלער ראסיזם אין ייסראָעל״; „פונעם ייסראָעל גאניידן״, „פאשיסטישע כוליגאנעס פאַרברענען א בוכהאנדלונג אין ירושעלייעם, ווייל זי האָט פאַרקויפט סאָוועטישע ביכער״; „געשפּאַנטע לאַגע אָפּ דער גרענעצ פון ייסראָעל און טראנסיאָרדאניע״; „צוויעסדיקע אנטשולדיקונגען״ (קאַריקאַטור), מיט דער דערקלערונג: „בען-גוריאָן: — איך זאָל אזוי האָבן פאַרנאָסע בא כּיין וואָלסטריטער באלעבאָס, ווי טאָמער כאָפּ איך זיי, מאַך איך פון זיי פאַרעכ״.

דער לעצטער נומער איז דערשינען דעם 13טן מערץ 1953, מיטן „טרויער מיטינג פון מאָסקווע״... נאָכן טויט פון סטאַלין.

נאָר ווי געזאָגט, בעסער וועל איך זיך אומקערן צו דעם יאָר 1946, ווען יעדער פון אונדז אויף זיין אופן האָט געפּרוּווט אָנצוצינדן, אויב נישט קיין פאקל, איז כאָטש א קאַנעצל, א ליכטעלע. און אזא ליכ-טעלע איז געווען דער „שבתון״, דאָס קליינע מיניאטור וואָכנבלעטל, אונטער דער פאַרעם פון א שבת-צעטל.

אמת, איך פארמאָג שוין היינט נישט קיין איין עקזעמפּלאר, אויף א דוגמא, פון יענעם בלעטל, אָבער איך האָב א שפּור, אין נומער 6 פון 9טן אויגוסט 1946, ווען איך האָב פארעפנטלעכט אין די „איקוף בלעטער״ רעפּאָרטאזש-סקיצן אונטערן טיטל: „יידן אין צפון-טראנסילוואניע״. צווישן אנדערן, האָב איך דעמאָלט געשריבן:

„דער יידיש-דעמאָקראַטישער קאָמיטעט פון צפון-טראנסילוואניע איז א מאסן-אָרגאניזאציע פאר אלע יידן אָן אונטערשיד, פונעם אגודיסטישן אָרטאָ-דאָקס ביז צום קאָמוניסט, אלע באלאנגען צום יידיש דעמאָקראַטישן קאָמיטעט. טראנסילוואניע האָט זיך איר אָפּצייכן: א פאקל, א מנורה און א פאָן מיט א מגן-דוד.

דערפאר, אז עס איז געווען די קאָנפערענץ אין קלויז פאר די קאָ-כיטעטן פון טראנסילוואניע, האָט מען געהאט א בילד פונעם גאנצן יידישן לעבן. די דעלעגאטן האָבן אָפּגעגעבן באריכטן פון אלע שטעטלעך. דאָ

האָט מען געוויילט א נייעם „דעמאָקראַטיש" רב, דאָרט גייט עס שווער מיט באַזעצן די יידן, וואָס זענען געקומען פון טראַנסניסטריע (ווי ווילן נישט אַרבעטן) און א דעלעגאַט, א פּרימאַר פון א טראַנסילוואַניש שטעטל קלאָגט זיך, אַז דער אַנטיסעמיטיזם בושעוועט... יידישע דאגות.

טראַנסילוואַניע האָט היינט ווייניק יידן, אָבער דאָך איז עס טראַנ-סילוואַניע... אין יידישן דעמאָקראַטישן קאָמיטעט פון טראַנסילוואַניע האָט זיך נאָך געפונען איין דעלעגאַט (איינער). וואָס האָט נישט געוואָלט זיך חתמענען, ווייל עס איז שבת. צוויי דעלעגאַטן האָבן דעמאָנסטראַטיוו באַגריסט אין יידיש (גערעדט האָט מען מײַנסטנס אונגעריש!), איינער איז געווען דער שרייבער פון די שורות, און דער צווייטער איז געווען קאַהאַן קאַלמאַן, דער רעדאַקטאָר פון דער אונגערישער צייטונג אין מאַראַמאַרעשסיגעט...

און דאָך — יידיש באַווייזט זיך!

191

שבתון

אין קלויז און אין סיגעט דערשיינט יעדן פרייטיק א קליין מיניאַטור-צייטונגל, אַרויסגעגעבן פון דער „פּועלי אגודת ישראל". קיין דער-לויבניש איז אמת נאָך נישטאָ אויף אַזא בלעטל — איז דאָך אָבער דעמאָקראַטיע!...

הייסט עס „שבתון" — א שבת־צעטל, וואָס שרייבט פיר, ווען מע דאַרף ליכט צינדן פרייטיק-צונאַכטס, אַן אַרטיקל וועגן שמירת־שבת און אגב, ידיעות וועגן ארץ־ישראל און וועגן פּעטרו גראָזא...

מע קוקט אָן דאָס בלעטל און מע וואונדערט זיך: „איז עס א פּונק, וואָס וועט צעפלאַקערן אָדער איז עס א פונק, וואָס גייט אונטער; איז עס א גסיסה-ראַנגל צי א לעבנס-צאַפּל?..."

ביז אַהער איז דער ציטאַט, מיט וועלכן איך וויל באַווייזן, אַז עס איז דערשינען אַזא פּובליקאַציע, אונטערן נאָמען „שבתון".

זייענדיק אין ישראל האָב איך געזען אין „היכל-סיגעט" דעם „שבתון" נומער 3 פון 31טן מאַי 1946 און פריינד משה שיין האָט מיר אויך גע-וויזן נאָך איין בלעטל וואָס איז דעמאָלט דערשינען אין סיגעט ווי א גיל-גול פון שבתון:

192
הר־הגליל

ארויסגעגעבן דורך דער אָרגאַניזאַציע מזרחי. פרייטיק כ״ו אייר 7075.
פאָרמאַט פון שבתון און דערנאָך פון הר־הגליל: 22/30 צמ. 4 זייטן, 3 קאָלומנעס.
רעדאַגירט פון הרב יחיאל יהודא איזאַקזאָן.

***

און איצט זאָל מיר דערלויבט זיין מאַכן נאָך איין פּאַראַנטעז: אזוי ווי סוף פון פריערדיקן יאָרהונדערט האָט ז. העלמאַן געהאָלפן רעדאַגירן דעם סאָציאַליסטישן „דער וועקער״ הגם ער איז קיין סאָציאַליסט נישט געווען, אזוי האָב איך געהאָלפן אין די יאָרן 1947-1948 ארויסגעבן דאָס אגודהשע וועכנטלעכע בלאַט „דאָס יידישע וואָרט״, פון אראַד.

אמת, אַמאָל, אין די יאָרן 1935-1937, האָב איך געאַרבעט אין דער טשערנאָוויצער רעדאַקציע (און אויך דרוק) פון אגודהשן וואָכנבלאַט „דאָס יודישע וואָרט״, דעמאָלט בין איך נאָך געווען אַן אגודהניק. איצט בין איך אָבער שוין געווען „אַן אדרבה״, אָבער דאָך האָב איך געהאָלפן דאָס רעדאַגירן, אָרגאַניזירט אַ שטיקל זעצעריי מיט יידישע אותיות, וואָס איז אין אראַד נישט געווען. די ערשטע נומערן האָב איך געמוזט גיין דרוקן קיין אָראַדעאַ.

האָב איך טאַקע אויסגעניצט אויך די דאָזיקע געלעגנהייט און דאָ פאַרעפנטלעכט מיין ראָמאַן „פרילינג אָן זון״ (און איינִיקע רעצענזעטן האָבן נישט פאַרגעסן אונטערצושטרייכן די אויפשריפט פון דער צווייטער זייט פון שער־בלאַט, אז „זאַץ, טיטל־בלאַט און דרוק זענען געאַרבעט געוואָרן פונעם מחבר״)...

איך האָב געוואָלט אויסניצן די געלעגנהייט אויך פאַר אַ ליטעראַרישער פובליקאַציע, וואָס איך זאָל דאָרט, אין אראַד, פאַרעפנטלעכן מיט דער מיטאַרבעט פון יעקב פרידמאַן ז״ל און פון דעם אזוי טאַלאַנטירטן עסייאיסט פון יאַס, אליעזר פרענקעל. איך האָב זיך מיט זיי איינפאַרשטאַנען און איך בין זיכער, אז ווען דאָס וואָלט מיר געלינגען, וואָלט עס געווען כאָטש אַ שיינער פּרואוו ווייל אַלע דריי זענען מיר געווען דעמאָלט יונג אין מיט שעפערישן ברען...

דעם איינציקן דאָקומענט, וועגן דאָזיקן פּלאַן, האָב איך דעם ניו־יאָרקער זשורנאַל „יידישע קולטור״, חודש זשורנאַל פונעם אלוועלטלעכן

יידישן קולטור-פארבאנד (איקוף), נומער 6, פון יוני 1948, זייט 61, וואו עס איז דערשינען א קארעספאנדענץ:

„דער איקוף אין אראד, רומעניע. (פון א בריוו צום איקוף, ניו-יארק).

אונדזער שטאט אראד איז די דריטע שטאט אין רומעניע, לויט דער צאל פון יידישע איינוואוינער (אן ערך פופצן טויזנט יידן). דאך איז עס געווען א קרקע-בתולה פאר יידיש, ווייל די מאדיארישע אסימילאציע האט דא דאמינירט. די לעצטע מלחמה האט אבער, נאכן אפשטעלן דעם קריג, געבראכט מיט זיך אן איבערשיכטונג פון דער יידישער באפעלקערונג פאר יידיש. מהער זענען מגולגל געווארן יידן פונעם צפונדיקן טייל פון אונדזער מדינה, פון בוקעווינע און מאראמארעש, וועלכע רעדן און „שוויגן" יידיש...

דער ערשטער שריט איז געמאכט געווארן. סע האט זיך געבילדעט אן איקוף-קאמיטעט: הרב ד"ר מ. שיינפעלד, דער שרייבשטעלער וו. טאמבור, י. רעזמיוועש, אינזשענער מ. פעלדמאן, פערל, ד"ר רעזניק, ד"ר ווייזער.

די ערשטע איקוף-פארזאמלונג איז פארגעקומען דעם 7טן מערץ ד. י., ביי וועלכער אונדז איז געלונגען באקאנט צו מאכן די צילן און שטרעבונגען פון איקוף. דער יידישער עולם האט ווארעם אויפגענומען אונדזער איניציאטיוו.

אזעלכע אוונטן ארגאניזירן מיר כסדר יעדן צווייטן זונטיק. מיר עפענען א לייען-זאל, וועלן ארויסגעבן, לויט אונדזערע כוחות, פון צייט צו צייט א בראשור, צי א פעריאדישע שריפט. מיר האבן שוין ארגאניזירט א דראם-קרייז — מיט אייןווארט: מיר ווילן מיט אונדזער ארבעט דא, ווי באשיידן זי זאל נישט זיין, ביישטייערן צום חוב, וואס דאס רומענישע יידנטום איז שולדיק און צאלט אזוי ווייניק...

מיר ווילן אבער איר זאלט אונדז בייהילפיק זיין אין אונדזער ארבעט. ווען מיר ווילן עפעס פארלייענען, מוזן מיר עס טאן פונעם זכרון... מסתמא ווייסט איר, אז קיין יידישע ביכער — אויך דארט וואו עס איז געווען — זענען נישטא. דעריבער בעטן מיר אייך, איר זאלט אונדז שיקן די „יידישע קולטור" כאטש אין צוויי עקזעמפלארן, און פון אנדערע ביכער און אויסגאבעס דערשינענע אין אייער פארלאג. מיר בעטן עס נישט במתנה, נאר בתורת הלוואה. ווי נאר מיר וועלן בכוח זיין, וועלן מיר רעקאמפענסירן.

שוין די קומענדיקע וואך שיקן מיר אייך ארויס די ערשטע בראשור, וואס איז ארויסגעגעבן מיט אונדזערע אייגענע כוחות.

מיר ווילן אייך נישט אנווייזן וואס צו שיקן. איר ווייסט, אז מיר האבן גארנישט און אז מיר באדארפן פיל...

וואָלטן מיר געהאַט: 1 באַנד פּרק, 1 באַנד שלום עליכם, 1 באַנד שטיינבאַרג — זענען מיר „געראַטעוועטע", האָבן מיר שוין אַ בוך צו „האַלטן אין דער האַנט" און דאַרפֿן שוין נישט רעציטירן בעל-פּה... קאָן מען דען לעבן אָן אַ געשריבענעם יידישן אות?!...

מיר דערוואַרטן, אַז איר וועט אונדז מיטהעלפֿן מיט וואָס נאָר מעגלעך, צו שאַפֿן אונדז אַ ביבליאָטעק, וועלכע זאָל אַנשטיין פֿאַרן יידישן ישוב דאָ הי.

מיט פֿריינטלעכע גריסן,
הרב דר. יוסף משה שיינפֿעלד, פּאָרזיצער
וואָלף טאַמבור, סעקרעטאַר".

אין זעלביקן נומער „יידישע קולטור", צווישן די נייע ביכער איז פֿאַרצייכנט מיין ביכעלע „משה", אַ מעשה ווי אין חומש, פֿאַרלאַג אי-קוף, אַראַד, רומעניע, 1948, 32 ז"ז. סע ווערט אויך אָנגעוויזן מיין באַמערקונג אויף דער הילע פֿון ביכל: „קאָפּירייט, אדרבה, דער מחבר איז דאַנקבאַר פֿאַר איבערדרוקן אָדער, לכל הפּחות, פֿאַר איבערלייענען די מעשה"...

איך האָב געבראַכט די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ, הגם זי איז, מיט די היינטיקע אויגן געזען, געוועזן נאַיוו, אָבער דאָך גיט זי אַ שטיקל בילד וועגן דעמאָלטיקן מצב, נישט בלויז אין אַראַד, וואָס איז געווען אַ יידיש שטעטל, אין וועלכן סע זענען דערשינען דעמאָלט עטלעכע פּובלי-קאַציעס אין דער זעלביקער צייט — נאָר סע וואַרפֿט אַ שיין אויף דער טראַנסילוואַניע בכלל.

193

דאָס יידישע וואָרט

צווייוועכנטלעכער בולעטין — אַרויסגעגעבן פֿון מרכז אגודת ישראל אין רומעניע, אין די יאָרן 1947 — 1948, אַראַד.

דער פֿאָרמאַט און דער אויסזע, איז געווען דער זעלביקער ווי „דאָס יידישע וואָרט", וואָס איז דערשינען צוריק מיט צען יאָר אין טשערנאָוויץ.

דער תוכן איז כמעט דער זעלביקער, אפילו דער טיטל. ער איז אויסגעשניצט געוואָרן פונעם רעדאַקטאָר אין לינאָלעום.

איך האָב נאָר דעם נומער 2 (פאַקטיש איז עס מספר „ב“, וועגן...) פון 12טן מאַי 1947.

אויף דער ערשטער זייט זענען ידיעות, יידיש נייעס פון אומעטום. אויף דער צווייטער זייט: „אונדזער שטעלונג צום ציוניזם“ פון ר. יודא; א העברעאישער שיר „בדממה“ פון יודא רעזמיוועש (אויבן דערמאַנט, אין איקוף־קאָמיטעט — אָבער ער איז געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּועלי אגודת ישראל, מיט וועמען איך האָב ארויסגעגעבן די צייטונג...); „ענגלאַנד פאַרן משפּט...“ (א פּרשה פּאָליטיק) פון וו. פּאָלי־טרוק; „א שענדלעכער אָנפאַל“ (א פּאָלעמיקן מיטן שומר הצעיר, וואָס האָט אָנגעגריפן די אגודה פאַרן „מאָנאָפּאָליזירן“ די אַקציע צו ראַטעווען כון הונגער מאָלדעווישע קינדער); „אונדזער בית־יעקב סעמינאַר“, פון מ.ז. וויזשניצער; „מעשים דאַרפן מיר באַווייזן“, פון ה.ר. אחי־שרוני. פון דאָזיקן אַרטיקל וועל איך ציטירן איין פראַגמענט, וואָס וועט שילדערן דעם דע־מאָלטיקן מצב, נישט בלויז אַרום אונדז, נאָר אויך אין אונדז — אין מיין דענקען...

„...נאָכן גרויסן חורבן, וואָס אייראָפּע בכלל האָט געליטן אין די לעצטע פּאָר יאָר, איז דאָס יידישע פאָלק ארויסגעגאַן מיטן גרעסטן שאָדן. די פאַרלוסטן פונעם אייראָפּעאישן יידנטום זענען נישט אין פאַר־גלייך מיט די פאַרלוסטן, מיט וועלכער אומה סע זאָל נישט זיין, וואָס האָט געליטן פון דער היטלער־מלחמה. אין מע וועט נישט מגזם זיין, אויב מיר וועלן זאָגן, אז אזא בראָך האָט נאָך די יידישע געשיכטע נישט געקענט.

וואָס איז דער סך־הכּל פון אָט דעם אָפּבלוטן?

דער רעזולטאַט איז א ראַדיקאַלע ענדערונג, נישט נאָר אין כמות פונעם יידישן פאָלק, נאָר אויך אין איכות. דער חורבן האָט געשאַפן אַן איבערשיכטונג, וואָס זיין חותם לאָזט זיך שוין בולט דערקענען.

נישט נאָר די צאָל פון די יידן האָט זיך געביטן און איז געמי־נערט געוואָרן. נאָר אויך דער „ווי אזוי“ זענען די יידן, האָט זיך גע־ביטן. נישט נאָר זעקס מיליאָן נפשות פעלן אונדז — נאָר סע פעלן די יידישע ישובים, די וואָרט־זאָגערישע, דער נאַציאָנאַלער חוט־השדרה כון־בעם יידנטום בכלל און פונעם אייראָפּעאישן יידנטום בפרט.

אַפּט הערט מען ביי אונדז, ווי טייל גרויסן זיך ביי יעדער מינדסטער געלעגנהייט, אז מיר, דער יידישער ישוב אין רומעניע, זענען דער גרעסטער ישוב אין אייראָפּע (אחוץ סאָוועט-רוסלאַנד!) און מיט דעם אַ, וויל מען ארויסרופן כבוד, באשר מיר זענען דאָס „אייבערשטע פונעם שטייסל"...

נו, איז וואָס? און אז מיר זענען דער גרעסטער יידישער ישוב אין אייראָפּע, וואָס לאָזט עס אונדז צו הערן, וואָס פאַר א כבוד איז עס, וועלכע קאַרדינסטן האָבן מיר אויפצואווייזן?...

...מיר דאַרפן זיך אראָפּנעמען א מוסר, אויך פונעם היינטיקן פוילישן יידישן קיבוץ, כאָטש זיי זענען איצ צאָל פיל ווייניקער פון אונדז, א פערט-חלק פונעם רומענישן יידנטום און דאָך שטייען זיי שוין מיט זייער קולטור-טעטיקייט פיל העכער פון אונדז.

מעשים דאַרפן מיר באווייזן".

איך האָב בכיוון געמאַכט א גרעסערן אויסצוג, ווייל דאָס דאָ געזאָגטע איז אן איבערררוף מיט דער אויבן געבראַכטער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט אין דער ניו-יאָרקער „יידישע קולטור".

עס איז איבעריק צו זאָגן, אז די פּאָליטישע כעליטאָנען, האָב איך געשריבן און געחתמעט „פּאָליטרוק"... איך שעם זיך נישט מיט דער דאָזיקער פּובליקאַציע.

***

ווי געזאָגט זענען דערשינען פּובליקאַציעס אָן דערלויבענישן. יעדער האָט געזוכט און געפונען א פאָרעם, ווי אזוי אויסצומיידן די דערלויבניש. דאָס הייסט, אז געבעטן האָט מען דווקא יאָ אזעלכע מין דערלויבנישן, אָבער ווען מע זאָל געווען וואַרטן ביז מע וועט באַקומען די דערלויבעניש, וואָלט מען גרוי און אלט געוואָרן.

דאָס הייס איך פון אייגענער דערפאַרונג. איך פּערזענלעך האָב אריינגעגעבן אזא בקשה צו דער פּרעסע-דירעקציע, איך האָב פּערזענלעך גערעדט מיטן גענעראַל-דירעקטאָר פון דער פּרעסע — און סע האָט נישט געהאָלפן. איך האָב זיך דערלויבט אים אויסצוזאָגן דעם אמת: אָט גיב איך ארויס אזא מין וואָכנבלאַט, אונטערן נאָמען פון א „בולעטין", ווי אן אייןמאָליקע אויסגאַבע, וואָס דאָס געזעץ דערלויבט, אָבער אָנשטאָט איך זאָל זי נומערירן 1, 2, 3 און אזוי ווייטער, נומעריר איך די צייטונג מיט א,ב,ג... איך האָב אים דאָס דערקלערט, אז מיט מיין ארבעט ברענג איך נישט קיין שאָדן דער רעגירונג. סע האָט אָבער נישט געהאָלפן.

ער האָט מיר געזאָגט, אַז די פֿאָרמאַליטעטן זענען פֿאַרפֿלאָנטערטע און סע דאַרף געדויערן. אַזוי האָט ער „בשתיקה" מסכּים געווען מיט דעם אופֿן דערשיינען, וואָס איך, צי אַנדערע, פּראַקטיצירן.

מע דאַרף פֿאַרשטיין, אַז דעמאָלט איז אין לאַנד געווען אַזאַ איבערגאַנג-פּעריאָדע, וואָס מע האָט נישט געקאָנט קלאָרער מאַכן אַזעלכע ענינים. האָט עס יעדער אַזוי געטאָן, ווי אַזוי עס איז אים בעסער אויסגעקומען.

מייַנסטנס האָבן עס אויסגענוצט די אָרגאַניזאַציעס פֿון טראַנסילוואַניע אין דער אונגערישער און אויך אין דער יידישער שפּראַך.

לויט דער ריי, זענען דעמאָלט דערשינען פֿאָלגנדיקע פּובליקאַציעס:

194

אונדזער לעבן

בולעטין אַרויסגעגעבן דורכן יידישן דעמאָקראַטישן קאָמיטעט פֿון סיגעט און מאַראַמורעש. נומער 1, אַפּריל 1947.

פֿאָרמאַט: 22/30 צמ, 4 זייטן.

אין לייטאַרטיקל פֿון ד"ר א. גוטמאַן, פּרעזידענט פֿון יידישן דעמאָקראַטישן קאָמיטעט און פֿון דער קולטוס-געמיינדע סיגעט, אונטערן טיטל „וועגן אחדות" ווערט געזאָגט:

„דער צוועק פֿון מייַן שרייַבן דאָ, אין דעם ערשטן בולעטין פֿונעם יידישן דעמאָקראַטישן קאָמיטעט, איז נישט וועגן עפּעס אַ צייַטונג-שרייַבערישע אַמביציע, אָדער גאָר פּשוט אַ פֿאָרמעלער: צו באַגריסן די חשובע לעזער, ווי אַזוי עס איז אַ מנהג ביי אַזאַ געלעגנהייט.

איך וויל פֿיל מער, אַ פּאָר ערנסטע ווערטער צום יידישן עולם פֿון מאַראַמורעש אַדרעסירן.

ווער סע געדענקט נאָך די צייַט פֿון סוף יאָר 1944, דער ווייסט אין וואָס פֿאַר אַ זעלישע, פֿיזישע און מאַטעריעלע לאַגע דאָס ביסל צוריקגעקומענע יידנטום האָט זיך געפֿונען.

פֿון דעם זעלישן צושטאַנד, וויל איך אַצינד נישט רעדן. אונדזער דור קען סייַ־ווי־סיי נישט אויסגעהיילט ווערן פֿון די וואונדן. פֿיזיש און מאַטעריעל האָבן מיר זיך מער ווייניקער געשטאַרקט, דאַרפֿן מיר אַצינד פּרובירן צו פֿאַרגעסן אַפֿילו דאָס אומפֿאַרגעסלעכע: די טיפֿע טרויער, וואָס אַ יעדער איינער טראָגט אין האַרץ.

אָבער, אויב מיר קענען זיך נישט געזעגענען מיט דעם וואָס עס איז געשען, איינס שטייט נאָך היינט אַלץ פעסטער כּאָזיטיוואוס אלעמען ביי: דאָס יידישע פאָלק לעבט!

עס קעמפט, לעבט שווער, אָבער דאָך לעבט עס!...

...דאָס פּלאַץ איז דאָ ענג, מיר קענען נישט אויסשורען די פּראָ-בלעמען, מיט וועלכע מיר האָבן זיך צו באַקעמפן. צו דער לעזונג פון זיי איז איינס פון דער גרעסטער וויכטיקייט: דער אחדות".

אין אַן אויפרוף פון ד"ר א. מאַרקוס, אונטערן טיטל „צו אונד-זערע שוועסטער און ברידער", ווערט געזאָגט צווישן אַנדערן:

„פלעגט מיט טריישאַפט אונדזער גלויבן און די טראַדיציעס פון אונדזער פאָלק. באַקענט אייך מיט אונדזערע קולטור־אוצרות און פאַרבריי-טערט זיי צווישן אונדזערע מאַסן. שאַלטעט אייך איין אין ווירטשאַפטלעכן קאַמף פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע, פאַר אונדזער ערנסט דעמאָקראַטישער מלוכה. שטיצט אונדזערע מאַסן, וואָס קעמפן פאַר א יידישע נאַציאָנאַלע היים"...

אַן אַנדער אַרטיקל איז געחתמעט פון קלמן כהנא, לייטונגסמיטגליד פון יידישן דעמאָקראַטישן קאָמיטעט, אונטערן טיטל „ווער איז שולדיק".

אַן אַרטיקל „צוויי יאָר", וואָס איז א מין דין-וחשבון, איז געחתמעט פון י. ל. ברוקשטיין, גענעראַל-סעקרעטאַר פון יידישן דעמאָקראַטישן קאָמיטעט.

צום סוף וועל איך ציטירן עטלעכע סטאַטיסטישע דאַטן, וואָס זאָגן פיל:

„פון די 45.000 מאַראַמורעשער יידן — פאַרשלעפּט אין יאָר 1944, צו צוואַנגאַרבעט און דעפּאָרטאַציע, זענען 7.800 ניצול געוואָרן מיטן לעבן. דערפון 7000 צוריק געקומען קיין סיגעט און אין די דערפער. פון זיי זענען אַן ערך געבליבן דאָ, 5000"...

דער נומער 3 פון דער דאָזיקער פּובליקאַציע איז דערשינען אין יוני 1947, אין א גרעסערן פאָרמאַט: 31/43 צמ, 4 זייטן, און האָט געהאַט ווי אַן אונטערטיטל: „אָרגאַן פונעם מאַראַמורעשער יידנטום, פאַר געזעל-שאַפטלעכע, פּאָליטישע און קולטור ענינים. רעדאַקטאָר: י.ל. ברוקשטיין.

בעת דער ערשטער און צווייטער נומער איז געווען רעדאַגירט פון י.ל. ברוקשטיין — איז דער דאָזיקער נומער שוין דערשינען מיט דער הילף פון בערל שנאבל. ער האָט טאַקע געשריבן דעם לייטאַרטיקל „פון דער שחיטה-שטאָט ביז עקידת אוישוויץ" געחתמעט אליהו סיגעטער.

איחוד
העפטן

אויסגעגעבן פון איחוד (פועלי־ציון צעירי־ציון) אין רומעניע

אינהאלט:

דער וועג פון אונדזער קאמף	. . .	מ. בערלינסאן
וועגן טעראר	. . .	א. י.
קאאפעראציע	. . .	יחזקאל האלפערן
א ראדיקאלע לעזונג	. . .	מ. הרפזי
וועלכער פון העטלה	. . .	ב. צ.
ח. ארלאזאראוו	. . .	ב. כצנעלי
אונדזערע אקטועלע פראגן	. . .	י. פעסלער
איחוד און ציוני ארגאניזאציע	. . .	ד"ר ס. לעווענשטיין
באמערקונגען	. . .	בניטן
ליטעראריש בלעטלעך:		
אליעזר	. . .	ס. יאסע
צוויי לידער	. . .	אליעזר
מיניאטורן	. . .	ג. שאפמאן

א

בוקארעסט
יוני 1947

בינעטין

פון דער פאַריינפראַקציע „צעירי־ציון"
צירקולאר פונם איחוד אין רומעניע

Bucuresti, str. Mircea Vodă ... Tel. ...

נומער 1 — 1947

צו דער יידישער ארבעטנדיקער באפעלקערונג

וואָס דאַרף זיין אויף דער וועלט

וואָס לעבן דער בארבאר אין דער באַפרייטער פאָלקס־רעפובליק

וואָס לעבן דער ... ארבעטער־ראַט

די צווייטע זייט איז א ליטעראַרישע: א ליד „חורבן מאַראַמורעש" (פונעם בוך לידער אין כתב-יד מ.ט. „יהוה" וואָס וועט דערשיינען בקרוב) פון בערל שנאבל; א פראַגמענט „מאַראַמורעש" פון וו. טאַמבור (פונעם בוך „פרילינג אָן זון", וואָס דריקט זיך); יחזקאל רינג איז פאַרטרעטן מיטן פראַגמענט „אויפן הימל א יריד", פונעם בוך מיטן דאָזיקן נאָמען, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1940 אין סיגעט; יוסף לייב ברוקשטיין: „מיין גרעסטע בושה..." (פון די חדר-דערציילונגען); אַן אַרטיקל פון ד"ר א. מאַרקוס „די געזונטהייטס-לאַגע פונעם מאַראַמורעשער יידנטום"; „פון חודש צו חודש" איז מיט פאַרשידענערליי ידיעות. אין צענטער פון דער לעצטער זייט איז א מודעה וועגן „די יידישע שרייבער-גרופּע פון מאַראַמורעש".

הגם סע זענען דערשינען בסך הכל נאָר 4 נומערן, דאָך האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט מער אויף אָט דער פּובליקאַציע, ווייל עס איז א קאַפּיטל נאָך־אוישוויץ כראָניק, וואָס איז באַלערנדיק פאַר א חרוב געוואָרענעם יידישן ישוב.

די נומערן האָב איך געפונען אין דער אַקאַדעמיע און אין דער פעדעראַציע.

195

איחוד־העפטן

ארויסגעגעבן פון „איחוד (פועלי-ציון צעירי-ציון) אין רומעניע „א", בוקארעשט, יוני 1947 („ב" איז דערשינען אין יולי 1947...).

פאָרמאַט: 15/21 צמ, 32 זייטן מיט א הילע.

איך וועל ציטירן פון ד"ר ט. לעווענשטיינס אַרטיקל:

„...די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין רומעניע, וועלכע איז פאַר דער מלחמה תמיד געווען אַנטיציוניסטיש, האָט היינט אָנגענומען א שטעלונג לטובת א יידישער מדינה. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון רומעניע האָט זיך אָפן ארויסגעזאָגט דורך איר גענעראַל-סעקרעטאַר פאַר א פרייער עמיגראַציע פון יידן קיין א"י.

סע דאַרף נישט נאָך א מאָל אונטערגעשטראָכן ווערן דער שטאַנד-פּונקט פונעם דעמאָקראַטישן רעזשים דאָ אין לאַנד לטובת אונדזער אר-

בעט. קיין מאָל האָבן מיר נישט געהאַט אַזאַ פּאָלקאָמע פרייהייט אין אונדזער אַרבעט, ווי היינט צו טאָג".

סע האָבן געחתמעט אין דאָזיקן נומער: מ. ביילינסאָן, יחיאל האַל-פּערן; יצחק עסעלסאָן, מיכאל הרפזי, צמח מענגואַלי, מרדכי יפה, אלישבע.

דער נומער געפינט זיך אין דער פעדעראַציע.

196
מולדת

כסלו — דעצעמבער 1947, אַראַד. דריי שפּראַכיק: אונגעריש, העברעאיש און יידיש.

דער אונטערטיטל איז אין העברעאיש: הוצאת המרכז של הפועל המזרחי בטרנסילבניה, אראד (רומניה).

פאָרמאַט: 21/29 צמ, 4 זייטן יידיש און 16 אונגעריש, מיט אַ הילע

אין העברעאיש איז דער אַרטיקל: נצחונו של עם ישראל, פון א. י. פאַאַק. אויף יידיש זענען די אַרטיקלען: ווידערגעבורט פון דער יידי-שער מלוכה; נאָך דער פּראָקלאַמאַציע פון דער יידישער מלוכה: ביי-יהו-דה!; ליקוטים אויף חנוכה, פון יצחק א. פויגל.

אין דער פעדעראַציע האָב איך געפונען עטלעכע נומערן, פון אַפּריל, אויגוסט און סעפּטעמבער 1947, אָבער איך האָב געגעבן די בכו-רה פאַרן פאַרצייכנטן נומער, ווייל ער איז מער כאַראַקטעריסטיש.

דאַכט זיך, אַז די אונגערישע רעדאַקציע איז געמאַכט געוואָרן פון מרדכי רעסל און דוד דוב; די יידישע פון קלמן לעווענקאָפּ (אַגב, קלמן לעווענקאָפּ האָט אויך פאַרעפנטלעכט אין דער אונגערישער איבערזעצונג אַ פראַגמענט פון מיינער אַ דערציילונג, אין דאָזיקן מולדת — אָן דעם, אַז ער זאָל מיך געוועון קענען!).

197
ביולטין

פון דער סאָציאַליסטיש-ציוניסטישער פּאַרטיי „פועלי-ציון" אין רומעניע

נומער 1, 1טער מאַי 1947, בוקאַרעשט.

פאָרמאַט: 21/29 צמ, 8 זייטן.

אין נומער האָבן זיך געדרוקט פאָלגנדיקע ארטיקלען: צו דער יידי־שער ארבעטנדיקער באַפעלקערונג; ווידער פאראיייניקט; דער ציוניזם כארן אינטערנאציאָנאלן עקזאמען; צום 4טן יאָרצייט פון ווארשעווער געטאָ־אויפשטאנד; דריי צוואות, א קאַפיטל פונעם רינגלבלום־ ארכיוו; יידן, וואו זיי זענען, זאָלן זיי זיין; פון אונזער באוועגונג אין פוילן; ארץ ישראל אין איר קאַמף.

סע האָבן געחתמעט: חיים קראפט, ד"ר אַברים אייזיקאָוויטש, י. קלאָוויר.

198

אונדזער אויפלעבן

אָרגאַן פון הסתדרות הציונות הרביזיוניסטית
רעדאקטאָר: דוד גוטערמאן; טיפּאָגראַפיא יוסף מערמעלשטיין בראשאָוו
ערשטער יאָהרגאנג, נומער 1, 29 אויגוסט 1947.

פאָרמאט: 25/37 צמ, 4 זייטן, 3 קאָלומנעס.

אין לייטארטיקל, וואָס איז באטיטלט: „עורו ישנים מתרדמתכם הקיצו!" ווערט געזאָגט: „שטייט אויף איהר איינגעשלאָפענע פון אייער גלות־שלאָף! דערוועקט אייך צום נאציאָנאלען בעוויסטזיין, דאָס איז פּינם שופר דאָס בלאָזען חודש אלול!

פארן נייעם יאָר מוז יעדער יוד אליין זיך מאכען דעם „חשבון הנפש"...

דער ארטיקל איז געחתמעט: דוד בן יצחק. דאָס הייסט, אז מסתמא דער רעדאקטאָר. ווער זשע איז דער רעדאקטאָר? לייענט מען א ביסל ווייטער, געפינט מען, ווי ער שטעלט זיך אזוי פאר: „חשובע שוועסטער אין ברודער? חברים, חברות!

„איך קום מיט אייך א ביסל דורך שמועסן, און פון הארצען מיר אָברע־דען: אליין בין איך אויס ווארשא די פאָריגע מלחמה האָט מיך נאָך וויען פערטראָגען. דאָרט געלעבט 7 יאָהר, אין אנדערע אעראָפּעאישע לענדער צו קורצערע צייטען געלעבט. מיין גורל איז אָבער געווען לחיים האָט מיך דער ליבער גאָט מיט אכצעהן יאָהר צוריק נאָך בראשאָוו געשיקט. אין אדאנק דער רומענישער מאכט, פאר דער טאָלעראנץ געגען מיר, איז

דאנק דער גאנצער בעפעלקערונג פון בראשאוו, לעבע איך דא צופרידן, אבער איינע זאך האט מיך שטענדיג געשמערצט, און איך האב וועגן דעם אינערלעך געליטן דאס איך בין אפגעריסן פון יודישן וואָרט, פון דער יודישער ליטעראטור, איך האב מיך געפילט ווי א געבינדענער לייב!...״

וואלט נישט געווען דאס יאר 1947, וואלט איך נישט איבערגעגעבן זיין ארטאגראפיע און פונקטואציע... אבער, איך מיין, אז דער זעצער האט נישט געהאט גענוג אותיות, ווי לאנגע נונען, אנדערש וואלט ער נישט געשריבן ביים סוף פון די ווערטער מיט קרומע נונען...

דא, אין דאזיקן נומער איז נאך דא א ידיעה, וועגן דיכטער יעקב גראפער, אז ער איז געווארן אויסגעצייכנט מיטן מעדאל „מעריטול קולטוראל קלאסא 1“.

דער צווייטער נומער פון דער דאזיקער צייטונג איז דערשינען דעם 23סטן סעפטעמבער 1947, ערב יום-כפור, מיט א גרעסערן פארמאט: 29/40 צמ, 4 זייטן יידיש און אויך א רומענישע ביילאגע פון 2 זייטן, אונטערן העברעאישן טיטל „התחיה“.

די נומערן האב איך געפונען אין דער פעדעראציע.

* * *

זאל דא געזאגט ווערן, אז אין יאר 1948 זענען זיך די דערמאנטע פובליקאציעס „צעכאלן“. ראשית צוליב דעם, וואס זייערע רעדאקטארן זענען טייל עולה געווען קיין ארץ ישראל און, שנית, צוליב דער אינטענסיווער טעטיקייט פון יידישן דעמאקראטישן קאמיטעט.

מיך האט מען צוריקגערופן אין אקטיוון מיליטער-דינסט, מיטן ראנג פון קאפיטאן. ווען איך פלעג קומען צום איקוף (וואקארעשט-גאס, בוקארעשט) שוין אנגעטאן ווידער מיליטעריש, פלעג איך זיך העזהדיק אוועקזעצן אין א פאטעל און מאכן הויך אויף א קול (סע זאלן מיך הערן אלע, בפרט דער גענעראל-סעקרעטאר פון איקוף י. דובאוויס און דער פרעזידענט משה לאקס) א ברכה: ברוך אתה... שעשני גוי“. און פלעג עס אליין פארטייטשן אויף יידיש: געלויבט איז דער, וואס איך האב נישט קיין געוואשענע הענט, וועלכער האט מיך איצט געמאכט פאר א גוי, אן אפיציר — און איך דארף נישט „מיטטאנצן“ מיט אייך!...

דערמיט וויל איך זיך נישט ריינוואשן ווי פאנטיוס פילאטוס, נאר איך בין אויך היינט גליקלעך, וואס דעמאלט בין איך געווען א „גוישער“

פאָליטרוק, צווישן דער זיך שאַפנדיקער דעמאָקראַטישער רומענישער פאָלקס־אַרמיי און נישט געדאַרפט זיין „טעטיק אויף דער יידישער גאַס"... יאָ, אויך היינט זאָג איך אַן „אָמן" אויף מיין דעמאָלטדיקער ברכה.

געבליבן זענען די איקוף־בלעטער, ווי אַ ביילאַגע צו דער „אוניריאַ" און סע זענען אַיפגעקומען נייע פּובליקאַציעס, וואָס האָבן געשפּייזט די קולטור־היימען, וואָס זענען דעמאָלט געווען טעטיק פאַר אַלע מיטלעבנדיקע נאַציאָנאַליטעטן און — אויך אין יידיש.

199

קולטור־בלעטער

פאַר די שטודיען־קרייזן און פאָלקס־אַטענעען ביים יידישן דעמאָקראַטישן קאָמיטעט.
העפט נומער 1, 1948. בוקאַרעשט

פאָרמאַט: 21/30 צמ, 16 זייטן יידיש און 10 זייטן יידיש מיט לאַטיינישע אותיות — און 17 זייטן רומעניש.

דער נומער האָט זיך אָנגעהויבן מיטן „אינטערנאַציאָנאַל". סע זענען געווען לידער מיט נאָטן, מיינסטנס פון סאָוועטישע מחברים און אויך היימישע.

לויטן פּרינציפּ, וואָס איך האָב אויבן דערקלערט, וועל איך אויך איצט נישט דערמאָנען, ווער סע האָט געחתמעט.

די נומערן זענען פאַראַן אין דער אַקאַדעמיע און אויך אין דער פעדעראַציע.

200

קולטור בלעטלעך

בוקאַרעשט, מאַרט 1948:
יידישער דעמאָקראַטישער קאָמיטעט, בוקאַרעשטער סעקציע, קולטור אָפּטיילונג.

פאָרמאַט: 11/16 צמ, 26 זייטן יידיש און 22 זייטן רומעניש מיט אַ הילע.

דער נומער הייבט זיך אָן מיט אַ באַלאַדע פון איציק פעפער... און אַזוי ווייטער.

די נומערן זענען אין דער פעדעראַציע.




COMITETUL DEMOCRAT EVREESC
SECŢIUNEA CAPITALEI
קולטור בלעטלעך
FOI CULTURALE
בוקארעשט, מארט 1948
Bucureşti, Martie 1948

201

ביולעטינ פונ די פּאָלקס-אטעגעענ פון בוקארעשט

ערשטער יאָרגאנג, נומער 1-2, מיי-יוני 1949.

פאָרמאט: 21/29 צמ, 2 קאָלומנעס, 20 זייטן יידיש, 26 זייטן לא-טײנישע אותיות.

אין דער הקדמה ווערט געזאָגט:

„די וואקסנדיקע אקטיוויטעט פון די פאָלקס-אטעגעענ פון דער הויפטשטאָט, די וואקסנדיקע צאָל פון די טעאטער-גרופּנ, ווי א.יב פונ די כאָר-פאָרמאציעס, האָבנ געשאפנ די נויטווענדיקייט פ.נ א ביולעטינ מיט קולטורעלנ און קינסטלערישנ מאטעריאל.

דער ביולעטינ וואָס ווערט געשטעלט אומזיסט צו דער פארפיגונג פון די קינסטלערישע גרופּנ, וועט זיי באהילפיק זיין אין זייער אקטיווי-טעט און וועט אויסמיידנ די זאָרג פונ מולטיפליקאציע פונעמ מאטעריאל, וואָס איז זייער שווער אָנגעקומענ..."

איך מיין, אז איך דארף נישט ציטירן ווייטער — אלץ איז קלאָר ווי די נאכט...

דער נומער 3-4 איז דערשינען אין יולי-אויגוסט 1949; 5-6, אין סעפטעמבער-אָקטאָבער און 7-8, אין נאָוועמבער-דעצעמבער 1949.

202

דער קולטור וועג-ווייזער

פאר די קולטור-היימענ

האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין יאָר 1948. איך וועל פארצייכענען דעם נומער 3-4 פון מערץ-אפריל 1952, 4טער יאָרגאנג.

פאָרמאט: 23/31 צמ, 36 זייטן יידיש און 28 זייטן געמישט: יידיש אין לאטײנישער טראנסקריפּציע און רומעניש, אין א הילע.

אין דער דאָזיקער פּובליקאציע האָבן מיטגעארבעט אלע, אָן אויס-נאם, וואָס האָבן געקאָנט שרייבן א ביסל יידיש — אויך איך האָב דאָרט פארעפנטלעכט עטלעכע סקיצן...


ביולעטין
פאר די
פאָלקס־אטענעען
7-8

דער
קולטור וועגווייזער
פאר די קולטור־טוער

ערב־תאָוו...

ביים סאַמע אָנהייב האָב איך צוגעזאָגט, אַז איך וועל ווייניקער „קאָמענטירן" און מערער באַווייזן דאָקומענטן, אויב איך וועל אַזעלכע געפינען. יענע עובדה פון „קאָמענטירן" לאָז איך פאַר אַנדערע, מערער פאַרשטענדיקע, וואָס זענען פון פאַך — נישט קיין אַמאַטאָרן ווי איך...

איז וועל איך מיר דערלויבן צו ברענגען אַ דאָקומענט פון יענער צייט, וואָס האָט געזאָלט מאַכן „אָרדענונג" אין דעם „אָרטאָגראַפישן כאַאָס" וואָס האָט געהערשט דעמאָלט אין דער פרעסע פון בוקאַרעשט:

„באַריכט בנוגע דעם יידישן אויסלייג.

נעמענדיק אין באַטראַכט אַז די יידן פון רומעניע האָבן נישט — חוץ דעם טעאַטער — קיין קולטור-טראַדיציע און דאָס יידיש-לשון לעבט נאָר אין מויל פון די מאַסן, קען אויך נישט גערעדט ווערן וועגן קיין טראַדיציע פון אויסלייג. אַזוי אַז ס'איז נישט געווען קיין נפקא-מינה, צי מען שרייבט אַזוי, צי אַנדערש.

אָבער פונעם 23סטן אויגוסט 1944, ווען דאָס יידישע געשריבענע וואָרט האָט באַקומען אַ תיקון, שטעלט זיך יאָ אַוועק, און אַפילו זייער שאַרף, די פראַגע פון אויסלייג. היינט, ווען מיר פייערן צום 7טן מאָל דעם היסטאָרישן טאָג פון פּאָליטישער און קולטורעלער באַפרייאונג, און סיי די פּאַרטיי, סיי די מלוכה געבן אונדז די ברייטסטע מעגלעכקייטן פון גייסטיקער אַנטוויקלונג, — געפינען מיר זיך נאָך אַלץ אין אַ אָרטאָגראַפישן כאַאָס. עס הערשן ביי אונדז צוויי־ערליי אָרטאָגראַפיעס און דאָס קאָמישע איז, וואָס ביידע אָרטאָגראַפיעס צירקולירן אין דער זעלבער צייט, פּאַראַלעל, אין איין און דער זעלבער אינסטיטוציע. אַזוי,

למשל, וועט איר לייענען לאָזונגען אויף די ווענט פֿונעם „איקוף" און אַרטיקלען אויף זיין וואַנט-צייטונג, געשריבענע: סיי מיט דער אַלטער אָרטאָגראַפֿיע, סיי מיט דער סאָוועטישער; דאָס זעלבע איז מיט די „אַי-קוף-בלעטער". די צייטונג איז געשריבן מיט דער אַלטער אָרטאָגראַפֿיע און די חודשלעכע קינדער ביילאַגע מיט דער סאָוועטישער. די שילער פֿון דער פּעדאַגאָגישער שול און פֿון דער עלעמענטאַר-שול — לייענער פֿון דער דאָזיקער צייטונג — פֿרעגן זיך, מיט רעכט: פֿאַר וואָס די דאָ-זיקע דואַליטעט?!; דער זשורנאַל „קולטור וועג-ווייזער" דרוקט זיך מיט סאָוועטישער אָרטאָגראַפֿיע; דער מלוכה-פֿאַרלאַג לאָזט אַרויס שול-ביכער מיט סאָוועטישער אָרטאָגראַפֿיע און ליטעראַרישע ווערק מיט אַלטער אָר-טאָגראַפֿיע.

די פֿראַגע פֿון פֿאַראיינהייטלעכן די יידישע אָרטאָגראַפֿיע מוז איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל געלייזט ווערן.

איך שלאָג פֿאָר: אָנצונעמען די סאָוועטישע. שוין דער פֿאַקט אַליין, וואָס מען האָט אין די שולן אַדאָפּטירט דעם סאָוועטישן אויסלייג, באַרעכטיקט דעם פֿאָרשלאַג. חוץ דעם, איז פֿונעם פּראַקטישן שטאַנדפּונקט בעסער דער אויסלייג, דערפֿאַר: וואָס ער איז אַבסאָלוט פֿאָ-נעטיש און דעריבער צוגענגלעכער, אַז מען נעמט אין באַטראַכט נאָר אַפֿילו דעם איין און איינציקן פֿאַקט: אַז די גרעסטע שטערונג אין דעם אַלטן אויסלייג זענען די העברעאישע ווערטער, וועלכע פֿאַרשווערן חוץ דעם לייענער, אויך דעם גרעסטן טייל פֿון אונדזערע שרייבער, זעצער און דאַקטילאָגראַפֿעס. אַזוי אַז מען קען זאָגן, אַז דער אַלטער אויסלייג האָט אין זיך אייגנטלעך צוויי אָרטאָגראַפֿיעס: אַ יידישע און אַ העברעאישע.

אַדאָפּטירנדיק דעם סאָוועטישן אויסלייג, ליקווידירט מען: סיי מיט איבעריקע אותיות פֿונעם אלף־בית, סיי מיטן העברעאישן אויסלייג פֿון די העברעאישע ווערטער".

עס איז איצט נישט וויכטיק, ווער סע האָט געחתמעט אָט דעם דאָ-זיקן דאָקומענט, ווייל ער איז דאָך נישט קיין פּראָדוקט פֿון אַ יחיד, הגם אַ יחיד האָט אים אָנגעשריבן — איז ער דאָך געווען אַן אויסדרוק פֿון אַ קאָלעקטיוו...

עס איז נאָר וויכטיק צו זאָגן, אַז דער דאָקומענט איז אָנגעשריבן געוואָרן דעם 25סטן יולי 1951.

די מסקנה פֿונעם „באריכט“ איז דער, אַז מע דאַרף עפּעס טאָן כּדי צו „ליקווידירן סײַ מיט די איבעריקע אותיות פֿונעם אלף-בית“...

נו, איז מען טאַקע דערגאַנגען כּמעט צו דער ליקווידאַציע.

דאָס איז שוין טאַקע דער סאַמע ערב-תּשעה-באָבֿ.

ביז היינט...

„בימים ההם אין מלך בישראל, איש הישר בעיניו יעשה" (שופטים כא כה). פארטייטשט דעם פסוק יהואש: אין יענע טעג איז קיין מלך נישט געווען אין ישראל; איטלעכער האָט געטאָן וואָס איז רעכט אין זיינע אויגן...

אָט דעם פסוק האָב איך זיך דערמאנט, ווען איך בין דערגאַנגען צו דער פעריאָדע פונעם זעקסטן צענדליק פון אונדזער צוואנציקסטן יאָרהונדערט. דאָס הייסט אויך, אז איך בין דערגאנגען צו דער „תּאָהו" פון מיין ארבעט וועגן דער יידיש-פּרעסע אין רומעניע. אמת, איך וועל זיך דערלויבן א ביסל צו פאראפראזירן דעם פסוק, כדי מע זאָל אים פארשטיין, אקעגן וואָס עס איז צו רייד געקומען. וועט ער דאָס מאָל קלינגען אזוי: אין יענע טעג איז נישט דערשינען אין רומעניע קיין שום פּובליקאציע אין יידיש, צי אין אן אנדערן לשון פאר יידן, נישט אין יידיש, און נישט אין רומעניש — און יעדער פון אונדז, שרייבער צי פּובליציסט, האָט געקאָנט „שווייגן" ווי אזוי עס איז רעכט געווען אין זיינע אויגן...

וועגן די סיבות, וואָס האָבן דערפירט דערצו, האָב איך איצט נישט וואָס צו זאָגן, אויך נישט וועגן די גורמים, וואָס האָבן אפשר געבראַכט דערצו.

איך באַגנוג זיך בלויז מיטן פארצייכענען די פאקטן... און א פאקט איז, אז אחוץ דער יידישער ראַדיאָ-עמיסיע, קודם אויף מיטלוועלן פארן היימישן צוהערער, דערנאָך בלויז אויף די קורצע כוואליעס, פאר אויסלאנד (רעדאַקטאָר און דיקטער ביי די יידיש-עמיסיעס זענען געווען שלום רובינגער און אמאליע קראַנענפעלד!), איז נישט דערשינען קיין שום יידישע פובליקאציע אין רומעניע.

איז לאָמיר פאַרצייכענען, אַז אין יענעם תוהו-ובוהודיקן ליידיקן חלל, האָט מען געדאַרפט אָנהייבן פון אַ נייעם בראשית, אפשר אויף אַנדערע יסודות — און אַזאַ „בראשית“ האָט זיך אָנגעהויבן מיט:

203

צייטשריפט

פונעם רעליגיעזן יידנטום פון דער רומענישער פאָלקס-רעפּובליק. ערשטער יאָרגאַנג, נומער 1, 19טער אָקטאָבער 1956 (יד מרחשון תשי"ז).

אַרויסגעגעבן פון דער פעדעראַציע פון די יידישע קהילות פון רומעניע.

פאָרמאַט: 32/47 צמ, 4 זייטן, 4 קאָלומנעס.

די דאָזיקע פּובליקאַציע דערשיינט אין 3 שפּראַכן: 2 זייטן רומעניש (אונטערן טיטל „רעוויסטאַ קולטולוי מאָזאַיק“), איין זייט יידיש און 1 זייט העברעאיש (אונטערן טיטל „כתב-עת“).

אין לייטאַרטיקל, געחתמעט פונעם גרינדער פון דער צייטונג, הרב הראשי ד"ר דוד משה ראָזען, אונטערן טיטל „די ערשטע טריט“ ווערט געזאָגט צווישן אַנדערן:

„אין דעם מאָמענט פון בראשית, צו דעם ערשטן דערשיינען פון אונדזער צייטשריפט זענען די דאָזיקע שורות באַרופן אָנצוצייכענען פאַר אונדזערע לייענער דעם צוועק פון דער דאָזיקער פּובליקאַציע און דעם ציל, וועלכן מיר נעמען זיך פיר. ביידע וועלן מיר געפינען אָפּגעשפּיגלט אין דער סדרה פון וואָך, אין דער פרשה וועלכע שילדערט מיט אַזוי פיל מייסטערשאַפט די געשטאַלט פון דעם ערשטן פון אונדזערע אבות: אברהם אבינו...“

דער אַרטיקל ענדיקט זיך:

...פרעדיקן די דאָזיקע אידעאַלן, וועלכע ס'האָט פאַרגעשטעלט דער „אשל“ אברהם, פון ערלעכער אַרבעט און אומענדליכן גלויבן אין גאָט, אָט דאָס איז דער ציל פון אונדזער צייטשריפט, אָט דאָס איז אונדזער פּראָגראַם, בעת מיר מאַכן די ערשטע טריט אויף דעם וועג, אויף וועלכן מיר האָבן זיך אַ לאָז געטון. זאָל דער וועג זיין געבענטשט“.

REVISTA CULTULUI MOZAIC

DIN

R.P.R.

LA ÎNCEPUT DE DRUM

LUNA MARII PRIETENII

כתב-עת

של היהדות הדתית

ברפובליקה העממית הרומנית

בראשית דרכנו

שונות

צייט-שריפט

פונעם רעליגיעזן ייִדנטום

פון דער רומענישער פאָלקס-רעפובליק

פונעם מעסאַזש צום נייעם יאָר תשי"ז

פונעם רבי-הכולל ד"ר משה רוזן

די ערשטע טריט

די קומענדיקע 2 נומערן זענען געווען טאָפּלט-נומערן: 3-2 איז דערשינען דעם 15טן יאנואר 1957 און נומער 5-4 איז דערשינען דעם 1טן פעברואר 1957.

דאָס מאָל איז שוין אָנגעגעבן אונטערן טיטל, אז די צייטשריפט דערשיינט צוויי מאָל אין חודש.

די נומערן האָבן געהאַט צו 8 זייטן (5 רומעניש, 3 יידיש און 1 העברעאיש). אָנהייבנדיק פונעם נומער 115, פון אפריל 1965, דערשיינט די צייטשריפט אין 12 זייטן (8 רומעניש, 3 יידיש און 1 העברעאיש), אָבער נאָר איין מאָל אין חודש.

זינט 1טן יוני 1965 דערשיינט די צייטשריפט רעגלמעסיק, צוויי מאָל אין חודש, צו 12 זייטן (8 רומעניש, 3 יידיש און 1 זייט העברעאיש).

במשך פון דער צייט האָבן רעדאַגירט די יידישע זייטן: אַלכסנדר שפּיגלבלאַט, חיים זיידמאַן (און נאָך זייער עולה זיין קיין ישראל), ישראל בערקאָוויטש — און זינט יאָר 1972 האָט וואָלף טאַמבור איבערגענומען די יידיש-רעדאַקציע.

אין די 21 יאָר, זינט סע דערשיינט די צייטשריפט האָבן מיטגעאַרבעט אַלע היגע זשורנאַליסטן צי שרייבער, וואָס האָבן געשריבן יידיש.

ווער פריער און ווער שפּעטער האָט מיטגעאַרבעט מיט דער פּובליקאַציע, הגם זי איז דער אָרגאַן פון דער פעדעראַציע פון די יידישע קהילות, האָט זי אָבער געגעבן פּלאַץ אויך פאַר וועלטלעכער יידישער ליטעראַטור. אחוץ וואָס מע האָט איבערגעדרוקט פון די יידישע קלאַסיקער, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, האָבן דאָ פאַרעפנטלעכט סיי די שרייבערישע כוחות פון רומעניע, סיי פון אויסלאַנד, אריינגערעכנט נישט ווייניק פון ראַטנפאַרבאַנד — סיי זיי האָבן געחתמעט מיט זייערע נעמען סיי זיי האָבן געחתמעט אונטער א פסעוודאָנים.

איך גופא, האָב אויך קודם פאַרעפנטלעכט אונטער א פסעוודאָנים, מיט דער צייט האָב איך מיר „אַראָפּגערוקט דעם הוט איבער די אויגן", ווי מע פלעג אין מאַרמאַראָש זאָגן א ווערטל, און פאַרעפנטלעכט אויך מיט מיין געחתמעטן נאָמען.

איבערנעמענדיק די רעדאַקציע, האָב איך צו ערשט געענדערט דעם נאָמען. „צייט-שריפט" איז געוואָרן „צייטשריפט"... דערנאָך האָב איך פאַרעפנטלעכט קאַפּיטלעך פון מיין בוך „מאַראַמאַראָשאַנער", וואָס איז שפּעטער, אין יאָר 1975, דערשינען אין מלוכה-פאַרלאַג „קריטעריאָן".

זאל בדרך אגב געזאָגט ווערן, אז אזוי האָט זיך געשאַפן ארום דער צייטשריפט א קרייז פון יידיש-קולטור-טוער. אחוץ דעם בוקארעשטער יידישן מלוכה־טעאטער. א קרייז, וואָס איז געוואָרן אויך א קאָלעגיע פון מלוכה-פארלאג „קריטעריאָן" פון איזאָ שאפיראָ, שלום רובינגער, חיים גאָלדענשטיין און וואָלף טאמבור.

די „צייטשריפט", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פונעם פרעזידענט פון די יידישע קהילות פון רומעניע, הרב הראשי ד"ר דוד משה ראָזען, און איז שוין אין דריטן יאָרצענדליק איר שטענדיקער אָנפירער — האָט באקומען דעם אזוי סימפאטישן צונאָמען: „ראָזען-בלאט".

פאקטיש איז זי א „קייט-שריפט", א המשך פון העכער א האלבן יאָרטויזנט יידיש קהילה-לעבן אין רומעניע.

אין דער צייטשריפט האָבן פארעפנטלעכט די בעסטע יידישע רו-מענישע שרייבער (בפרט אין די רומענישע זייטן, רעדאגירט פון וו. רוסו) פראָזע, פאָעזיע און עסייען אויף פארשידענע יהדות-טעמעס. סע זענען געווען א טייל וואָס האָבן פארעפנטלעכט איןביידע לשונות, אין דער ערשטער ריי וועל איך דערמאנען י. קארא.

היינט צו טאָג איז די פובליקאציע אָפגעשאצט סיי אין לאנד, ביי די היגע לייענער, יידן ווי נישט-יידן, סיי אין אויסלאנד.

אין קאָמפלעקס פון דער אינטערנאציאנאלער כלל-פאָליטיק פון סאָ-ציאַליסטישן רומעניע, ווי אויך דער קאָנסעקווענטער אינטערנאציאָנאליס-טישער פאָליטיק בנוגע די מיטלעבנדיקע נאציאָנאליטעטן אין לאנד, איז אויך די דאָזיקע פובליקאציע אן עדותשאפט מיט איר ספעציפישער שטע-לונג לגבי דעם יידישן פאָלק, לגבי ישראל. די דאָזיקע צייטשריפט איז אן אויסנאם אין אייראָפע, מיט איר העבערעאישער זייט, און אויסנאם פון מזרח-אייראָפע מיט אירע דריי יידישע זייטן און אויך מיט דער יהדות-טעמאטיק אין די 8 רומענישע זייטן.

דאָס אָנערקענען פון א סאָציאליסטישער מדינה, נישט בלויז צו דערמעגלעכן, נאָר אויך צו אונטערשטיצן, אז סע זאָל דערשיינען אזא מין פובליקאציע — איז א באווייז, אז רומעניע, היסטאָריש גערעדט, איז אן אויסנאם — בנוגע יידישע פובליקאציעס.

א פינטעלע פארן סוף פסוק...

ביים פארענדיקן דאָס בוך, נאָך דעם ווי איך האָב נומערירט די פּובליקאציעס, וואָס זענען דערשינען אין רומעניע, במשך פון העכער הונדערט פינף און צוואָנציק יאָר, שטעלט זיך נישט-ווילנדיק א שטיקל שאלה: געווען צייטן, ווען סע זענען דערשינען אין רומעניע אזוי פיל פּובליקאציעס און דיינט דערשיינט איין איינציקע?!

זענען פאראן צוויי גרויסע תירוצים, וואָס הגם זיי זענען באוואוסט, וויל איך זיי דערמאנען איצט, ביים סיום הספר.

ראשית זענען געווען פיל „פּרואוון", הן פון יחידים, וואָס האָבן פאַרמאָגט „אונטערנעמערישן" גייסט, הן פון פארשידענע יידישע אָרגאניזאציעס, וואָס יעדע איינע פון זיי האָט געהאלטן, אז זי דאַרף האָבן איר אייגענעם אָרגאַן. אז זיי האָבן נישט געהאט קיין יסוד, נישט קיין אידעאיש-זשורנאליסטישן און אוודאי נישט קיין מאַטעריעל-פינאנציעלן, דאָס האָט זיך באַלד ארויסגעוויזן, איין מאָל פריער און איין מאָל א ביסל שפּעטער. טאקע דערפאַר האָבן אזעלכע פּובליקאציעס נישט געהאט קיין קיום. א צייטונג, וואָס האָט יאָ געהאט א קיום אויף א לענגערע צייט, דאָס איז געווען אזעלכע, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעגרענעצט אויף אן ענגן לייענער-קרייז, און איז מבֿילא געשטיצט געוואָרן אויך פינאנציעל.

מע דאַרף אויך אונטערשטרייכן, אז נישט אלע מאָל האָבן די רעדאקטאָרן צי ארויסגעבער זיך גערעכנט מיטן לייענער, מיט זיין קולטור-ניוואָ, מיט זיינע אָנשויאונגען, מיט זיינע גייסטיקע באַדערפענישן, אויף וואָס דער לייענער וואַרט און דערוואַרט זיך צו לייענען אין „זיין" יידישער צייטונג, וואָס מע טראָגט אים אונטער.

מע וואָלט געקאָנט געבן פּיל ביישפּילן פון פּובליקאַציעס, וואָס זענען געווען גוט רעדאַגירט און דאָך זענען זיי דערשינען זייער א קורצע צייט — מחמת איין איינציקן חסרון; זיי זענען געווען אויף א צו הויכן ניוואָ... איך וויל דערמאָנען לדוגמא די „געציילטע ווערטער", וואָס סע האָט רעדאַגירט איציק מאַנגער אין יאָר 1926. אזא פּובליקאַציע האָט געקאָנט אינטערעסירן א זייער ענגן קרייז לייענער, פיינשמעקער, וואָס האָבן געהאַט א הויכן יידישן קולטור-ניוואָ און האָבן זיך אינטערעסירט מיט די ספּעציפישע, ריין ליטעראַרישע, קינסטלערישע פּראָבלעמען. אָבער פאַר א פּובליקאַציע, וואָס וויל געווינען לייענער, כדי צו קאָנען עקזיסטירן — איז עס געווען ווייניק.

איך וויל אָנווייזן, אז בכלל זענען אין אלע תקופות פאָרגעקומען איבעררייסונגען ביי אונדז אין לאַנד, וואָס האָבן געהאַט א השפּעה אויפן דערשיינען פון יידישע פּובליקאַציעס. יידישע קולטור-טוער און ממילא שרייבער, צי זשורנאַליסטן האָבן געוואָגלט כּון איין געגנט אין א צווייטער. למשל, ביז דער ערשטער וועלט-מלחמה זענען אין יאַס, די הויפּט-שטאָט פון דער מאָלדעווע, דערשינען בסך הכל 23 פּובליקאַציעס. ווייל דעמאָלט איז עס געווען א יידישער צענטער, וואָס האָט אויבערגעשטיגן אפילו בוקאַרעשט. אָבער נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען רומעניע האָט פאַראייניקט אויך אירע איבעריקע פּראָווינצן, איז יאַס כמעט פאַרשוואונדן פון דער פּרעסע-מאַפּע.

שוין אָפּגערעדט פון די קורץ-טערמיניקע אויסגאַבעס פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָס זענען געווען געוויינטלעך צייטווייליקע „קיקיון של יונה־אויסגאַבעס", וואָס האָבן אפילו נישט פּרעטענדירט ארויסצוגיין פון די דלת-אמות פון זייער שטעטל, וואו זיי זענען דערשינען. אזוי קאָן מען אָנווייזן אויף די דריי פּובליקאַציעס וואָס זענען דערשינען נאָך דער רײ אין סיגעט, הגם א בערך קליינער יידישער ישוב, דאָך זענען דערשינען אין די יאָרן 1946-1947 דריי וועכנטלעכע צייטונגען, צו עטלעכע נומערן יעדע איינע. קאָן מען דערפון עפּעס דרינגען? בלויז אונטערנעמערישקייט מצד דער דאָרטיקער קהילה-לייטונג — מער גאָרנישט.

שנית, דאַרף מען דערמאָנען — און דאָס איז דווקא די הויפּט־סיבה — אז דער יידישער ישוב בכלל פון רומעניע איז במשך די לעצטע צוואָנציק יאָר פאַרקלענערט געוואָרן אויף כמעט א צענטל, פון וויפל ער איז באַשטאַנען, אויך אפילו נאָך דער שואה.

מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס היינט, נאָך דער פיזישער און גייסטיקער שואה, נאָכן ד.יי-יאָריקן ערד-ציטערנש, דערשיינט נאָר איין פובליקאציע, די „צייטשריפט“.

דערפרייענדיק איז אָבער, וואָס זי דערשיינט רעגלעמעסיק שוין אין דריטן יאָרצענדליק, אין צען טויזנט עקזעמפלארן...

זאָל איבערגעחזרט ווערן, אז אין דער צייטשריפט האָבן פארעפנטלעכט כמעט אלע יידישע שרייבער און זשורנאליסטן, וואָס האָבן געלעבט במשך דער דאָזיקער צייט אין רומעניע.

אחוץ דעם בוקארעשטער יידישן מלוכה-טעאטער, דעם יידישן אָפּטייל פונעם מלוכה-פארלאג „קריטעריאָן“, איז די „צייטשריפט“ א יידישער קולטור-צענטער פון דער היינטיקער סאָציאליסטישער רומעניע.

אָפּרופן

אליעזר וויזל וועגן וואָלף טאמבור

ערגעץ וואו, אמאָל-אמאָל, אין די ווייטע ווייטענישן פון מיין קינדערישן זכרון, האָט אמאָל עקזיסטירט א צויבער-קיניגרייך מיטן נאָמען: מאראמאָרעש.

געווען איז עס א פּראָווינץ פול מיט שטעטלעך און דערפלעך, ארומגערינגלט מיט וועלדער און בערג, מיט טייכן גרעסערע און קלענערע. און געטובלט האָט זי זיך אין לעגענדעס שיינע, פארכאפּנדיקע און אימהדיקע.

זאָגט איר מאראמאָרעש, פארשלעפּט אייך אייער בליק קיין סיגעט, ביטשקעוו, סלאָטפּענע, סטרימטערע, דראגמערעשט, וישעווע. טרעפט איר דאָרט יידישע קהילות מיט זייערע בתי-מדרשים און חדרים: רביים און זייערע חסידים, מלמדים און זייערע קינדער, ישיבה-בחורים און זייערע חלומות, יידישע מיידלעך און זייערע חתנים, יידישע עלטערן און זייער דחקות.

סע דויערט א מינוט און איר דערזעט דעם טעות: מאראמאָרעש איז נישט מער וואָס ס'איז געווען. נישטאָ מער קיין יידישע ישובים דאָרט. נישטאָ מער קיין „יידישע גאס" אין סיגעט. נישטאָ מער קיין ישיבה אין בערבעשט. נישטאָ מער קיין יידיש לעבן, נישטאָ מער קיין יידישער ניגון אין מאראמאָרעש.

אויב איר ווילט פאָרט זיך אריבערכאפּן אהין־צו, עפנט דאָס בוך „מאראמאָרעשאנער", וואָס וואָלף טאמבור האָט פאָריקעס יאָר פארעפנטלעכט אין בוקארעשט.

ס'איז א בוך מיט געשטאלטן און דערציילונגען פון די חורבן־יאָרן. איז עס דורכגעווייקט מיט יסורים און נאָסטאלגיע, ווי עס זענען

ס'רוב ביכער וועגן דער זעלבער טעמע. צי קען עס דען אנדערש געמאָלט זיין? אָבער טאמבורס בוך איז פאָרט אן אויסנאַם.

מיר ווילן באַלד אייך אויפקלערן פאר וואָס. צו ערשט — עטלעכע ווערטער וועגן מחבר גופא.

כאָטש וואָלף טאמבור איז מיינער א בן-עיר, דאַרף מיר זיך קיין מאָל נישט באגעגנט. ווען כ'בין געגאנגען אין חדר, האָט ער שוין געלעבט אין טשערנאָוויץ. כ'געדענק: כ'פלעג הערן, אין פּאָליש פון דער תלמוד-תורה שול, אָדער ביים באָרשער רבינס טיש ביי שלש-סעודות, אז א סיגעטער יונגערמאן איז עולה-לגדולה געוועזן אלס שרייבער: זיינע דערציילונגען האָבן זיך געדרוקט אין פלעריי יידישע צייטשריפטן. פונדעסטוועגן — פאר וואָס נישט אויסזאָגן דעם אמת? — איז מיר עפּעס נישט אויסגעקומען צו נעמען זיינע ביכער אין האנט. די סיבה? אין יענע יאָרן האָב איך געמיינט, אז לייענען נאָוועלן אָדער ראָמאנען איז, נישט מער ווי ביטול-זמן: בעסער לערנען א בלאט גמרא אָדער כאָטש זאָגן א קאפיטל תהילים.

איז האָב איך וואָלף טאמבורס ליטעראַרישע ארבעט ערשט אנטדעקט אצינד, מיט עטלעכע וואָכן צוריק, לייענענדיק טאקע זיין „מאראַמאַרעשאנער" זאמלונג. אז זי האָט ביי מיר ארויסגערופן התפעלות, דאָס פארשטייט איר שוין אליין. כ'וויל בלויז צוגעבן, אז אפילו ווען טאמבור וואָלט נישט געווען מיין בן-עיר, וואָלט איך אייך רעקאָמאנדירט זיינע שאפונגען.

לייענט זיי און איר וועט פארשטיין ווי רייך, ווי פלאמיק ס'איז אמאָל געווען דאָס יידישע לעבן אין מאראמאַרעש. די שפּראך איז זאפטיק, שפּרודלדיק, און אויסטערלישע קאָמבינאציע פון דמיון מיט רעאליזם. די העלדן זענען קאָלירפולע און דערביי דורכגענומען מיט פּשטות.

די געשעענישן שפּילן זיך אָפּ בשעתן חורבן, ווען מאראַמאַרעש האָט זיך געפונען אונטער אונגערישער אָקופּאציע. מע האָט ביז 1944, כמעט ווי געלעבט רואיק. דער רעזשים האָט זיך בלויז אויף יידישע יוגנט-לעכע פארלייגט: זיי אויף צוואנגס-ארבעט פארשלעפּט. טאמבורן אויך. שילדערט ער די רוצחים וואָס פלעגן „אויסהענגען" יידן אויף ביימער. „וואָס פילט דער אויפגעהאָנגענער? דער קערפּער ווערט קודם רויט, און דערנאָך הייבט ער אָן צו באקומען א בלוילעך-בלאסן קאָליר". דאן האָט דער 40 יעריקער שמעון גראָס „פארקרומט זיין צו פרי פארעלטערט פנים אין א ווייטיקדיקער גרימאסע, און געשעפּטשעט ויהי נועם".

דערציילט דער מחבר די גייסטיקע גבורה פון יידן וואס האבן געשטעלט באהאלטענערהייט א ווידערשטאנד צו די תליינים: מיט א קאפיטל תהילים, מיט א באשלוס צו באשיצן א חבר אדער ארויסשליידערן די תפילין דורכן קליינעם פענצטערל פון וואגאן, וואס כירט אזוי פיל אומשולדיקע קרבנות צו אן אומבאקאנטער עקידה.

דערמאנט דער קינסטלער גרויל-בילדער און שוידער-סצענעס, וואס זענען ווי פון א קראנקן דמיון געמאלט געווארן אין די טיפעניש פון גיהנומס גיהנום: סעלעקציעס, שיידונגען, דערווארגענע טרערן און גסיסה-געשרייען.

שטארק איז דער שונא געוועזן אין יענע יארן: די גארע וועלט האט פאר אים געציטערט. ריזיקע ארמייען האט ער, אין אנהייב, צעשמעטערט. איז וואס האבן יידן געקענט טאן כדי נישט ארייננצופאלן אין זיינע הענט? זייערע מעגלעכקייטן זענען געווען באגרענעצט, כמעט ווי נישטיק. כונדעסטוועגן האבן זיי זייערע אינערלעכע פעסטונגען — די גייסטיקע בנינים זייערע — נישט לייכט אויפגעגעבן. די קרבנות האבן מקריב געווען זייער לעבן, אבער נישט זייער ווירדע.

אט דאס איז דער סך הכל פון טאמבורס דערציילונגען — אויב מע קען בכלל ציען אויספירן פון ליטעראַרישע דערציילונגען. איר לייענט זיי און סע ווערט אייך מיט א מאל קלאר, אז די רוצחים האבן נישט בלויז יחידים און קהילות פארטיליקט; זיי האבן א גאנצע וועלט חרוב געמאכט.

אפט מאל פרעג איך זיך אליין: ווי קומט עס, אז די מענטשהייט איז נאך נישט באשטראפט געווארן פאר אירע זינד לגבי דעם יידישן פאלק? קען זיין, אז עס איז איבערהויפט קיין שטראף נישט פאראן פאר אזעלכע פארברעכנס.

יא, די רוצחים האבן א גאנצע וועלט אומגעבראכט. בלויז די חורבות זענען פארבליבן. וואו? אין געוויסע חורבן-ביכער. איז לייענט וואלף טאמבורס „מאראמאַרעשאנער". זעט כאטש ווי סע האבן אויסגעזען אמאליקע יידישע ישובים, ווי סע האבן געגלויבט אמאליקע יידן. זעט כאטש וואס סע האט זיך אויסגעלאזט פון אמאליקע יידן. זעט כאטש וואס סע האט זיך אויסגעלאזט פון אמאליקע יידישע חלומות.

(ניו-יארקער „אלגעמיינער זשורנאל" פון 14טן מאי 1976;
בוקארעשטער „צייטשריפט" פון 1טן יוני 1976
און תלאביבער „אוי-קעלעט" פון 19טן יולי 1976).

שמעון קאַנץ
וועגן וואָלף טאַמבור

„...דאָס בוך „לעבעדיקע מתים״ איז מלא וגדוש מיט געשטאַלטן פֿון טויטע און זייערע לעבעדיקע גורלות, באַגלייט מיט פֿיבערדיקע וויזיעס און סימבאָלישע אַסאָציאַציעס הינטער זיי שטייט וואָלף טאַמבור מיט אַ שפּיגל, וואָס כאַפּט אויף די בילדער און טראַכטענישן און עס באַקומען זיך נישט סתם רעפֿלעקסן פֿון אייגענע איבערלעבענישן, בילדער און געדאַנקען, נאָר דער גאַנצער קאָשמאַר פֿון דער „קלאָרער וועלט“, וואו דער גאַנצער סדר העולם איז איבערגעקערט געוואָרן מיטן קאָפּ אַראָפּ און דאָס גאַנצע „לעבן“ שפּילט זיך אָפּ אין די נעכט.

...וואָלף טאַמבור האָט זיך פֿאַרמאָסטן אַריינצונעמען אין בוך דעם גאַנצן כאַאָס פֿון פּחדנות און ספֿקות, אַלע פֿינצטערע שטימונגען און גייסטיקע ציטערניש פֿון דער ווירקלעכקייט, וועלכע איז אויסגעקומען דורכצומאַכן.

...די מיסטעריעזע וויכוחים צווישן די טויטע, די האַלוצינאַציעס פֿון די וואָס גאַרן נאָך אַ תיקון פֿאַר די פֿעלערן אין לעבן, אָבער אַלע טויערן זענען פֿאַר זיי פֿאַרמאַכט — זענען איבערגעחזקט פּונעם טויט אין לעבן אַריין...

אַט די שמועסן אויפֿן עולם-האמת און כסדרדיקן אומקערן זיך צום גורל פֿון די ערלעכע און אומשולדיקע זענען געגעבן מיט אַ שאַרפֿער כאַראַקטעריזיר קראַפֿט, מיט וועלכער ט א מ ב ו ר פֿאַרפֿאָלגט מיט אַזוי פֿיל איראָניע זיינע „מתים“, ביז אין די טיפֿסטע באַהעלטענישן פֿון זייערע נשמות. דער עולם-האמת גיט עס דעם שרייבער אַ היתר אויף זיין שניידנדיקן סאַרקאַזם, אָבער גלייכצייטיק העלפֿט אים דאָס איבערטראָגן די מענטשן און געשעענישן אויף יענער וועלט כדי ער זאָל זיי דאָרט זען בעסער, שאַרפֿער און פֿרייער אַרויסצוזאָגן אַלץ, מיט וואָס ער נעמט זיך איבער. זיין שעפֿערישער ווילן איז קאָנצענטרירט אויף דער ערנסטקייט פֿון די סיטואַציעס און דערפֿינדערישקייט ביים מאָלן דעם הינטערגרונט און די אויסערלעכע געשטאַלטיקונג פֿון די טויטע העלדן.

טאַמבורן איז אין דער דערציילונג געלונגען אַרויסצוברענגען בילדער, וואָס ווירקן מיט אַ סוגעסטיווון כוח. דורך סימבאָליש-פֿאַנטאַסטישע וויזיעס באַהעפֿט ער דעם עולם-האמת מיטן עולם-השקר.

(לעצטע נייעס,
תל־אביב, 11.3.1977)

ד"ר אליהו שולמאן וועגן „לעבעדיקע מתים"

„...אָט די אַלע מעלות און קינסטלערישע אַנטוויקלונג שפּירט מען אין זיין נייַ בוך „לעבעדיקע מתים, מעשיות פון דעם עולם-האמת".

... דאָס בוך, וואָס דער מחבר באַצייכנט ווי „מעשיות פונעם עולם־האמת" — זענען אַלע געקייטלט און געבונדן — אַזוי אַז סע שטעלט מיט זיך פאָר אַ שלימותדיק ווערק, וואָס איז פול מיט אַלעגאָריעס, רמזים און סימבאָלן.

...טאַמבורס העלדן זענען באַפרייט פון דאָס ערדישע, פון דאָס קערפּערלעכע, זיי זענען באַפרייט פון ערדישע קראַנקייטן, און ווי פרייע נשמות קאָנען זיי אויסדריקן פריי זייערע מיינונגען וועגן אַלץ און אַלעמען. און דעריבער האָבן די נשמות מורא מען זאָל זיי חלילה צוריקשיקן צו דער ערדישער וועלט. די נשמות באַנעמען ווי שרעקלעך עס איז געמשפּט צו ווערן פון אייגענע, און געפּייניקט צו ווערן פון אייגענע חברים. זיי באַנעמען דעם עגאָאיזם פון יענע וואָס הרגענען אין נאָמען פונעם קאָלעקטיוו.

בכלל דערמאָנט אונדז דאָס בוך קאַפקאַס קאָשמאַרישע דערציילונגען, אָבער טאַמבורס מעשהלעך איז אַן אָריגינעלע שאַפונג, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין אַן אַנדערער צייט און אַן אַנדערער סביבה.

...דאָס איז באמת אַ פאַנטאַסטישע וועלט וואָס טאַמבור שילדערט, אַלץ איז קאָשמאַרנע, מטושטש און פול מיט אומגלויבלעכע זאַכן און פּאַסירונגען. אָבער פון דעם אַלעם קומט אויף אַ בילד וואָס גיט באַשיימפערלעך אַן עכטע, אַן אָריגינעלע שילדערונג פון אונדזער ערדישער וועלט. טאַמבורס „לעבעדיקע מתים" איז אַ קאָמפּליצירט בוך, וואו די וועלט און יענע וועלט מישן זיך. חוץ איראָניע, וואָס דאָס בוך פאַרמאָגט, האָט עס אויך שפּאַנונג, עס איז פול מיט פּאַראַדאָקסן, ווי די פאַרגאַנגענהייט פּאַטאַזיעס פון די געשטאַלטן.

בכלל מיין איך אַז טאַמבור האָט זיך געשטעלט אַ געוויסן ציל און דורך אַ קינסטלערישער שאַפונג האָט ער זיין ציל דערגרייכט.

(פאָרווערטס, 26סטער יוני 1977).

שלום שטערן: „גערANGל און חורבן"

„וואָלף טאמבור האָט אן אייגנארטיקן אופן פון דערציילן. כמעט יעדע דערציילונג זיינע הייבט זיך אָן מיט אן אריינפיר, וואָס דאַרף קלאָרער מאכן דעם סיפור־המעשה, כדי מיר זאָלן פאַרשטיין דעם מיין פון זיין דערציילן. באשרייבן און שילדערן סתם, לשם איבערגעבן פאַסירונגען איז נישט זיין דערצייל־מעטאָד.

דעריבער קען ער אפילו אין מיטן, אין לויף פון דערציילערישע סיטואַציעס, זיך אליין אריינמישן, ווי ער זאָל פאַרטייטשן דאָס געשעענע...

...וואָלף טאמבור דערפירט זעלטן זיינע דערציילונגען צו אן אָפּשלוס. ער רייסט בכיוון איבער די פעדעם, וועלכע וואָלטן געוועבט דעם דערציילערישן אָנהייב ביזן סאמע סוף, אָבער וואָס קען דען דער סוף צוגעבן. דער עיקר איז דאָס געשעענע, און וואָס האָט זיך געטראָפן מיט אים, מיט זיין משפחה און מיט די ארומיקע יידן פון זיין שטעטל מאראמאָרעש, וואָס איז כולל אלע יידישע שטעטלעך. אָט דאָס האָט ער באשריבן, געשילדערט און דערציילט, פון יידישן פאָלק וואָס איז פארוויסטיקט געוואָרן. ער ווייטיקט פארן יידישן פאָלק פאר זיין פאָלק. אָבער דאָס שארית־יידן קעמפט פאר זיין קיום, לעבט און שאפט, נישט ווי עפּעס א רעליגיעזע סעקטע פון משה רבינוס גלויבן, נאָר ווי א נאציאָנאלע שעפערישע אייגנארט.

יאָ, וואָלף טאמבורס בוך „לעבעדיקע מתים", וואָס ער רופט „מעשיות פונעם עולם האמת", איז געשריבן אלעגאָריש. אלע נסיונות און ליידן פון א ייד ווערן אנטפּלעקט, אָן שום פארהוילן דעם פיינלעכן אמת. אָט די רעאליטעט איז גאָר געשאפן געוואָרן נישט אויף דער זינדיקער ערד, אויפן עולם השקר, נאָר טאקע אויפן „עולם האמת", וואו עס רוען די „לעבעדיקע מתים". אָט דאָס בוך פון מעשיות איז דערשינען אין פארלאג

"קריטעריאָן", בוקאַרעשט, 1976. צו דעם בוך וועל איך אין גיכן זיך אומקערן.

דאָס נישט זיין אזוי פיל יאָרן נאָענט מיט די יידישע שרייבער אין רומעניע, האָט גורם געווען אז אזא טאַלאַנטפולער און אינטערעסאַנטער דערציילער ווי וואָלף טאַמבור זאָל נישט זיין באַקאַנט דעם היגן יידישן עולם.

איך בין בפירוש אויסן צו פאַראינטערעסירן די פּראָגרעסיווע יידן מיט די קינסטלערישע ווערק פון וואָלף טאַמבור. זאָל מיין אָפּשאַצונג זיין דער אָנהייב פון קאָנען דעם שרייבער און דערקענען זיינע שאַפונגען, וואָס זענען שוין צונויפגעשטעלט אין זעקס ביכער".

(ניו-יאָרקער „יידישע קולטור", מערץ 1977)

מאָסקווער „סאָוועטיש היימלאַנד" פון נאָוועמבער 1976:

„פאַר טאַמבורס שעפערישער מאַניר זענען כאַראַקטעריסטיש פּובליציסטישע אָפּווייכונגען, אַפאָריסטישע רייד, וואָס דריקן אויס דעם אויטאָרס חשבון-הנפש־געדאַנקען און באַאָבאַכטונגען. צו זיינע שילדערונגס־מיטלען געהערן: הומאָר, טרעפלעכע בילדערישע פאַרגלייכן, ווי אויך דאָס איינפלעכטן אין סוזשעטישן געוועב לעגענדעס. די שפּראַך איז אָנגעזעטיקט מיט פאָלקס-אויסדרוקן און העבראַיזמען.

...וואָלף טאַמבור איז דער שילדערער פונעם מענטשלעכן אינעם מענטשן".

מוניע גלייזער

זוכצעטל פון פּובליקאַציעס לויטן אלף־בית

א

אדיאָ — 93
אהבת ציון — 111, 187
אויף דער וואך — 205, 253
אונזער וואָרט — 181, 196, 241, 265
אונזער וועג — 199, 224
אונזער צייט — 179
אונזער אויפלעבן — 299
אונזער טאָג — 258
אונזער לעבן — 293
אונזער שטימע — 253
אויפבוי — 251
אויפגאנג — 167, 207, 225, 257
אידישע וויססענשאַפט — 168
איחוד-העפטן — 297
איינס — 265
איקוף בלעטער — 282, 306
אינזל — 250
אָנזאָג — 222
אללגעמיינע יודישע פּרעסע — 174
אקטועלע פּראָבלעמען — 263
ארבעטער צייטונג — 178
אָרטאָדאָקסישע צייטונג — 253

ב

באסאראבער היינט — 224
באָקאָרעשטער כל-בו-ניק — 202
בוקארעשטער איזראעליט — 100
ביולעטין — 298
ביולעטינ — 303
בלעטער פאר יוגנט-קולטור — 225
ברית עם — 95

ג

גאזעטא ראָמענא עווריאסקע — 27
גאלאטצער איזראעליט — 83
גאלאצער יודישעס פאָלקסבלאט — 178, 191
גידילע מיט גריוון — 175
געזונט און היגיענע — 262
געציילטע ווערטער — 216, 314
גרינס אויף שבועות — 161

ד

דאָס אידישע וואָרט — 244
דאָס בעסאראבער לעבן — 173
דאָס בעלצער וואָרט — 257
דאָס וואָרט — 178
דאָס יודישע וואָרט — 114, 246, 288
דאָס יודישע בלאט — 63, 66, 76, 262

דאָס פאָלקסבלאט — 93
דאָס יודישע פאָלקסבלאט — 176
דאָס יידישע וואָרט — 290, 288
דאָס כאָטינער וואָרט — 219
דאָס ליכט — 127
דאָס נייע לעבען — 167
דאָס נייע פאָלקסבלאט — 95
דאָס קאָאָפּעראַטיווע וואָרט — 195
דאָרנער הומאָר — 258
די אידישע טריבונע — 260
די אידישע צוקונפט — 122
דיא יהודישע פרעסע — 71, 70
די האָפענונג — 121, 75
דיא וואהרהייט — 186, 76, 75
262,
די וואָך — 241, 227 ,213, 167
דיא יודישע פאָסט — 99
די יודישע וועלט — 238, 141
די יודישע צוקונפט — 122
149, 147,
די יודישע שטימע — 234
דיא ריכטיגע יודישע צוקונפט —
148, 142, 141
די יודישע מאָרגענפאָסט — 80
די 9 טעג — 150
די נייע צייט — 80
די נייע צייטונג — 220, 204
די נשמה — 223
די כאָהן — 156
די פרייהייט — 171
דיא צייט — 35, 30, 18
דגל טריעסט — 124
דגל יהודה — 136
דגל מחנה יהודה — 135
דורשי ציון — 137
דער איד — 261, 173
דער אויסוואנדערער — 126
דער יודישער פריינד — 206
דער האמער — 161
דער המן טאש — 90
דער המנטאש — 176
דער גראגער — 101
דער וואהרע היועץ — 114, 102
דער וואנדערער — 81
דער וועקקער — 106
דער וועקער — 174, 157
דער יודישע גייסט — 120, 112, 71
דער יודישער וועכטער — 79
דער יידישע פאָלקספריינד — 87
דער יונגער קעמפער — 193
דער מאָרגען — 171
דער מונקאטשער הומאָריסט — 188
דער נייער גראגער — 257
דער עמיגראנט — 74
דער פאָלקספריינד — 90
דער פאָלקסגאָרטען — 90
דער פאלעסטינער מאָנאטבלאט
— 173
דער פאָליטיקער — 61, 8, 7
67, 65,
דער פאָלקס דאָלמעטשער — 99
דער פאַרעך — 218
דער פלאמענדיגער גראגער 221
דער קולטור וועג ווייזער 306, 303
דער קאָלאָניסט — 72
דער קאָמפאס — 106
דער קאנטשיק — 211
דער רומענישער איזראעליט — 75
דער ריכטיגע קאמפאס — 110
דער ראדיאָ — 735
דער שטערן — 224, 252
דער שטראל — 201
דער שטוב-זשורנאל — 238
דער שקל — 141
דער שבת הגדול — 251
דרכנו — 263
דריי — 269

ה

האור — 150
הגבור — 87, 83

הדת — 239
הד הגליל — 288
הומאָר בלעטלעך — 174
היועץ — 35, 36, 58, 70, 78, 79, 89, 100, 103, 121, 148
המבשר — 139
המבשר טוב, — 188
הנוער — 198
היאס — הכנסת אורחים פון אמע־ריקע — 177
הירדן — 245
הישראלי — 126
הצופה — 91
התוקע — 80

װ

װעלט־שפּיגל — 267

ח

חיים נחמן ביאַליק — 239
חנוכה — 138

ט

טראַנסילװאַנער בלעטער — 240
טראַנסילװאַנישע יודישע צייטונג — 252
טריבונע — 258
טשערנאָװיצער בלעטער — 207, 227

י

יהודית — 77, 125
יוגנט שטימע — 222
יודישער טעלעגראַף — 8, 55, 66
יודישעס פאָלקסבלאַט — 81, 186
יידישע פאָלקסצייטונג — 186, 210
יודישע פּרעסע — 217
יידישע פּרעסע — 184
יודישע צייטונג — 182
יודעשעס פאַמיליענבלאַטט — 86, 87
יידיש — 252
יידיש לעבן — 223
יינג מאַראַמאַראָש — 227, 271
יום־טוב בלאַט — 205
יצחק ליבוש פּרץ — 157

כ

כתבי הזמן — 192

ל

לבנון — 138
ליטעראַרישע בלעטער — 278
ליכט — 147, 152
לשנה הבאה במצרים — 151

מ

מגיד ירחים — 210
מאַראַמאַרעשער בלעטער — 221
מולדת — 298
מונטשיטאָרול עװרעו — 262
מיינע העפטן — 267
מנורה — 213
מענטוא־רעא — 280
מצרים װאָך — 206

נ

נאָך דער פאַראייניקונג — 255
נאַציאָנאַל — 82
נייע יודישע צייטונג — 73, 74
נייעסטע נאַכריכטען — 81
נס ציונה — 149

ס

סומך נופלים — 238
סיגעטער צייטונג — 184

ע

עדות העתים — 26
ערד און ארבעט — 198
עת לדבר — 30, 34

פּ

פּאַלעסטינא — 135
פּוריב-בלאט — 89

פֿ

פֿאָלקס צייטונג — 215
פֿאָלקס שטימע — 103
פֿארן אידישן קינד — 195
פֿיר — 269

צ

צווייי — 265
צוקונפט — 219
ציון — 187
ציוניסטישע פּראָבלעמען — 271
צייטשריפט — 8, 114, 309, 315

ק

קול מחזיקי הדת — 210
קול רנה — 78, 79
קולטור — 175, 193
קולטור און ארבעט — 244
קולטור-בלעטער — 301
קולטור בלעטלעך — 301
קולנו — אונזער שטימע — 253
קורות העתים — 11, 25, 26, 35
קראָניקא איזראעליטא — 127

ש

שבתון — 287
שויבן — 148, 190, 256
שומר ישראל — 139

ת

תקות ישראל — 140
תשעה באב — 139

זוכצעטל פון נעמען וואָס קומען פיר אין בוך

א

אבידוד ש. — 245
אבראַמאָוויץ שלום יעקב — 169
אגענט יצחק — 102
אגרעס זאב — 263
אגרעס ח. — 271
אומערראָטאַ — 90
אונגער מ. — 32
אחי-שרוני ח.ר. — 291
איזאק מ. — 158
איזאַקזאָן הרב יחיאל יהודא — 288
איזראַעל אָלי (אברהם) — 225, 255,
איזראעל ישראל דוד — 206, 210, 217, 225
אייבשיץ יהונתן — 169
אייזיקאָוויטש אפרים ד"ר — 299
אייזענשטאַדט שלמה — 129
איינהאָרן דוד — 182
איש-שלום יהודה — 258
אלטמאַן משה — 190, 201, 216, 241, 252
אלישבע — 298
אלמוני פ. — 152
אלעקסאנדרי וואסילע — 60
אָפּאַטאָשו — 228, 233
אפּעלבוים — 213
אפּטער — 106
אָפּרעסקו געאָרגע — 53
אָפּשאָן הערצל — 273
אקערמאַן הערש — 195
ארנשטיין ישראל — 89,
אשר אנטשיל שו"ב — 72

ב

באַגיש זישע — 250, 251
באָדנער מאיר — 265
באַטאָשאנסקי יעקב — 154, 155, 161, 174, 201,
באַלאבן מ. ד"ר — 177
באַראָץ ישראל-הערש — 34
באַרדיטשעווער זעליק — 265
בוביס — 178
בובליק גדליה — 145
בוזשאָר מ.ג. — 160
בורשטיין י.י. — 260, 261
ביאַליק ח.נ. — 195
ביילינסאָן מ. — 298
ביקל שלמה ד"ר — 152, 167, 172, 175, 190, 196, 201, 236, 241, 256,
בירנבוים מ. — 98,99,111,149
בירנבוים נתן ד"ר — 128, 134, 145, 146,
בלאָך ד"ר — 102

בלאנק אליהו ד״ר — 182, 187
בלום פאָל — 265, 267
בלומענפעלד-פּלאַרין אלי — 265
בלומענפעלד יצחק — 126
בן-גוריון — 255
בן-הדור אורי — 161, 250
בן-הערש ישראל — 16
בן-יוסף — 253
בן-יעקב — 124
בן-יצחק דוד — 299
בן-מרדכי מאיר — 94
בן מאיר — 145
בן-מנחם נפתלי — 182, 184,
221, 255
בן-ציון ש. — 195
בן-קרן א. הרב — 239
בן-שרה — 144
בערעסט צבי — 245
בערטיני ק. — 263, 271
בערטיש לעאָן — 265
בערקאָוויטש יוסף ה. — 199
בערקאָוויטש ישראל — 311
בראָדערזאָן משה — 168
בראונשטיין ס. — 265, 269
בר-הכי — 181
ברוידעס ר.א. — 77, 148
ברוין אהרן דוד — 234
ברוינשטיין מ. — 90, 127
ברוקשטיין י.ל. — 295
ברזילי ק. — 260
בשרובקר ישראל — 177

ג

גאָטליב הירש-לייב — 186
גאָלדנער צבי-הערש — 11, 24
26, 30, 75,
גאָלדפאַדען אברהם — 44, 59
60, 98,
גאָלדענבערג אברהם — 117
גאָלדענבערג מרדכי — 175, 195
251, 271,
גאָלדשטיין מ. — 177
גאָלדענשטיין חיים — 312
גאָלדרינג באכער ד״ר — 28
גאסטער משה ד״ר — 37, 128
גאָרדאָן פ. — 95
גאָרון יאָן— 269
גבעוני ש. — 198
גוטמאַן א. ד״ר — 293
גוטערמאַן דוד — 299
גורפעל ל. ד״ר — 244
גינזבורג אליהו — 245
גינזבורג באראָן — 144
גיקא גריגאָרע אלעקסאנדרו — 15
גלאַנצמאַן לייב — 42
גלאנצשטיין — 154
געלער חיים — 252
געלער לעאָן — 107
געלערטער ליטמאן ד״ר — 107
158,
גראַזא פעטרו — 287
גראָס שלמה יעקב — 248
גראָסבארט הערץ — 216
גראָפער יעקב — 154, 155, 157
172, 191, 198, 232, 251,
260, 265, 282, 300,
גריגאָרעסקו ניקאָלאָע — 52
גרינבערג א. — 205
גרינאָוצקי א.י. — 251
גרינבערג חיים — 263
גרעץ ה. ד״ר פראָפעסאָר — 100

ד

דוב דוד — 298
דאבראָזשעאנו געראַ ק. — 158
דאווידעסקו — 94
דאָלמאַן פראָפעסאָר גוסטאוו—95
דאווידאָוויטש מ. — 269

דובאָוויס י. — 282, 283, 300
דוכס אלחנן צבי — 124
דינעזאָהן — 98
דימאָוו אָסיפּ — 179
דערבארעמדיגער שמחה — 248
דערמער יעקב ד"ר — 221
דרוקער חיים־זעליק — 103
דרוקער ל. — 199

ה

האבער וואָלף — 91
האגער ברוך — 263, 282
האיעק מאקס — 168
האָלדער יוסף — 182, 209
האָלדער יהודית — 273
האָלענדער י.מ. — 98
האלפערן יחיאל — 298
האנעס — 220
האָראָוויץ בער — 217
האָראָוויץ חיים-דוד ד"ר — 55
האָראָוויץ יחיאל — 253
האָראָוויץ יצחק — 211, 239
האָראָוויץ משה — 253
הארפּעניס דוד — 210
הובערמאן נ. — 252
המזרחי ב. ה. — 253
הירש אברהם מרדכי — 221, 227, 238
היטלער אדאָלף — 61
העללער לוי-זאב — 184
העללער צבי-הערש — 184
העלמאן זיידל (הומ"ן) — 107, 139, 192, 205, 288
העלפמאן מ. ד"ר — 252
העניק א.מ. — 224
הערצל טעאָדאָר — 149, 168
הערשקאָוויטש משה — 147
הרפזי מיכאל — 298

וו

וואָהל קובי — 282
וואָלאָנאָוו מרדכי — 246
וואלדמאן אפרים — 154, 155, 157
וואלדמאן פ. ד"ר — 223
ווייזער ד"ר — 293
וויזשניצער מ.ז. — 291
ווייטצענבערג ד"ר — 90
וויינבערג מ. — 37
וויינשטאָק משה ד"ר — 102, 213
וויינשטיין י. (אידל מלמד) — 171, 173, 175, 178
וויגינגער — 120, 126
ווייס אשר-זעליג — 188
ווייס יוסף-חיים הכהן — 210
ווייס שמואל-צבי — 252
ווייסבערגער טעאָדאָר ד"ר — 177
וולאדאָווסקי בערל — 103, 105
וולאדימירעסקו טודאָר — 36
וועדמעדעוו משה — 238
וועקסלער מאקס — 107, 109
ווערטהיימער מאָריץ ד"ר — 34

ז

זאכאראָוויטש לייבל — 269
זבארזשער וואָלף (עהרענקראנץ) — 128
זגני ר. — 244
זוסמאן סאָלאָ — 221
זיגערמאן א. — 224
זיידמאן חיים — 311
זילבערשטיין אריה — 31
זין לאזאר — 279
זיסו א.ל. — 280
זעליקאָוויטש רובין — 154
זעלנער מרדכי — 256
זשאבאָטינסקי ז. — 246

ח

חסיד מ. — 181
חשמל עקיבא — 70, 71

ט

טריביטש אברהם — 22
טאמאָוויטש — 249
טאמבור וואָלף — 212, 282, 285, 289, 290, 297, 311, 312,
טאַרטאַקאָווער אריה ד"ר — 255
טוטשינסקי ב. — 181, 263
טוביש יצחק אייזיק — 31, 60, 76
טיטא שטעפאן — 279
טעללער ישראל — 76, 94, 98
טעללער ה.ל. — 79
טראכטענבערג יאָסל — 222, 252
טראָפּער נתן — 215
טריימאן ש. — 100
טריעטש דוד — 124

י

יאָזעפּואָן (יוספזאָן) — 102, 103
יאטשאק — 220
יאכינזאָן מיכאל — 224
יאַמפּאָלסקי איציק — 117
יאַנאָווער עזריאל — 182
יאַקאָבזאָן — 102
יאקיר יאנקל — 209, 222, 243, 256,
יהואש — 308
יוסטער מאקס — 102
יוראָוויטש — 220
יזראעלאָוויטש י. — 87, 88
ייבין ה. — 245
יל"ק — 100
יפה מרדכי — 298

כ

כאימסקי מ. — 269
כהן אהרן — 253
כהן אידוב — 198, 201
כהן גרשון — 112, 117, 122
כהנא ב. — 103
כהנא דוד — 98
כהנא הלל — 98
כהנא יצחק — 102
כהנא קלמן — 295
כהנא קאָרנעליו — 18, 32
כץ אברהם-חיים — 125
כץ טוביה — 175
כרוסט יוסף — 245
כתבן לאזאר — 102
כתבן מאריוס — 168
כתבן מארקוס — 204

ל

לאזאר בערנארד — 135
לאזארעאנו בארבו — 177, 201, 217,
לאנדוי מיכאל — 173, 179
לאקס ב. — 220
לאקס משה — 282, 300
לונאטשארסקי א. — 201
לי מלכה — 269
ליברעסקו ה. — 99
לייכטער מרדכי — 210
לייוואַנדמאן ישראל — 280
לינעצקי יצחק-יואל — 82, 98
ליס אברהם — 131
ליפא נתן קארפיל ד"ר — 89, 124, 159,
ליפמאן מ. — 239
לעפּאָלד צבי-יודא — 187
לעבאָוויטש אברהם — 147
לעבאָוויטש י.י. — 117
לעבלי ב. — 265
לעוויט ש. ד"ר — 223
לעוועגקאָפּ קלמן — 298
לעווינשטיין פישל — 26

לעווענשטיין ט. ד"ר — 297
לעקער חיים — 173, 175

מ

מאַגולעסקו זעליג — 140
מאַזנער ש. ד"ר — 267
מאיער מאַריס — 136
מאיראָוויטש שלום — 147
מאַלאַדאָווסקי קאַדיע — 217
מאַנגער איציק — 147, 166, 175, 191, 201, 209, 216, 314
מאַנדלבוים י. ד. — 239
מאַנטעפיאָרע משה — 149
מאַקסי מ.ה. — 269
מאַרילוס י.מ. הרב — 206
מאַרגוליעס יוסף — 75
מאַרק נאַטאַן — 7, 8, 25, 26, 73, 74, 150, 198, 269, 279
מאַרקוס א. ד"ר — 295
מאַשקאָוויטש מ.י. — 137, 159, 160, 161
מוטערפּערל — 83
מייטוס אליהו — 175
מיהאַילעסקו ט. — 122
מיחעליס מ. — 122
מילגרוים ב. — 263
מינסטער אייזיק — 248
מלבים ר' מאיר ליבוש — 30, 31, 32, 33, 34, 35, 96
מלמד יידל — 212
מעדעם וול. — 220
מעלמאַן צ. — 95
מענדעלאָוויטש י. — 202
מענואל צמח — 298
מעסטל יעקב — 155
מערלינג ע. — 201
מערמעלשטיין יוסף — 299
מרגליות דוב בעריש — 76
מרגלית ישראל — 74

משולח ר' — 239

נ

נאַדלער שמואל (מוניע) — 183
נאַמיאַנו לעאָן — 80
נאַרדוי מאַקס — 124
ניישטאַדט מ. — 263
נימעראָווער י. ד"ר — 102, 148
ניפאָן מיטראָפּאָליט — 18

ס

סאַבאַ ז. — 273
סאַדאָוועאַנו מיכאַיל — 269
סאַטעק יעקב ד"ר — 128, 129
סאַקציער מאַטל — 243, 256
סאַלאַמאָן י.ל. — 81
סאַרעף ב. — 102
סג"ל — 98
סובל י. — 245
סופר שמואל-אבא — 172, 175, 178, 207, 212, 249
סופרין דוב-בער — 71, 95, 97, 98, 103
סורקעס משולם — 208
סטורזאַ מיהאַיל גריגאָרע — 31
סעגאַל גוסטאַוו — 265
סעגאַל הערש — 249, 251
סעגאַל מ. — 173
סעגאַל סאַל. — 137
סעגאַל לוי — 142, 144, 146
ספּירעסקו מ. — 42, 63
ספּעקטאָר מ. — 175
סרולאָוויטש מרדכי — 161, 162

ע

עבנער מאיר ד"ר — 177

עזיאל דוד — 35
עזיאל יחיאל מיכל — 32, 35, 36, 37, 57, 61, 100, 102
עזיאלעסקו יוסף — 37, 55, 102
עזיאל פריילין — 102
עזרא הסופר — 99
עירוני א. — 244
עליאש מ. ד"ר — 239
עליאש יוסף — 298
עלנער צבי ד"ר — 252
עמיד א. — 179
ענגעל מ. — 251, 298
ענגעלבערג לוצע — 150
עסעלסאָן יצחק — **298**
עפּלבוים יוסף — 213, 238

פּ

פּאַדאַלעאַנו ס. — 269
פּאַלאַק אייזיק — 251, **298**
פּאַלובאַ א. — 129
פּאַליאַקאָוו מאיר — 222
פּאַנער יצחק — 208, 211, 269, 279, 282
פּאַפּער נפתלי — 18, 32, 34, 102
פּיישאָטאָ בנימין פראַנקלין — 36
פּינילעס שמואל — 100, 111, 117
פּינסקי דוד — 181
פּיק ישראל — 34
פּיקאַסאָ — 277
פּיסטינער יעקב ד"ר — 167, 168, 204
פּסאַנטיר יעקב — 165
פּעטרעאַנו יוסף — 128
פּעלץ י. — 265
פּערל רפאל ד"ר — 223
פּראַדראַם יאַן ד. — 191
פּראַפּעס א. — 245
פּרץ י.ל. — 149, 157

פ

פאלק וו. — 117
פאסטמאן מ. — 173
פוינל יצחק א. — 298
פוקס הערשל — 248
פורמאן י. ד"ר — 216
פייגענבערג רחל — 195
פיידל יצחק — 239
פייער נ. — 135
פייערשטיין יעקב — 161
פיכמאַן יעקב — 195
פיכמאן א.ד. — 191, 244
פינקעלשטיין א. — 95, 100
פינקעלשטיין ב. — 88
פישמאן לייזער — 225
פישער מ. — 173
פעלד נתן — 225
פעלדמאן מארקו (קעמפּעאַנו) — 27, 30, 31
פעלד ע. ד"ר — 193
פעפער איציק — 301
פערנהאָף משה — 175
פערסט שמשון — 174, 206, 211
פראַנס אַנאַטאָל — 222
פרידבערג א.ש. — 95
פרידמאן יעקב — 208, 282, 288
פרידמאן ב.י. — 95
פרידמאן בערל ד"ר — 201
פרידמאן מתתיהו — 154
פרידמאן מ. — 195
פריש יוסף — 138
פריש ש. — 262
פרענקעל אליעזר — 288
פרענקעל יוסף — 258
פרענקעל נ. — 73, 74, 80, 81

צ

צאַפּלער עמיל — 175

ציטראָן ש.ל. — 22, 23, 25, 119
צייטלין אהרן — 217
צעדערבוים אלכסנדר — 23, 25
צעלמאַן צבי — 252
צלצ״ל צבי הירש יוסף — 77, 80, 81

ק

קאושאנסקי ב. — 260
קאָבילקאָווסקי אנטשל — 222
קאָגעלניטשאנו — 24
קאָדרעסקו טעאָדאָר — 26
קאָהן — 83
קאהאן חיים-מאיר — 248
קאהאן קלמן — 287
קאזשבער הערש-לייב — 209, 212, 222, 249
קאָטיק מ. ד״ר — 258
קאלמאנאָוויטש לעאָן — 151
קאָסאָווער מרדכי ד״ר — 151
קאפּיטאָנאָוו איציק — 265, 269
קאָפּפּעל י. — 81
קארא אי. — 30, 126, 211, 312
קאראדזשאלע יאָן לוקא — 49, 175
קאָרן יצחק — 263, 271
קאָרנפעלד ל. — 94, 103
קוויטקאָ ל. — 195
קוזא אלעקסאנדרו יאָן — 15, 31, 32
קונאָוויטש ישראל — 99
קויפמאן נ. — 220
קופּערשטיין ל. — 257, 263, 271
קיזשנער גרשון — 252
קייש אורי — 141, 142, 144, 145, 148
קייש מרדכי — 146
קיסמאן יוסף ד״ר — 125, 168, 181, 193, 204
קירמאן יוסף — 217
קלאוויר י. — 299
קליין יצחק — 210
קליין מאָריץ — 151
קליימאן חיים — 198, 199, 201
קראָנענפעלד אמאליע — 308
קראפט חיים — 173, 201, 299

ר

ראבינאָוויטש ד״ר — 102
ראבינאָוויטש א. — 263
ראבינאָוויטש מאָטיע — 154, 157
ראבינזאָן הירש — 150
ראבינזאָן חיים — 245, 256
ראבינסאָן ס. — 102
ראבענער מתתיהו שמחה — 60, 98
ראָדעסקו ליפּא — 78, 79, 83, 85, 86
ראוויטש מלך — 175, 193, 217
ראָזען דוד משה ד״ר הרב — 309, 312
ראָזען בער י. — 220
ראָזען א.ד. — 102
ראָזענטאל אהרן — 213
ראָזענטאל זלמן — 173, 179, 195, 263
ראָזענפעלד מאָריס — 138, 279
ראָזענפעלד ראָס — 154
ראָזענצווייג מאקס — 111
ראָזענשטאָק זשאן — 257
ראָזנער מאיר ד״ר — 172, 175
ראָט לאזאר — 212
ראפּאָפּאָרט א.ש. — 102, 126
רובין ראובן — 154
רובינגער שלום — 308, 312
רויטמאן נ.מ. — 195, 201, 283
רוסו וו. — 312
רוקח אלעזר (ל.) — 73, 74, 103, 106, 114, 117, 148
ריווקין הערץ — 209, 222

ריזמאן פייוול — 173
רייזען אברהם — 129, 168, 271
רייזען זלמן — 36, 55, 112, 120, 122, 184
רייכער ב. ד״ר — 196, 265
רייכער ישעיה הרב — 239
ריינער הערש — 147
ריכטער מ.נ. — 223
רינג יחזקאל — 227, 235, 236, 240, 271, 297
רעדעטשאנו לאָטאר ד״ר — 255
רעזמיוועש יודא (נחשוני) — 289, 291
רעזניק י.ע. ד״ר — 95, 289
רעסל מרדכי — 298
רעמבאָ אייזיק — 246

ש

שאיקעוויטש — 171, 173
שאראגא 117
שווארץ שמחה — 199, 212, 217, 256
שווארצפעלד ד״ר — 103, 128
שווארפעלד מאָזעס — 156
שוועמער שמואל — 168, 260
שור יצחק אייזיק — 150
שטאפעלא לעאָפּאָלד — 100
שטאָקהאמער משה — 248
שטירבעי בארבו דימיטריע — 15
שטיינבאך יחיאל — 209
שטיינבארג אליעזר — 174, 175, 190, 195, 217, 256
שטיינמעץ ש.ל. — 178
שטערן י. — 220
שטערנבערג יעקב — 34, 172, 174, 175, 177, 190, 196, 201, 216, 241, 256
שטערנבערג ג. ד״ר — 221
שטערנפעלד דניאל — 206
שיבער יעקב — 245, 246
שיין דוד — 210
שיין משה — 287
שיינפעלד מ. ד״ר — 289, 290
שיינעאנו לאזאר — 128
שיץ יוסף — 251
שלאָמאָוויטש אנטשל — 102
שלום-עליכם — 98, 134, 148, 149
שמואלאָוויטש ראובן — 179
שמעונאָוויטש ד. — 263
שמ״ר — 99
שנאבל בערל — 209, 220, 224, 282, 295
שניאורסון א. — 245
שניידער בנימין — 256
ש״ס-ראָמאן — 7, 26, 85, 176, 218, 228, 250, 265, 269
שעכטער ישראל — 102
שעכטער מ. — 141, 157
שעכטער סאָלאמאָן — 151
שעכטמאן י. — 246
שעפלער ד״ר — 173
שערבאן מ. — 279
שפּושניק אבא — 328
שפּיגלבלאט אלכסנדר — 311
שפּרינצאק י. — 255, 263
שקאָלניק מרדכי — 222
שאפּירא מ. — 245
שאפּירא איזאָ — 282, 312
שאפּירא ק. — 117
שאפּירא ש. — 149
שאפּראן אלעקסאנדר ד״ר — 282
שאראגא לאסקאר (סאמסאָן לאזאר) — 269
שווארץ איגנאץ ד״ר — 177
שווארץ איציק — 208, 249, 256
שווארץ דוד הערש — 117
שווארץ שלמה — 217
שראגער עזריאל — 208
שרייבמאן יחיאל — 267

זוכצעטל פון טאָגצייטונגען

אונזער צייט — 179.
דאָס בעסאראבער לעבן — 173.
דער איד — 173
דער מאָרגען — 171.
דער פּאָליטיקער — 8,7,
די יודישע צוקונפט — 122.
יודישער טעלעגראף — 8,

זוכצעטל פון מערשפּראַכיקע פּובליקאַציעס

אהבת ציון — 111, 187
גאזעטא ראָמענא עווּרעיאַסקע — 27
גאַלאַצער יודישעס פאָלקסבלאַט — 187
גרינס אויף שבועות — 161
דאָס יודישע בלאַט — 212
די אידישע טריבונע — 260
די וואָרהייט — 262
דיא צייט — 18, 32
דער איד — 261
דער אויסוואַנדערער — 126
דער עמיגראַנט — 74,
דער קולטור-וועג-ווייזער — 303, 306
דער שקל — 141
דרכנו — 263
הדת — 239
הירדן — 245
הנוער — 198
יידיש לעבן — וויאַצאַ עווּרעיאַסקע — 223
חיים נחמן ביאַליק — 239
חנוכה — 138
יידישעס בלאַט — 187
יצחק ליבוש פּרץ — 157
לבנון — 138
ליטעראַרישע בלעטער — 278

מונטשיטאָרול עוורעו — 262
מולדת — 298
מנורה — 213
סומך נופלים — 238
סיגעטער צייטונג — 481
צייטשריפט — 8, 114, 309, 315
קולטור-בלעטער — 301
קולטור-בלעטלעך — 301
קולנו — אונזער שטימע — 253
תקות ישראל — 140
תשעה באב — 139

זוכצעטל פון פובליקאציעס לויט די שטעט

אויבער־ווישע
קו.נו — אונזער שטימע — 253

אראד
דאס יידישע ווארט — 290
מולדת — 298

באטאשאן
אדיא — 93,
די נייע צייט — 80,
דער יודישע וועכטער — 79,
התוקע — 80
נאציאנאל — 82,

בוקארעשט
אויף דער וואך — 205, 253
אונזער ווארט — 196, 265
אונזער וועג — 199
אונזער טאט — 258
איינס — 265
אינזל — 250
איקוף בלעטער — 282
איחוד-העפטן — 297
בוקארעשטער כל־בו ניק — 202
בוקארעשטער איזראעליט — 100
ביולעטין — 298
ביולעטינ — 303
דאס יודישע בלאט — 42
דאס פאלקסבלאטט — 93
דאס פאלעסטינער מאנאטבלאט — 173
דאס נייע פאלקסבלאט — 95
דאס ליכט — 127
די וואהרהייט — 76
דיא צייט — 18, 30, 32
דיא יהודישע פרעסע — 70,
די יודישע מארגענפאסט — 80,
די ריכטיגע יודישע צוקונפט — 141, 242, 148
די וואך — 167, 213, 227, 241
דער המן טאש — 90,
דער פאליטיקער — 7, 8, 61
דער קאלאניסט — 72,
דער וואנדערער — 84,
דער פאלקס גארטען — 90,
דער גראגער — 101,
דער וואהרע היועץ — 41, 102, 103
דער עמיגראנט — 74
דער קאמפאס — 106
דער ריכטיגע קאמפאס — 110
דער וועקער — 174
דער אויסוואנדערער — 126
דער המנטאש — 176
דער קולטור-וועג-ווייזער — 303

דגל טריעסט — 124
דגל יהודה — 136
דגל מחנה יהודה — 135
דורשי ציון — 137,
דריי — 269
היועץ — 39, 98,
הגבור — 83,
האור — 150
הירדן — 245
היאס-הכנסת אורחים פון אמעריקא — 177
וועלט שפיגל — 267
חיים נחמן ביאליק — 239
טריבונע 258
יודישער טעלעגראף — 8, 55
יהודית — 77
יידיש — 252
ליטעראַרישע בלעטער — 278
מונטשיטאָרול עוורעו — 262
מענטואירעא — 280
מיינע העפטן — 267
נאָך דער באַרײיניקונג — 255
נײַעסטע נאַכריכטען — 81
עת לדבר — 30, 34
פאָלקסשטימע — 103
פורים-בלאט — 89,
פאלעסטינע — 135
פיר — 269
צוויי — 265
צייטשריפט — 8, 309
קולטור בלעטער — 301
קולטור בלעטלעך — 301
קול רנה — 78,
שויבן — 190, 256
שומר ישראל — 139

ביסטריץ

אללגעמיינע יודישע פרעסע — 174

בעלץ

באסאראבער היינט — 224
דאָס אידישע וואָרט — 244
דאָס בעלצער וואָרט — 257

בערלאד

תשעה באב — 139

בראילא

דער האמער — 161
דער קאָמפּאַס — 106

בראשאָוו

אונזער אויפלעבן — 299

גאלאץ

אהבת ציון — 111
גאלאטצער איזראעליט — 83
גאלאצער יודישעס פאָלקסבלאט — 178, 191
גרינס אויף שבועות — 161
די וואהרהייט — 75
די יודישע וועלט — 141
דער עמיגראנט — 74
הדת — 239
הנוכה — 138
מנורה — 213
נס ציונה — 149
סומך נופלים — 238
קולטור און ארבעט — 244

דעזש

די יודישע שטימע — 234

טשערנאָוויץ

אויפבוי — 151
אונזער וואָרט — 181

ארבעטער צייטונג — 178
געציילטע ווערטער — 216
דאָס נייע לעבען — 167
דאָס יודישע פאָלקסבלאַט — 176
דאָס יודישע בלאַט — 212
דאָס יודישע וואָרט — 246
דאָרנער הומאָר — 258
די נייע צייטונג — 204
די נשמה — 223
די פרייהייט — 171
דער יודישער פריינד — 206
דער יונגע קעמפער — 193
דער נייער גראַגער — 257
דער ריכטיגע קאָמפּאַס — 110
דער פארעד — 218
דער פלאמענדיקער גראגער — 221
דער קאנטשיק — 211
דער שבת הגדול — 251
דער שטראל — 201
דרכנו — 263
הומאָר-בלעטלעך — 174
טשערנאָוויצער בלעטער — 207
יוגנט שטימע — 222
מצרים וואָד — 206
פאָלקס-צייטונג — 215
צוקונפט — 219
קולטור 175, 193

יאס

אידישע וויסענשאפט — 168
ברית עם — 95
גאזעטא ראָמענא עווריאסקע — 27
דער איד — 261
דער רומענישער איזראעליט — 75
דער יודישע פאָלקספריינד — 87
דער פאָלקספריינד — 90
דער וועקקער — 106
דער וועקער — 157
דער יודישע גייסט 71, 112, 120
דער שטערן — 202
דאָס פאָלקסבלאַט 94
די יודישע פאָסט — 99
די אידישע טריבונע — 260
די אידישע צוקונפט — 122
דיע יודישע צוקונפט 122, 141
די ריכטיגע יודישע צוקונפט — 142
די פאָהן — 156
המבשר — 139
יום-טוב בלאַט — 205
יצחק ליבוש פרץ — 157
יודישעס פאָלקסבלאַט — 81
כתבי הזמן — 192
נייע יודישע צייטונג — 73
קולטור און ארבעט — 244
קורות העתים 11, 21, 22
תקות ישראל — 140

כאָטין

דאָס כאָטינער וואָרט — 219

סאטו-מארע

אָרטאָדאָקסישע צייטונג — 253
מגד ירחים — 210

סיגעט

אויפגאנג — 225
אונדזער לעבן — 293
די יודישע וועלט — 238
דער מונקאטשער הומאָריסט — 188
דער שטערן — 224
דער ראדיאָ 235
הד הגליל — 288
טראנסילוואניער בלעטער — 240
יודישע צייטונג — 182

יודישע פאָלקסצייטונג — 210,186
יודישע פרעסע — 217
יידישע פרעסע — 184
יינג מאראמאָראָש — 271
מאראמאָרעשער בלעטער — 221
סיגעטער צייטונג — 184
שבתון — 287

פּאַקשאַן

לשנה הבאה במצרים — 151

פּיאַטאַ-נעאַמץ

דער שקל — 141
די האָפפנונג — 75
די 9 טעג — 150
יידיש לעבן — 223
לבנון — 138

קעשענעוו

אויף דער וואך 205
אונזער וועג 199, 224
אונזער צייט — 179
אָנזאָג — 222
אקטועלע פּראָבלעמען — 263
בלעטער פאר יוגנט-קולטור — 225
געזונט און היגיענע — 262
דאָס בעסאראבער לעבן 173
דאָס וואָרט — 178
דאָס קאָאָפּעראַטיווע וואָרט — 195
דער איד 173
דער מאָרגען — 171
דער שטוב-זשורנאַל — 238
די וואך — 213
המבשר טוב — 188
הנוער — 198
ערד און ארבעט — 198
פאַרן אידישן קינד 195
ציוניסטישע פּראָבלעמען — 271

קלויזש

די וואהרהייט 262
קול מחזיקי הדת — 210
שבתון — 287

ראָמאַן

דער פאָלקס-דאָלמעטשער — 99
הישראלי — 126
הצופה 91

שאָמקוטאַ מארע

טראַנסילוואַנער יודישע צייטונג — 252

זוכצעטל פון פּאַטאַס

א

אויפגאַנג — 226, 229, 231
אונזער אויפלעבען — 302
אונזער וואָרט — 180, 197, 266
אונזער וועג — 200
אונדזער לעבן — 294
אונזער צייט — 180
אויפבוי — 254
איחוד העפטן — 296
איינס — 264
אינזל — 247
איקוף בלעטער — 281
איקופ בלעטער פאר די קינדערסוועגג — 384

ב

ביולעטין — 296
ביולעטינ פאר די פאָלקס-אטענעעג — 304
ביולעטין פועלי-ציון — 296
בירנבוים נ. ד"ר צו סאָטעק — 132, 133

ג

גאזעטא ראָמענא־יעווערׂיאסקא — 28

ד

דאָס יודישע וואָרט (טשערנאָוויץ) — 247
דאָס יידישע וואָרט — 294
דאָס יודישע פאָלקסבלאט — 164
דאָס נייע לעבען — 168
דאָס פאָלקסבלאטט — 92
דאָס נייע פאָלסבלאטט — 96, 97
די וואָך — 214
די וואָך (בוקארעשט) — 242
דיע יודישע צוקונפט — 123
די נייע צייטונג — 203
דיא צייט — 20
די ריכטיגע יודישע צוקונפט — 143
דער המן טאש — 92
דער וואהרע היועץ — 39
דער וועקער — 159
דער וועקקער — 96
דער יודישע גייסט — 115
דער פּאָליטיקער — 62
דער קולטור וועג-ווייזער — 304
דער ראַדיאָ — 237
דער שטראל — 200
דריי — 270

ה

הגבור — 84
היועץ — 39, 98
הירדן — 242

ו

וועלט-שפיגל — 266

ט

טריבונע — 259
טראנסילוואַניער בלעטער — 237
טשערנאָוויצער בלעטער — 208

י

יודישער טעלעגראף — 56
יודישע פאָלקסבלאַט — 164, 185
יידישע פאָלקסצייטונג — 185
יודישע פרעסע — 185
יודעשעס פאמיליענבלאטט — 84

יינג מאראמאָראָש — 272

ל

ליטעראַרישע בלעטער — 281
ליכט — 153

מ

מונטשיטאָרול עוורעו — 259
מונקאטשער הומאָריסט — 185
מיינע העפטן — 268

נ

נאָך דער פאראייניקונג — 254
נייע יודישע צייטונג — 84

ע

ערד און ארבעט — 197

פ

פאָלקס-צייטונג — 214
פארן יידישן קינד — 194
פיר — 270

צ

צוויי — 264
ציון — 185
ציוניסטישע פראבלעמען — 272
צייטשריפט — 310

ק

קולטור — 163
קולטור 1925 — 164
קולטור בלעטלעך — 302
קורות העתים — 6

ש

שלום עליכמס בריוו צו סאַטעק — 130

ת

תלפיות — 116

אינהאלט

אריינפיר — 7
יידן אין רומעניע — 11
מאָלדעווע האָט די בכורה — 15

ערשטער טייל 1877־1855

קורות העתים — 21
עדות העתים — 26
גאַזעטאַ ראָמענאַ-עווריאַסקע—27
עת לדבר — 31
דיא צייט — טימפּול — 32
היועץ — 35
דאָס יודישע בלאט — 42

צווייטער טייל 1918־1877

רומעניע פּראָקלאַמירט — 47
יודישער טעלעגראַף — 55
דער פּאָליטיקער — 61
ישוב ארץ-ישראל פּרעסע — 68
דיא יהודישע פּרעסע — 70
דער קאָלאָניסט — 72
נייע יודישע צייטונג — 73
דער עמיגראַנט — 74
דער רומענישער איזראַעליט—75
די האָפנונג — 75
דיא וואהרהייט — 75
יהודית — 77
קול רנה — 78
דער יודישער וועכטער — 79
די נייע צייט — 80
די יודישע מאָרגענפּאָסט — 80
התוקע — 80
דער וואנדערער — 81
נייעסטע נאכריכטען — 81
יודישעס פּאָלקסבלאט — 81
נאציאָנאַל — 82
גאַלאַטצער איזראַעליט — 83
הגבור — 83
יודעשעס פאמיליענבלאטט — 86
דער יודישע פּאָלקספריינד — 87
פּורים-בלאַט — 89
דער פּאָלקספריינד — 90
דער פּאָלקס גאָרטען — 90
דער המן טאש — 90
הצופה — 91
אדיאָ — 93
דאָס פּאָלקסבלאַטט — 93
ברית עם — 95
דאָס נייע פּאָלקסבלאַטט — 95
דער פּאָלקס דאָלמעטשער — 99

דיא יודישע פּאָסט — 99
בוקארעשטער איזראעליט — 100
דער גראגער — 101
דער וואהרע היועץ — 102
פאָלקס שטימע — 103
דער קאָמפּאס — 106
דער וועקער — 106
דער ריכטיגע קאָמפּאס — 110
אהבת ציון — 111
דער יודישע גייסט — 112
די אידישע צוקונפט — 122
דיע יודישע צוקונפט — 122
דגל טריעטש — 124
הישראלי — 126
דער אויסוואנדערער — 126
דאָס ליכט — 127
קראָניקא איזראעליטא — 127
פאלעסטינא — 135
דגל מחנה יהודה — 135
דגל יהודה — 136
דורשי ציון — 137
חנוכה — 138
לבנון — 138
תשעה באב — 139
שומר ישראל — 139
המבשר — 139
תקות ישראל — 140
דער שקל — 141
די יודישע וועלט — 141
די יודישע צוקונפט — 141
דיא ריכטיגע יודישע צוקונפט — 142
נס ציונה — 149
די 9 טעג — 150
האור — 150
לשנה הבאה במצרים — 151
ליכט — 152
די פאָן — 156
יצחק ליבוש פרץ — 157
דער וועקער — 157
דער האמער — 161
גרינס אויף שבועת — 161

דריטער טייל 1918 — 1944

פאראייניקט גרויס־רומעניע — 165
דאָס נייע לעבען — 167
אידישע וויסענשאַפט — 168
דער מאָרגן — 171
די פרייהייט — 171
דער פאלעסטינער מאָנאטבלאט — 173
דאָס בעסאראבער לעבן — 173
דער איד — 173
אללגעמיינע יודישע פרעסע — 174
דער וועקער — 174
הומאָר-בלעטלעך — 174
קולטור — 175
גידילע מיט גריוון — 175
דער המנטאש — 176
דאָס יודישע פאָלקסבלאט — 176
היאס — הכנסת אורחים פון א-מעריקא — 177
ארבעטער צייטונג — 178
דאָס וואָרט — 178
גאלאצער יודישעס פאָלקסבלאט 178
אונזער צייט — 179
אונזער וואָרט — 181
יודישע צייטונג 182
המבשר טוב — 188
דער מונקאטשער הומאָריסט — 188
שויבן — 190
גאלאצער יודישעס פאָלקסבלאט — 191
כתבי הזמ"ן — 192
קולטור — 193
דער יונגער קעמפער — 193
פארן אידישן קינד — 195

דאָס קאָאָפּעראטיווע וואָרט — 195
אונזער וואָרט — 196
ערד און ארבעט — 198
הנוער — 198
אונזער וועג — 199
דער שטראל — 201
באַקאַרעשטער כל-בו-ניק — 202
דער שטערן — 202
די נייע צייטונג — 204
אויף דער וואך — 205
יום-טוב בלאט — 505
מצרים וואך — 206
דער יודישער פריינד — 206
טשערנאָוויצער בלעטער — 207
יודישע פאָלקסצייטונג — 210
מגד ירחים — 210
קול מחזיקי הדת — 210
דער קאנטשיק — 211
דאָס יודישע בלאט — 212
מנורה — 213
די וואָך — 213
פאָלקס-צייטונג — 215
געציילטע ווערטער — 216
יודישע פרעסע — 217
דער פארעך — 218
דאָס כאָטינער וואָרט — 219
צוקונפט — 219
דער פלאמענדיקער גראגער — 221
מאראמארעשער בלעטער — 221
אַנזאָג — 222
יוגנט-שטימע — 222
די נשמה — 223
וויאצא עוורעאסקא (יידיש לעבן) — 223
באסאראבער הײנט — 224
אונזער וועג — 224
דער שטערן — 224
בלעטער פאר יוגנט-קולטור — 225
אויפגאנג — 225
די יודישע שטימע — 234
דער ראדיא — 235
די יודישע וועלט — 238
סומך נופלים — 238
דער שטוב-זשורנאל — 238
הדת — 239
חיים נחמן ביאליק — 239
די וואָך — 241
דאָס אידישע וואָרט — 244
קולטור און ארבעט — 245
הירדן — 245
דאָס יודישע וואָרט — 246
אינזל — 250
דער שבת הגדול — 251
אויפבוי — 251
יידיש — 252
טראנסילוואנישע יודישע צייטונג — 252
אָרטאָדאָקסישע צייטונג — 253
אויף דער וואך — 253
קולנו — אונזער שטימע — 253
נאָך דער פאראייניקונג — 255
שויבן — 256
דאָס בעלצער וואָרט — 257
דער נייער גראגער — 257
דאָרנער הומאָר — 258
אונזער טאָג — 258
טריבונע — 258
די אידישע טריבונע — 260
דער איד — 261
געזונט און היגיענע — 262
די וואָרהייט — 262
דרכנו — 263
אקטועלע פּראָבלעמען — 263
איינס — 265
צוויי — 265
אונזער וואָרט — 265
וועלט-שפּיגל — 267
מיינע העפטן — 267
דריי — 269

פיר — 269
ציוניסטישע פראָבלעמען — 271
ייִנג מאַראַמאָראָש — 271

פערטער טײַל 1944 — 1977

נאָכן מבול — 277
ליטעראַרישע בלעטער — 278
יידישע בײַלאַגע מעבטואירע — 280
איקוף בלעטער — 282
שבתון — 287
הד הגליל — 288
דאָס יידישע וואָרט — 290
אונדזער לעבן — 293
איחוד-העפטן — 297
מולדת — 298
ביולעטין — 298
אונדזער אויפֿלעבן — 299
קולטור-בלעטער — 301
קולטור בלעטלעך — 301
ביולעטין פֿון די פֿאָלקס
אַטענעען פֿון בוקאַרעשט — 303
דער קולטור וועג-ווײַזער — 303
ערב — תּאָוו... — 305
...ביז היינט — 308
צײַטשריפֿט 309
א פינטעלע פאַרן סוף פּסוק — 313
אָפּרופֿן 316
זוד־צעטל פון פֿובליקאַציעס לויטן
אלף־בית — 323
זוכצעטל פון נעמען לויטן אלף בית-
זוכצעטל פֿון טאָגצײַטונגען — 334
335
זוכצעטל פֿון מערשפּראַכיקע
פובליקאַציעס — 386
זוכצעטל לויט די שטעט פֿון פּו־
בליקאַציעס — 338
פּאַטאָס לויטן אלף-בית — 342
ביבליאָגראַפֿיע — 348

ביבליאָגראַפיע

1). „רומענישע פּעריאָדישע פּובליקאַציעס" פון נערוואַ האָדאָש און סאַדי יאָנעסקו, בוקאַרעשט, 1913, (רומעניש).

2). „יודישעס לעקסיקאָן", בערלין, 1930. (דייטש).

3). „יודישע נאַציאָנאַל־ביאָגראַפיע" פון ש. וויניגער, טשערנאָוויץ (דייטש).

4). „ענציקלאָפּעדיע יודאיקא" ירושלים, 1972 (ענגליש).

5). „לעקסיקאָן פון דער יודישער ליטעראַטור און פּרעסע" פון זלמן רייזען, וואַרשע 1914.

6). „שריפטן פון ייוואָ: פילאָלאָגישע שריפטן דריטער באַנד, ווילנע 1926.

7). „יידיש־ליטעראַטור אין רומעניע" פון נאַטאַן מאַרק, חיפה, 1971.

8). „שטודיעס צו דער געשיכטע פון רומענישע יידן אין 19טן און אָנהייב 20סטן י"ה" פון ד"ר יוסף קיסמאַן, ניו־יאָרק, 1944.

9). קאָלעקציע „ליטעראַרישע בלעטער" וואַרשע.

10). קאָלעקציעס פון יידישע צייטונגען אין דער ביבליאָטעק פון דער רומענישער וויסנשאַפט אַקאַדעמיע.

11). קאָלעקציעס פון יידישע צייטונגען אין דער ביבליאָטעק פון דער פעדעראַציע פון די יידישע קהילות פון רומעניע.

12). „געשיכטע פון דער יידישער רומענישער פּרעסע אין רומעניע" פון ס. פּאָדאָלעאַנו, בוקאַרעשט, 1938 (רומעניש).

פונעם זעלביקן מחבר

זענען דערשינען

ביי דער טיר (דערציילונגען) טשערנאָוויץ 1937

מיין היים (דערציילונגען) סיגעט 1940.

פרילינג אָן זון (ראָמאן) אראד 1947.

משה (א מעשה ווי אין חומש) אראד 1948.

מאראמאָרעשאנער (דערציילונגען) בוקארעשט. 1975.

לעבעדיקע מתים (ראָמאן), בוקארעשט 1976.

גרייט צום דרוק:

קרעלז פון טוי (דערציילונגען).

א דאנק פארן זעצער

סע קומט א יישר-כוח פארן זעצער, יאַן פּעטרע, וועלכער האָט זיך באמת, הגם ער איז נישט קיין ייד, אז סע זאָלן בלייבן וואָס ווינציקער גרייזן אין דאָזיקן בוך.

אויב סע זענען דאָך געבליבן גרייזן — איז עס די שולד פונעם מחבר גופא, וועלכער האָט ליבער נישט אויסגעבעסערט אלע טעותי הדפוס, וועלכע זענען נישט געווען קיין עיקרדיקע — כדי אויסצומיידן, אז אויסבעסערנדיק זאָלן זיי זיך חלילה פארמערן.

לעקטאָר: איזאָ שאפּירא
טעכנישער רעדאקטאָר: שטעפאַן לעפּאַיעוו

דרוק-פעיק: 22.08.1977. דערשינען 1977.
פארלאג־בויגן: 16.06; דרוק־בויגן: 22.
פאָרמאַט: 16/54×84 טיראזש: 340+45+10+10
פאפיר: הויך־דרוק 84/108/72.6 A.
A 25078/1.12.1976

דער דרוק איז אויסגעפירט לויט דער באשטע־לונג נומער 1131 אין דער פּאָליגראפישער אונ־טערנעמונג „13־טער דעצעמבער 1918" גריגאָרע אלעקסאנדרעסקו־גאס נומ. 89—95 בוקארעשט. סאָציאליסטישע רעפּובליק רומעניע.

VLADIMIR TAMBURU

PRESA IDIȘ ÎN ROMÂNIA

Un centenar (1877 — 1977) de la apariția în București a primului cotidian în idiș din lume

(contribuție la o monografie)

Editura Kriterion, București 1977